STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08753

MAYNE HENT HOBEN FARGOSEN DOS DOZIGE BLUT

Moishe Nadir

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיינע הענט האָבּען פארגאָסען
דאָס דזשוינגע בלוט

וועגען ביכער און טעאַטער

משה נאדיר

פארלאג „ווערבע“
ניו יאָרק, 1919.

Copyright, 1919.
by
MOISHE NADIR,
(Isaac Reiss)

PINSKI-MASSEL PRESS,
84 BOWERY, NEW YORK

ווענן ביכער

די מענשליכע נאַטור

* בוך מיט אַ מאַסע באַלעהרענדען לעזע־שטאָף,
אַרויסגעגעבען פון דער גאַטהייט. זעלבסטפאַרלאַג.

שרייב איך מיר קריטיק.

דער רעדאַקטאָר פון אַ געוויסען וואָכענבלאַט איז געוועזן פריינטליך גענוג מיר אָנצובאָטען די אַרבייט.

איך האָב עס אָנגענומען. נישט ווייל איך דאַרף דאָס געלד — איך בין אַ וואוילהאַבענדער מענש! נאָר ווייל עס איז ביי מיר אַ פאַרגניגען צו רואינירען די קאַריערע פון אונשולדיגע מענשען, ווייל עס איז ביי מיר אַ בלוטיג פאַרגניגען צו זעהן ווי אַזוי שריפטשטעלער וואָס האַלטען ביים אַרויסגעבען ביכער, ווערען פריינטליכער צו מיר פון וואָך צו וואָך. וואָס נעהענטער עס קומט צום טאָג פון דעם ערשיינען פון זייער ווערק, אַלץ צוגעלאָזענער ווערען זיי צו מיר, אַלץ העפליכער, אַלץ מעהר דריקען זיי אויס זייער גלויבען אין מיין טאַלאַנט, אַלץ מעהר זענען זיי איבערצייגט, אַז מיט מיר וועט נאָך אַמאָל קלינגען די וועלט. אַזוי זאָל זיי גאָט העלפען, ווי זיי מיינען עס מיט׳ן גאַנצען האַרץ.

איך בין אַ קריטיקער, אַ שריפטשטעלער. איך קום כמעט אַלע טאָג אין דער שרייבערשער קאַפע, טרינק סעלערי־וואַסער, קוק אויף מיין שטרוי־הוט וואָס הענגט אויפ׳ן וואַנט אַביסעל צו ו ו י י ט פון מיר און איך דריק מיך אויס, אַז מיר לעבען אין אַ גרויסער צייט. קעלנער צאַהלען!

מיינע פארגניגענס זענען וועניג אָבער קאָמפּליצירט. איך האָב ליעב צו זעהען מיין בילד געדרוקט אונטער מיין נאָמען מיט בוימלעך פוןביידע זייטען. אמאָל קומט ארויס א קליינער פלעק אויף׳ן שטערען פון מיין בילד, ווייל די דרוק־פּרעסען ארבייטען נישט אלע מאָל ווי עס דארף צו זיין. דעמאָלט ערגער איך מיך שרעקליך. אין אזא טאָג ווייסען שוין אלע מיינע הויז־מענשען, אז איך בין אין אן אויפגערעגטען צושטאנד און זיי כאפען אוועק די טעלער פון׳ם טיש, איידער איך קאָן זיי דערגרייכען; כאפען ארונטער ס׳שטייגעל מיט׳ן געלען קאנארעק און באהאלטען איהם אונטער׳ן בעט — איך זאָל איהם נישט דערוואַרגען.

— — — אָבער נאָך מעהר ווי מיין בילד האָב איך ליעב צו הערען ווי מען לייענט מיינע שריפטען אין דער הויך. דעמאָלט שטעה איך ביים טיש און קוק כלומרשט אין שפּיגעל צו זעהן צי מיין קראוואט שלאָפט אויף זיין רעגעלמעסיג אָרט. אָבער אין דער אמת׳ן, קלאַפּט מיר די נשמה שטארקער ווי תמיד, א הארצרויטקייט פלאמט מיר ארויף צו די באקען, און אז איך הער ווי מען לייענט מיינע ווערטער, דוכט זיך מיר אז איך רעד דאָס צו זיך אליין מיט א פרעמד קול, וואָס איז אזוי אונערהערט־מעלאָדיש. און יעדער וואָרט איז אזוי קלוג, אז ס׳איז צו שטוינען, ווי אזוי איין (1) מענש אליין האָט דאָס געקאָנט אויסטראכטען.

איך האָב אויך אנדערע פארגניגענס. זיי זענען וועניג קולטורעל, אָבער מענשליך. טיף מענשליך. כמעט יעדע נאכט, אז כ׳האָב צייט, אז איך בין נישט פארנומען מיט באוואונדערען די נאטור, ספּעציעל פאר דעם הערר ווינציגער׳ס זשורנאל, געה איך מיר אוועק אין די פילמבילדער און פאר געצעהלטע צעהן סענט האָב איך דאָס גליק צו זעהן, ווי צעהנדליגע מענשען ווערען דערשאָסען פאר מיינע אויגען, און ווי אנדערע שוועבען גלאט אזוי צווישען לעבען און טויט,

בשעת איך זיץ מיר אין דער קיהל, מיט דעם אויסגע־שטערנטען הימעל איבער מיין קאָפּ, און איך טראכט מיר אזוינע לופטיגע געדאנקען!

איך האָב אויך געוויסע פארגניגענס, וועלכע מענשען רעכענען פאר ג ײ ס ט י ג ע. איינס פאָן אָטאָדי־אָ פארגניגענס איז דאָס פארגניגען פון רעטען די מענש־הייט. כמעט יעדען טאָג רעטע איך די מענשהייט עטליכע מאָל. פאראכטאָגען מאָנטאג האָב איך געגעבען פינף סענט צום רויטען קרייץ און דערמיט געראטעוועט מיליאָ־נען מענשען פון שרעקליכע יסורים. דינסטאָג האָב איך געגעבען פינף סענט פאר דער תלמוד־תורה און געראטע־וועט טויזענדער אידישע קינדער פון דער געפאהר וואָס לויערט אויף זיי אין די קריסטליכע שולען. מיטוואך האָב איך געקויפט א שקארמיץ פאפקאָרן פאר פינף סענט און זיך אליין געראטעוועט פון א זיכערען הונגער־טויט.

אָבער נישט אלעמאָל איז ש ט ע ק ־ ש י ד ־ צ ײ ט אפילו ביי א ליטעראט. דאָס לעבען האָט אויך זיין ערנ־סטע זייט, זיין מעמענטאָ מאָרי. טרעפט אמאָל, אז איך אליין ווער באשריבען אין די צייטונגען, מיינע שוואכקיי־טען ווערען אָנגענומען ביי קאָפּ־און־פיס און געטראָגען אויף די פּלייצעס פון מיינע קאָנקורענטען איבער'ן מארק צו דער הינטערגאָס ארונטער און פון דאָרטען צוריק אין מארק־אריין, כדי אלע זאָלען זעהן און זיך אראָפּנעמען א מוסר.

דער שרייבער ווערט באשריבען, דער קריטיקער ווערט קריטיקירט, און די נקמה איז זיס, וואָס זיסער קאָן גאר־נישט זיין. און אז איך קום אהיים פון מיין שרייב־פעלד, מיט דער פעדער־קאָסע אין האנד, אָנגעברענט פון דער זון פון פּאָפּולאריטעט, און מיעד פון מיין אייגענער גרויסקייט, דעמאָלט קומט מיר אנטקעגען מיין דיענסט און זאָגט מיר, אין א פרעכען טאָן, אז מיר וועלען היינט נישט האָבען קיין האָבערקיכלעך צום נאכטמאָהל, און אז מיינע העמדער מיט די ווייבע קראגענס, וואָס זיינען אזוי

בעקוועם אין די הייסע טעג, זענען נאָך נישט אויסגעפרעסט. עס דויערט נישט לאַנג און איך געפין אויס, אַז מיין דיענסטמיידעל האָט געלעזען די קריטיק איבער מיר, וואו מען זידעלט מיך מיט די ערגסטע ווערטער און דעריבער רעדט זי צו מיר אַזוי פרעך, אַזוי באַליידיגענד.

און אָט אַזוי גייט זיך דאָס לעבן: אַמאָל אַ שוואַכערער פּאַראַגראַף. אַמאָל אַ שטאַרקערער. ווי אין אַ קריטיק. אַמאָל געלינגט עס און אַמאָל געלינגט עס נישט. ווען עס געלינגט נישט, טוט עס מיר אַליין וועה; ווען עס געלינגט, טוט עס וועה יענעם.

ווי געזאָגט: דאָס לעבן גייט זיין געוועהנליכען אָדער אומגעוועהנליכען גאַנג, אָבער גיין גייט עס! די זון קומט אַרויס אַלע טאָג אויפסניי און די היינטיגע נאַכט טויג שוין נישט אויף מאָרגען, זי איז שוין אָפּגענוצט. מאָרגען דאַרף מען שוין אַ שפּאָגעל נייע נאַכט, פּונקט ווי איך מוז אין קומענדען נומער פון דעמדאָזיגען בלאַט האָבען אַ נייעם „בוך־איין — בוך־אויס“.

— — — בין איך מיר אַ גאָט פון קריטיק. אַ קליין גאָטעל, אָבער אַ טומעלדיגעס! ווייל אַלצדינג אין לעבן האָט אַ גאָט. און אַז דער גאָט פון געבראָטענע פּינאַטס דערהערט אַז דער גאָט פון וואַנילאַ־אייז־קרים־סאָדאַ, האָט געוואונען אַ זיעג איבער דער געטין פון שאָקאָלאַד־פּראַפּע, ווערט ער אייפערזיכטיג ווי אָטהעלאָ, און רופט צו הילף אַלע גייסטער פון די פייוו־ענד־טען־סענטס־ביזנעס.

בין איך, אַלזאָ, אַ גאָט און אַ מענש. ביידע זאַכען אויף אַמאָל. איך שטאַרב צוליעב דעם, אַז מיין אומשטערבליכקייט זאָל לעבען, און איך ווער אומשטערבליך אין דער מינוט פון מיין טויט. און אַזוי ווי איך בין זעהר אַ קלוגער מענש (ווי איך האָב דאָס שוין פריהער באַמערקט!) דעריבער טו איך אַלצדינג וואָס איך קען, כדי צו באַקומען אַ נאָמען, און אויב מעגליך

א מערדאל, פאר מיין פאטערלאנד, פאר וועלכען איך קעמף אזוי ריעזינג. איך בין, נעמליך, א גרויסער פאטריאָט. איך גלויב אז יעדער פאָלק איז דאָס בעסטע פאָלק אין דער וועלט. נאָר מיינס איז דאָס ב ע ס ט ע פון אלע. און אז מיר ווערט נמאס די באנאליטעט פון די ווערטער: 1) פאטערלאנד, 2) פאטריאָט, 3) קעמפער, בייט איך זיי איבער אויף די ווערטער: 1) שוועבעלזאפט, 2) שטרוקס, 3) פישפושער, און איך זאָג — כמעט דאָסזעלבע וואס אלע שטרוקסען זאָגען, — נור מיט אַנדערע רייד: „שטרוקסען" זאָג איך „פישפושערט", פאר אייער שוועבעלזאפט. יעדער אמת'ער „שטרוקס", זאָג איך, מוז פישפושערען פאר זיין שוועבעלזאפט. „דער וואָס פישפושערט נישט פאר זיין שוועבעלזאפט" — זאָג איך, — „איז נישט קיין אמת'ער שטרוקס".

און אַט־אזוי־אָ, האָב איך מיר מיינע פארגניגענס, מיין ארבייט, מיין שפילעריי, און קיין זאך געהט ביי מיר נישט פארלוירען. איך האָב אַ נאָטיץ־ביכעל. פארשרייב איך מיינע טיפע לײדען און — איך לעב פון זיי.

און מיין פאך איז אַ גוט פאך. ס'איז גרינג. זויבער. די ארבייט איז א שטענדיגע, און די צאָהל פון פערזענליכע שונאים וואקסט פון וואָך צו וואָך. און זייערע רייהען פארמעהרען זיך, ווערען מעכטיגער און עס איז פאראן אַ געפאהר, אַז זיי וועלען זיך ארגאניזירען אין א קערפערשאפט און — ווער וועט פארזארגען מיינע קינדער? ווער וועט זיי שפייזען? ווער וועט אכטונג געבען, אז זיי זאָלען זיך אלע טאָג וואשען די אויערען, פארקעמען, אויספלעכטען צעפּ? אויף גאָט קאן מען זיך נישט פארלאָזען.

דערוויל אָבער בין איך פארנומען מיט קריטיק. און דאָס לעבען איז אזוי אונפארשעמט קורץ. און מען מוז זיין שפארזאם מיט דער צייט, מען מוז עקאָנאָמיזירען די ליעבע, דעם האס, די סימפאטי, עטצעטרא. און אזוי ווי א ל ע מיטעלמעסיגקייטען פון דער וועלט קען איך

נישט פיינט האבען, האב איך פיינט מ. ב. און אזוי ווי אלע טאלאנטען פון דער גאנצער וועלט קען איך ניט ליעב האבען, האב איך ליעב אברהם רייזען, שלום אש, און ראלניק'ען. און אזוי ווי צו אלע אנגעבלאזענקייטען קען איך נישט זיין פיינדליך, בין איך פיינדליך צו אפאטאשו'ן. און אזוי ווי איך האב נישט קיין צייט צו זיין גלייכגילטיג צו א ל ע עהרליכע מענשען, בין איך גלייכגילטיג צו ח. מיניקעס.

נו, איז נישט די מענשליכע נאטור — ב י ן א י ך נישט א וואונדערבאר בוך, מיינע הערען? לעזט מיך! איהר וועט א סך לערנען דערפון.

מענדעלי מוכר ספרים

מענדעלי — דאָס איז דער גלייכער וועג, וואָס ציהט זיך אהין־אהין, אייביג־אהין, שטענדיג־אהין. — דער וועג צו די אלטע דורות, דער וועג צום אייביגען קוואל פון אונזער געשיכטע, דער הויכוועג און ווייט־וועג און טיף־וועג צו דער פארגאנגענער אייביגקייט, וועלכע באַשאפט זיך אויפ׳ס ניי איטליכע מינוט פון אונזער לעבען.

מ׳דארף נישט פארגעסען: מענדעלי איז באנאל. די יוגענד איז עס נ י ש ט. היינע איז באנאל — פרײנד איפּסעלאָן נ י ש ט. געטהע איז באנאל, טהעקערי איז באנאל, דיקענס איז באנאל, גאָגאָל איז באנאל — אלע גרויסע דיכטער און קינסטלער זענען פארבאנאליזירט געוואָרען פון ד ר ו י ס ע ן. מ׳האָט זיי איבערגעשריבען און נאָכגעשריבען און מיטגעשריבען אזוי לאנג, ביז וואנען זיי זענען געוואָרען אזוי שאבלאָן, ווי לבנה־און־שטערען, ליליען און רויזען, טוי און נאכטיגאלען.

ליליען זענען וואונדערליך שעהן. רויזען? — איך געה אוים נאָך רויזען, איך שטארב נאָך זיי. לבנה, דו בלייכע לבנה, דו אומעטיגע, ווי איך האָב דיך ליעב! און פונדעסטוועגען היט איך מיך ווי איך־ווייס־אליין־נישט־וואָס, אז איך זאָל מיך חלילה נישט ארויסכאפּען מיט אזא באנאל וואָרט ווי לבנה־שטראלען, אָדער ליליענפינגער, אָדער עהנליכע שעהנע זאכען.

די עטליכע פאראינגעלשטע יונגע — די וואָס פאַר־קינדישען אונזער שעהן־ליטעראטור, זענען נישט שטארק

פארליעבט אין מענדעלי, ווייל ער איז נישט נ י י. נו, פארשטעהט זיך. זיי זענען נ י י ע ר — וועלען אייביג ב ל י י ב ע ן ניי, גלאנציג מיט פערעלדינען שוויים־גלאנץ. זייערע ווערק וועלען קיינמאל נישט אבגענוצט ווערען פון צופיעל געברויך, וועלען קיינמאל נישט האבען אויף זיך דעם הייליגען שטויב פון אלטקייט, פון געשיכט־ליכקייט. נאראנים עלטערען זיך נישט. זיי האלטען זיך תמיד אין דער מאדע. און ווען די מאדע איז צו זיין טראגיש און גאטזוכענדיג, און ערדעל־פיין, און אומעטיג — טוט מען עס. דער וואס האט נישט קיין אייגענע פערזענליכקייט קאן אננעמען אלערליי פאזען און זשעס־טען; און אז ד י נוצען זיך אפ, נעמט ער אן אנדערע, נייערע, פיינערע, באקוועמערע. וואס פאר א דאגה האט ער!

מענדעלי איז, פארשטעהט זיך, אלט. אבער אין זיין צייט, איז ער געווען יונגער, פייערדיגער, רעוואלוציאנע־רער ווי א סך פון אונזערע יונגע. מנדעלי לאכט פון אלטקייט ווי נאר איינער! מענדעלי שפעט־אפ פון די וואס גלויבען, אז יענער איז געווען פאר מיר, דערפאר איז ער מסתמא געווען קלוגער. מענדעלע לאכט פון די אמאליגע „אלטע" וואס פלעגען זינגען פון „אינדען וואס טוען צעברעכען זייער דארשט" און „וואס שפיעלען און שאלען א לויב ליעד דער געליעבטער כלה". פון די וואס שרייבען „א הארבען אץ־קוציץ־לשון און אידען זענען זיך מחיה, ווייל ס'איז אונמעגליך צו פארשטעהן".

מענדעלי'ס פאעזיע איז נישט קיין אויסגעדיכטערטע, פון ביכער ארויסגעלערענטע, ווערטערדיגע. מענדעלי'ס פאעזיע איז רויהע פאעזיע — נישט געפאלירט און נישט געקינסטעלט, נאר ווי זי קומט פון דעם אידישען לעבען ארויס. מענדעלי'ס פידעלשפיעל, איז לויטער פיעדעל־שפיעל אהן די קונצען פון מאכען מיט די פינגער, פון ווארפען מיט'ן קאפ פון חן ווענען.

מענדעלי מאכט אליין זיין פידעל — זיין געצייג. און

אויב אפילו זיין ליעד איז אמאָל נישט אזוי הויך אינטע־רעסאנט, איז אָבער דער פידעל שטענדיג ציטערדיג, שטענדיג קלאָגענדיג, און — ווי אין יענער לעגענדע פון דעם פידעל וואָס מ׳האָט געלייגט אויפ׳ן קבר פון א דער־הרג׳עטען פרינץ — שפּיעלט ער פון זיך אליין. און ער באוויינט און באקלאָגט דעם געשטאָרבענעם פרינץ — דאָס פ ר י נ צ ל י כ ע, דאָס פאַרגאַנגענע.

מענדעלע, דער נישט־דאָס־בין־איך־אויסען־מענש, איז שטענדיג עפּעס אויסען. זיין נישט־אויסען־זיין איז בלויז א לשון סגי־נהור, אן אָנשטעל. מענדעלי איז דער א ו י ס ע נ ד י ג ס ט ע ר פון אלע אידישע שרייבער. אפשר שוין אביסעל צ ו פ י ע ל אויסען. אָבער ווער קאָן זאָגען צום דעמב „אזוי זאָלסטו וואקסען״? ווער קאָן קאָן פאַרשרייבען מענדעלי׳ן זיין וועג, זיין מאניר, זיין סטיל?

מענדעלי׳ס כתבים זענען געשריבען פאר תלמוד׳ישע מענשען, פאר מענשען וואָס ל ע ר נ ע ן — נישט פאר אזוינע וואס ל י י ע נ ע ן. מען דארף לערנען א קאַ־פּיטעל מענדעלי, ווי מ׳דארף לערנען א פּרשי רש״י אָדער תוספות. מענדעלי באשרייבט נישט דעם איד, נאָר דאָס אידישקייט, נישט די וועלט, נאָר דאָס וועלטליכע. מענדעלי זאָגט וועגען סענדערל׳ען, אז עס האָט איהם גע־צויגען אהין, אהין דאָרט אין ווייטע מקומות אריין. ד אָ ס ה א ר ץ ה אָ ט ז י ך א י ן א י ה ם ג ע־צ ו י ג ע ן א ז ו י ו ו י ק ל י י נ ע ק י נ ד ע ר צ י ה ע ן ז י ך מ י ט ד י ה ע נ ט ל ע ך ק ע נ ע ן ד ע ר ל ב נ ה. זעהט איהר שוין: קינדערלעך מיט בלינדע אויגען בענקען נאָך דער לבנה — נישט נאָר ביי אונזער יונגסטען, נאָר אפילו ביי אונזער זיידען. נאָר דער זיידע זאָגט עס שענער, פיינער, אמת׳דיגער. ביי מענ־דעלי׳ן אז די זון געהט־אויף, קוקט זי אראָפּ מיט איהר ליכטיג פּנים. איין קוק איהרער האָט מחיה געווען איט־ליכע זאך באזונדער. ביימער און גראָזען האָבען ווי זיס געשמייכעלט איידער די גרויסע טרערען טוי פון ביינאכט

זענען ווי אויסגעטריקענט. אקוראט ווי קינדער צעלאכען זיך פלוצים אין מיטען א געוויין".

און מענדעלי'ס הומאָר. ווי ערדעלשעהן איז ער, ווי טיעף, ווי גרויסשטריכיג! די בלאַטע אין גלופּסק איז ביי איהם אזוי שיטער און טיעף, אז אפילו א הויכגעוואקסע־נער מענש, מוז זיך פארשפריצען ס'היטעל. דאָס וואסער פון דעם אידישען טייך פּיאטיגניליוווקע איז אזוי געדיכט, אז בנימין לייגט זיך אין דערמיט פולע קעשענעס און הייסט סענדערל'ן זיך מאַכען דערפון א פּעקעל. מענדעלי באשרייבט די אידישע הייזער, ווי זיי שטעהען עפּעס ווי אָנגע'ברוגז'ט איינס אויף דאָס אנדערע. שטעהסט דו ארויסגערוקט, זאָגט איין הויז, שטעה איך מיר דוקא ארייגערוקט. שטעהסט דו מיט'ן דעבעל א ה אָ פּ, שטעה איך מיט'ן דעבעל ארויף.

מענדעלי'ס גרויסקייט איז פון יענעם סאָרט וואָס דערוויימערט אביסעל, וואָס פארפרעמדט, וואָס שטעלט אוועק א ווייטע גרעניץ צווישען אייך און זיינע באשאפע־נע געשטאלטען. ער גיט אייך דאָס בילד און ד י ד י ס־ ט א נ ץ, כדי איהר זאָלט קאָנן זעהען זיינע נישט ליעבע מענשען אין דעם וויכערען ליכט פון פארגעבונג, אין דעם מאט־ליכט פון פארגאנגענקייט, פון עפּעס וואָס איז ווי א גראָהער פלעק געבליבען אויף די בלעטער פון אונזער לעבען.

מענדעלי איז געדאנקליך, אָבער נישט דענקעריש. מענדעלי איז א חכם, אָבער ער חכמה'ט זיך נישט. ער שטראָפט און שילט. ער שמייכעלט און גלעט, ער גיפּטיגט און היילט, אָבער דאָס אלצדינג ווערט געהייליגט אין די טיעפע פייערען פון ליעבשאפט און געטריישאפט. מענ־דעלי שרייבט און ערגערט זיך. ער שרייבט און סע טוט איהם וועה. ער שרייבט און פרעהט זיך, ער שרייבט און שפּיעלט א ליעבע מיט דאָס געשריעבענע, און די ווערטער זענען רונד און פערלדיג, און בעטען זיך: שרייבט מיך אויף אויף פּארמעט, ווייל איך בין אייער הייליגע שריפט,

ווייל איך בין דאָס פאַרגאַנגענע אידישע לעבען, וואָס קעהרט זיך מעהר נישט אום. מענדעלי'ן מעהר ווי וואָסער־עס־איז אַנדערען אידישען שרייבער — איז געלונגען פעסטצוהאַלטען די פאָרמען פונ'ם פאַרגעהענדיגען דור, פון דעם אַלטען דור, וואָס האָט געליטען פון בעלי־טאַקסע און פיינע בריות. ער איז אַ חוץ דער גרויסער אידישער שריפטשטעלער, מיט אַלע זיעבען חן'ען פון אמתער אידישקייט, אויך דער געשיכטע־שרייבער, דער פאַרצייכענער פון אידישע מנהגים, פון אידישע גענג, פון אידישע צרות־און־נחת, ער איז דער עקספּאָנענט פון דער אידישער נשמה, ווי זי האָט זיך ענטפּלעקט אין די פאַרשאָלטענע יאָהרען פון איהר גלות.

מיר, די היינטיגע, די נייערע האָבען געמאַכט אַ פעטיש, אַן אָפּגעטט פון אונזער אייגענעם טראַגיזם. מיר דיענען צום בלאָה־בלייבען גאָט פון מעלאַנכאָליע און צער, מיר וואַלגערען זיך אין אַ פעטען אומעט און מיר ווערען דערפון געזונט. מיר פרעסען דעם זעלבסט־שמערץ מיט גרויסע לעפעל, און דאָס פאַרשאַרפט אונזער ליידיגען אַפּעטיט צום לעבען. אונזערע טרערען זענען פיש־אויל פאר אונזער געמיט. מיר שטעהען פאַר'ן שפּיגעל און מיר מעסטען זיך אָן די וואונדערבאַרע פּאָזע פון אַ רעוואָלווער לעבען דער שלייף. מיר זענען יונג און אויסגעלעבט און פאַרקרימט, און גאַרנישטווועלענדיג. מיר בלאָנדזשען ארום און מיר זוכען נישט. מיר האָבען גאַרנישט און מיר ווייסען נישט ווי אזוי עפּעס צו **ווע־לען**.

מענדעלי איז געווען דער נבאי, מיר זענען די בייזע נבואה. מיר שפּיעלען און פאַרשפּיעלען זיך מיט אַלערליי נאַרישקייטען, מיר זינגען מיט גאָלדענע צווייטען און מיר טראַכטען מיט זילבערנע פליטערלעך. מיר האַלטען אָפען אַלע טהירען פון אונזער געמיט, אָבער וואָס קאָנען מיר זעהען דאָרט־אינעווועניג?

מענדעלי איז געווען דער יונגער, דער יוגענדליכער,

דער מענש מיט א וואונש און א ציעל. לאמטערען און וואנדערשטעקען אין האנט, איז דער זיידע געקראָכען איבער די בלאָטעס פון גלופסק און טונעיאַדיווקע, געשאָלטען און זיך געבייזערט, און כסדר האָט ער געהאַלטען ס'אויער צו דר'ערד, צו קומט שוין נישט אפשר דער פארשפעטיגטער משיח, און אפשר קאן מען איהם אונטעראייַלען. ער האָט געזעהען דאָס טראַגישע פון אונזער לעבען. ער האָט זיך דערביי פארטראַכט. ער האָט געזעהען ווי גרויס גאָטס וועלט איז און ער האָט געטריבען דאָס פאָלק ישראל מיט בייטשען ארויסצוגעהן אויף דער וועלט, און זיין מיט מענשען גלייך. ער האָט געוואָלט אז אידען זאָלען זיין „מיט מענשען גלייך"; — מיר גלויבען בכלל נישט זעהר שטארק אין מענשען. ער האָט געמיינט, אז א איד דארף זיך נאָר גוט ארומזייפען, אראָפוואַרפען ס'שטריימעל, ווערען א זשענטעלמאַן און ער איז געראַטעוועט — מיר גלויבען אז ס'איז גאָר קיין רעטונג נישטא פאר דעם לעבען, און אז אזוי צו אזוי, ציהט אלץ אונזער הארץ אהין־אהין, אזוי ווי קליינע קינדער ציהען זיך מיט די הענטלעך צו דער לבנה.

יהואָש

„פון ניו־יאָרק ביז רחובות און צוריק".
פאַרלאַג: היברו פּאָבלישינג קאָ.

איז ער געפאָהרען, אונזער ליעבהארציגער יהואש, „פון ניו יאָרק ביז רחובות און צ ו ר י ק". דאר'ין איז יהואש געגליכען צו דער צווייטער עוועניו. די צווייטע עוועניו, ווי אַלע ווייסען, געהט אויך א ה י ן און צ ו ר י ק. כמעט אַלע בעסערע גאסען (ווי אַלע בע־סערע דענקער) געהען אהין און צוריק. די גאנצע געאָ־גראפישע לאגע פון אמעריקא געהט אהין און צוריק. און ווען זי איז שוין געקומען צוריק, הויבט זי ערשט אָן געהן צוריק א ה י ן, און דאן ווידער צוריק א ה ע ר און דאן ווידער א ה י ן, און דאן ווידער צוריק.

מילא, עס איז שפּעט און מיר דארפען נאָך היינט דענקען פארשידענע געדאנקען. אקוראט זעקס א זייגער. אז מע'ט דערלעבען מיט געזונט, וועלען מיר, צום ביי־שפּיעל, טראכטען דעם פאָלגענדען געדאנק: יהואש איז זעהר א וואוילער, זעהר א געדאנקליכער דיכטער און אלס מענש באליעבט ביי אלעמען. ביי אונז אויך. אָבער ווען סע קומט צו רייזע־באשרייבונגען — און אידען זענען דאָך דאָס ר י י ז ע נ ד ס ט ע פאָלק אויף דער וועלט! — פארלאנג איך, אז דאָס וואָס א וואנדערער האָט צו דערצעהלען, זאָל זיין עפּעס מעהר ווי די פּאָפּו־לער־בעדעקער'שע רייזע־אינפארמאציע דורכגעפלאָכטען מיט פיין־מליצה'דיגע, קלוגע אנעקדאָטען פון דעם סאָרט

וואס הויבען זיך געוועגליך אָן מיט די ווערטער: „דאָס דערמאָנט מיך גראָד אין א געשיכטע".

„פון ניו יאָרק ביז רחובות און צוריק" איז א רייזע־באשרייבונג פון א רייזע באשרייבער. נישט פון קיין מענש וואָס פאָהרט ארוים אויף דער וועלט, און פאָה־רענדיג זעהט ער, און זעהענדיג פארגעסט ער אז ער איז געבוירען געוואָרען צו שריפטשטעלערען, און ער עפענט אויף אלע פענסטער פון זיין נשמה און די בלויגאָלדיגע לופט פון רייזע־אוואנטיורען בלאָזט אריין און ארוים, אהין און צוריק. מילד און לינד, און נישט פארשטענדליך ווי דאָס שעהנסטע פון לעבען.

ניין, יהואש פארשטעהט אלצדינג. ביי איהם איז אלצדינג אזוי העל, אזוי ווייס, אזוי נישט־פארשאָטענט. ער פאָהרט און שרייבט — ער שרייבט און פ אָ ה ר ט. ער פאָהרט שרייבענדיג און שרייבט פאָהרענדיג, און אלצדינג וואָס ער באשרייבט איז אזוי קינסטלעריש־גענוי־אויף־א־האָר, אזוי איך־גיב־דיר־עס־איבע'רדיג!

* * *

יהואש'ס רייזעבאשרייבונג איז דורכגעזאפט מיט זונענשיין און בלוי־הימעלדיקייט. נאָך איידער ער האָט פארלאָזען ניו יאָרק האָט ער שוין ביי זיך אין געדאנקען אָנגערופען ארץ ישראל „דאָס לאנד פון זונענשיין". דאָס גאנצע בוך טריפט מיט זונענשיין און לבנה־שטראַלען. עס איז א ליכטיג בוך. עס איז צייטענווייז, אזוי ליכטיג אז עס שטעכט די אויגען. ס'איז א גאָלדענער זייגער, באַ־גאָסען מיט געמאָלענעם גינגאָלד און באשאָטען מיט די־מענטשטויב און איינגעטונקען אין רובינען־זאפט. עס איז א יובעליר געשעפט, וואָס באשטעהט פון לויטער שויפענסטער. און יעדער שויפענסטער האָט זיבען גאָל־דענע שויבען, און יעדער גאָלדענע שויב האָט זיבען דימענטען, און יעדער דימענט האָט זיבען סמאראגדען, און יעדער סמאראגד האָט זיבען זונען און פון יעדער זון

גיסען זיך גאנצע „טונען מיט בורשטיין", וועלכע דער־מאָנען אַן אַ זונגעקושטען זונענאונטערגאנג.

איך האָב געלעזען — ש ט א ר ק געלעזען! — דאָס ערשטע בוך „פון ניו יאָרק ביז רחובות" און איך בין געווען איבערראשט פון יהואש'ס כח צו באָאָבאַכטען. ער באַאָבאַכטעט בייטאָג און ער באַאָבאַכטעט ביינאַכט. און ווען איהר זאָלט איהם אויפוועקען 2.30 פארטאָג און אַ זאָג טון: י ה ו א ש, ד י ו ו ע ל ט ג ע ה ט א ו נ ט ע ר! וועט ער גלייך אָנטון די ברילען און נע־מען באָאָבאַכטען דעם זעלטענעם וועלט־אונטערגאנג, און דערנאָך וועט ער איהם באשרייבען אין אַ בוך, מיט קאַ־פיטלען, און יעדער קאפיטעל וועט זיין באוואכט פון צוויי ליעדער — איינס פון פאָרענט און איינס פון הינטען. זאָל איהם גאָט נישט שטראָפען דערפאר!

יהואש דער באָאָבאַכטער און דער דענקער! — איך למשל, פאָהר אויף אַ וועליסאָפעד און דענק. איך ראזיר מיך און דענק, איך ערקלער זיך אין ליעבע און דענק. איך בין נישט קיין דענקער, פארשטעהט איהר, דערפאר מאַך איך נישט קיין וועזען פון דענקען. אָבער יהואש ד ע נ ק ע ר ט דורכאויס און פאָלשטענדיג און אהין און צוריק. דאריבער: נעמט ער אַ יעדער וואָרט און צעשפּאַלט עס אויף צווייען און לייגט אריין אינעווייניג אַ מין געדאנקענראָזשענקע, כדי עס זאָל זיין פול מיט אינהאַלט.

אַ פארגלייך: יהואש און פרץ הירשביין. — הירש־ביין פאָהרט דורך עטליכע מאָל דעם ערדקוגעל, שרייבט ער אָן דעריבער אַן אימפּרעסיע פון צוויי קאָלומנען; יהואש פאָהרט פון ניו יאָרק ביז נומער 136 הערצעל־גאַס. רחובות, שרייבט ער וועגען דעם אַ בוך — צ ו ו י י ביכער, ד ר י י ביכער, עס האָט נישט קיין שיעור.

און וואָס באָאָבאַכטעט אַזוינס אונזער יהואש?

אין רוים, למשל, באָאָבאַכטעט ער, אַז כמעט אַלע איטאַליענער רעדען איטאַליעניש. נעמט ער און פאר־

שרייבט עס. אין מאַנטע קאַרלאָ באַמערקט ער אַז מענ־שען שפּיעלען רולעט־שפּיעל — פאַרצייכענט ער עס אין אַ באַזונדער קאַפּיטעל. אין מאַדעראַ באַמערקט ער אַז מענשען טרינקען מאַדעראַ־וויין, — נעמט ער און שטעלט עס אַריין אין בוך. אויפ'ן אָקעאַן באַמערקט ער ווי די שיף וויעגט זיך אויף די כוואַליעס הין־און־צוריק; אין בלאָהע נעכט באַמערקט ער אַז דער הימעל איז בלאָה און לויטער; דערזעהט ער ביילים'ען באַמערקט ער אַז ער, מענדיל ב., האָט אַ באָרד און אַז ער שטאַמט פון אַ פּראָסטער פאַמיליע; אין נעאַפּאָל, אָדער ערגעץ־אַנדערש, רעכענט מען איהם איבער עטליכע סענטען פאַר איבער־פיהרען ס'געפּעק, פאַרצייכענט ער עס פאַר די צוקינפ־טיגע דורות, עטצעטערא, עטצעטערא.

* * *

לעזענדיג יהואש'ס רייזעבאַשרייבונג, פאַלט מיר איין, אַז די אידישע שפּראַך איז געגליכען צו מצה. מצה אַז מ'הויבט אָן קייען, קאָן מען נישט אויפהערען. עס עסט זיך אַליין פון זיך, אַזוי צו זאָגען. אויף קיין שפּראַך קאָן מען נישט אַזוי פיעל רעדען ווי אויף אידיש. אידיש איז אַ שפּראַך וואָס רעדט זיך אַליין פון זיך, און וואָס מעהר מען רעדט, אַלץ מעהר ווילט זיך.

אין אידיש, למשל, קאָנט איהר זאָגען „ווימלען", און אויב שוין ווימלען, ווארום נישט טימלען, ברימלען, גרימלען, שטרימלען, פרימלען א. ז. וו.? אין אידיש קאָנט איהר זאָגען, אַז ער „צ ע פּ ו ט י ע ט דעם גאַנ־צען עסק". איהר קאָנט (ווי ביי יהואש'ן) „אָנהויבען מאַכען ה כ נ ו ת צו דער רייזע", אָנשטאַט „זיך גריי־טען אין וועג־אַריין". איהר קאָנט עס טון מיט פאַרדראָ־ווענקייט און אימפּעט, אָט אַזוי ווי שוין מאָרגען ר י י ז איך אָפּ. (בלעטעל 7).

אויף אידיש קאָן מען זאָגען: אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען קאָכען און ש ו ו י מ ל ע! (זייטע24) און

מען קאָן אויך זאָגן „שלאָגבאָם“ אָנשטאַט „שטאַנגען“, אָדער ש ר א נ ק, אָדער ר אָ ג א ט ק ע אָדער — אין ערנסטען פאל, „שלאָגבוים“. מען קאָן אויך זאָגן „פּיצימאָנציִנקע מדינה'לע“ (94), אָדער „ק ו פּ ק ע ל ע ך גאָלד“ (98), אָנשטאַט הויפענס גאָלד, און נאָך אזוינע א ו נ ש פּ ר א כ ל י כ ק י י ט ע ן — אויב יהואש'ס ווערטער־בוך וועט מיר ערלויבען צו נוצען אזא וואָרט.

* * *

פראגע: פאַרוואָס לעז איך א בוך? ענטפער: איך לעז א בוך, ווייל איך האָב פיינט ביכער; ווייל ס'איז מיר דערווידער צו זיצען אין קאווע־הויז און צו הערען ביכער. ווייל איך בין מיד פון רעדען ענציקלאָפּעדיען. געה איך אוועק א היים און לעז א בוך. וויל איך דאָס מענשליכע, דאָס ריין־פערזענליכע, דאָס אונפּראָפעסיאָנעל־ליטעראַרישע פון דעם בוך ארויסלעזען, וויל איך דעם מענש דערזעהען, מיט זיינע שוואכקייטען, זיינע קאפּריזען, און זיך פרעהען אָדער ערגערען איבער דעם.

יהואש'ס „רייזע“ איז דורכאויס בוך, פון דעם ערשטען באנד ביז צום סוף און צוריק. ביי יהואש'ן איז אלצדינג פּינקטליך אויפ'ן אָרט, ו ו י ע ס פּ אַ ד ע ר ט ד י ל א ג ע. ער פאַרפריוואטיזירט נישט קיין איין שורה פון זיין בוך, עס איז בלויז א בוך און נישט מעהר ווי בוך, אזוי העלפט מיר גאָט, אָמן!

יהואש איז א ספּעציאַליסט אין אלצדינג. ער איז א טיכטיגער דענקער, א פיינער הארציסט, א געטרייער זעהער, א פלייסיגער הערער, אן איבערגעבענער זונשייןטרינקער, און ער ווייסט ווי אזוי מ'צעשטעלט דאָס אלצדינג אויף אן אָרט. בלעטעל אזויפיעל און אזויפיעל — ווייסט ער — פּאַסט זיך א ביסעל באַאָבאַכטונג. הערצוים דערמיט. פאַרטיג! איצט דף אזוי און אזוי

— שאַ, דאָ וואָלטען זיך געפּאַסט אַריינשליפען עטליכע זפאַריזמען־עדעלשטיינער. פאַרטיג. שוין אַריינגעשליפען. איצט — וואָס נאָך? אהא! אַ ביסעל ליריזם — אַ דרעה דעם נשמה־קראַן מיט דער אויפשריפט „ליריק" און — בע פלייצט מיט ליריזם. 14 קאַראַט ריין. איצט גלאַט אַזוי גלייכוווערטער, וואָרטשפּיעלען. און פּעט באַשמירט איז דאָס ברויט וואָס ליגט אין זיין רייזע־זאַק, און טאָ־פּעל־באַפּוטערט מיט זונענשיין, און — טאַקע נאָך אַמאָל — אויף בלעטעל נומער 8, דיק באַשיינט מיט זונענשיין. אַזוי געהען בלעטער נאָך בלעטער. אָפט פיינפּינקעל־דיג ווי דאָס בייטאָגיגע זאַמד פון דער מדבר און אָהן דער געפאַהר ,אַז דער שטורעם־ווינד וועט אָנקומען און די טויטע זאַמד קערנער לעבעדיג מאַכען. אין יהואש'ס רייזעבאַשרייבונג איז בכלל נישטאָ קיין מעגליכקייט, אַז ס'זאָל אַריינוועהען אַ ווינד. עס איז פאַרמאַכט און פאַר־ריגעלט אויף די זיבען ריגלען פון תורה, חכמה און ווי־סענשאַפט. יהואש האָט נישט נאָך באַשריבען זיין רייזע, נאָר ער האָט — ווי ס'איז די מאָטאָ פון דער העכסט־לאַנגווייליגער „טיימס" — באַשריבען אַלצדינג וואָס איז פּאַסיג באַשריבען צו ווערען. ער האָט באַזונגען אַלצדינג וואָס איז ווערט באַזונגען צו ווערען. נישט מיט האַרץ־שטורם, נישט מיט פלאַטערגעפיהלען איז ער צו־געגאַנגען צו זיין אַרבייט. זיין ליעבע צו פּאַלעסטינאַ איז נישט די אונרוהיגע פאַרצעהרענדע ליעבע וואָס מען פיהלט צו אַ געליעבטער. עס איז די ליעבע צו אַ געזעצ־ליך ווייב. עס איז אַ רוהיגע, העכסט־סאַניטאַרישע, צוועקמעסיגע ליעבע — מיט אַן אויסקוק אויף רעזולטאַ־טען. זיין באַפּליגעלטקייט איז אַ מין שטעק־שיך־באַפלי־געלטקייט, וואָס מאַכט גרינג די טריט און ווייך דאָס געמיט. דאָס אויג נעהט זיך אַרום אין פעלד און סע זעהט נייע בליהעכצען, און ס'אויער — אַז עס האָט נישט וואָס צו טון — הערט עס היימע סודות. און סע הערט, — אויף בלעטעל נומער 191 — ווי די

פיינגעל האָבען זיך פאַנאַנדערגעסווישטשעט מיט גרויס אימפעט. און ווערט אונזער ליעבער יהואש וואָרט־באַשעפעריש, גיט זיך איהם נישט איין און סע קומט ארויס, אויף בלעטעל 167: פאַנאַנדערזונדערעס.

* * *

יהואש איז אַ גוטער רייזענדער, אַ פיינער וואָיאַזשער — אין אַמעריקאַנישען זין פון וואָרט. יהואש פאָהרט אויפ'ן הויכען ים פון געשעהענישען אָבער פון גייסטיגער זעעקראַנקהייט ווייסט ער נישט. זיינע ים'ען — איך ברענג אַ ציטאַטע פון י. ראָלניק — זענען שטילע. אָבער זיינע שיפען? — געהען זיינע שיפען ווייט? ווייטער ווי מען דאַרף? ווייטער ווי עס פאָדערט די געדאַנקליכע פערעל־זוכעריי און דער פאַנג פון הויכרויט־פּאָעטישע קרעלען?

זיינע ים'ען זענען שטילע. און אַ גוטער מאַטראָז איז ער. פאָהרט ער אויף זיין געמיטליך שלעפּ־שיפעל, מיט דער רעכטער האַנט אָראָפּגעלאָזען אין וואַסער און וואָס די האַנט געפינט — איז גוט. אַמאָל בויגט מען זיך אַריבער און מען זוכט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַ גלאַנץ־פערעל. פּעריל, פּעריל קום ארויס! פּעריל־פּעריל קומט ארויס. נעמט זי יהואש פאָרזיכטיג מיט צוויי פינגער, וואַשט זי אין גילדערנעם מבול פון זונענשיין, און דאַן געהט ער מיט איהר אריין אין זיין פּריוואַטען געדאַנקען־קאַבינעט. שאַ, עס איז שטיל. אויפ'ן שלייפשטיין פון געדאַנקען, שלייפט יהואש די פּעריל אַזוי לאַנג ביז וואַנעט זי באַקומט דעם ריינליטער־ראַרישען גלאַנץ, דאַן שטעלט ער זי אַוועק אויף בלעטעל 30 און: — די פעלדער ווערען בוכשטעבליך (אַנמערקונג: מיט אַ גאַראַנטי אויף צוויי יאָהר!) באַדעקט מיט בלומען, אָהן די שווירינקייטען פון בלעטעל 29.

פאָהר איך מיט יהואש'ן. איז מיר נישט גוט און

נישט שלעכט, נאָר ס'איז מיר אויסערגעווענליך גוט אויף א ריעזיג־מאמאָט־קאָלאָסאַל־גיגאַנטישען אופן. די וועלט איז שעהן פון אויבען ביז אראָפּ און, צוריק. אומעטום זונענשיין. א זופּ זונענשיין און פארביסען מיט דעם טייערען שטיקעל גליק. פארגלוסט זיך אונז און אנדערע פארוועלעניס, ווי אויף הף 78, געהען מיר צו דער כותל מערבי און מיר באשרייבען פינקטליך און בוכשטעבליך יעדער עזעל־טריט פון אונזער עזעל. און מיר מאכען טאקע א וואָרט־שפּיעל וועגען ארץ ישראל'דיגע עזלען. וואָס דערמיט זענען מיר אויסען אימיצען א שארפען בים צו טון מיט גיפטיגער סאטירע. קומען מיר (נאָכדעם ווי טיגלען שמעלצען און עס פאלען שטעלצען, אינ'ם שלום־ליעד אויף די זייטען 31 און 32), צו דער הייליגער וואנד באַמערקען מיר א שפּאַניאָלישע אידענע וואָס וויינט און בעט גאָט אויף שפּאַניאָליש, און בעטלערס זעהען מיר און פראָפעסיאָנעלע תהילים־זאָגער „וואָס דערמאָנען אונז" און סוף כל סוף פאלט א שטיין פון דער הייליגער וואנד, צוליעב דעם חן פון די פאלט־א־שטיין־פערזען.

רוהיג פאָהרען מיר. רוהיג זעהען מיר. רוהיג ערגערען מיר זיך און נאָך יעדען מאָל וואָס מיר גיבען זיך א קאפּיטשקע אן ערגער, געהען מיר זיך אָפּוועגען אויף א וואָג, צו זעהן וויפיעל עס איז אונז אָפּגעקומען אין געזונט. אך, מיין גאָט!

רוהיג פאָהרען מיר. רוהיג באמערקען מיר: קאלט, דענקעריש, לאָמיר זאָגען: פילאָזאָפיש. באמערקען מיר עס ווערט קיהל און טונקעל אין אונזער בוך, שלאָגען מיר א וואָרט צו א וואָרט, א געדאנק צו א געדאנק, און סע ווערט פייער. אָבער די ארבייט איז שווער. ערמיעדענד. און פון די נאקעטע בערג פון יהודה, בלאָזט א ווינט וואָס איז אָנגעזאפּט מיט ווארימען און ווייך־וואַלענעם פּעסימיזם. פאָהרען מיר שנעל און שנעלער און

ז ע ה ר שנעל און מיר קומען צו א מין שטיינערנעם שלאָס „וואָס דערמאָנט אונז" און — ווידער שיינט די העכסט־גינגאַלדענע זון, און ווידער פיהרען מיר יעדען קאַפּיטעל אריין־און־ארויס מיט געזאנג ווי א כלה צו דער חופּה. אמאָל דערשלאָגען מיר זיך צו פיינשעהנער מאה־לעריי, צו ציטער־שטילקייט, ווי דער וואוילגעצייכענטער בילועט פון די הרי־יהודה אויף די בלעטער 164-5:

„אלע ווילע איז דאָס פייער אויפגעשפּרונגען (ביי־נאכט) און אנטקעגען די רויטע פּלאַמען האָבען זיך גע־שווארצט לויז־באמאנטעלטע געשטאלטען זיצענדיג אין א קרייז, און צוזאמענגעקאָרטשעטע פרויען מישענדיג מיט לאנגע דארע הענט אין גרויסע טונקעלע טעפּ. אי־בער זיי אלעמען האָט זיך א געדיכטער רויך געפלאָכטען אין משונה'דיגע געשטאלטען. אז די רויטקייט האָט שטארקער אויפגעפלאקערט, האָבען זיך באוויזען הינטער די שווארצע געצעלטען קעמלען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער, און דאָ און דאָרט דער פארשפּיצטער קאָפּ פון א פאסטוך־הונד".

דאָס איז אויסגעצייכענט. און די דאָזיגע שורות פיהרען, אזוי צו זאָגען, א פּ ר י וו א ט ־ל ע ב ע ן. עס איז נישט דאָס עפּענטליכע לעבען פון די פאלש־אָנ־געפּארבטע ווערטער, וואָס געהען ארום פון ליעד־צו־ליעד. אָבער א ווילע שפּעטער פאָהרען מיר אוועק פון אונז ביז — זיך־זעלבסט און צוריק. מיר ווערען א בוך־שריי־בער. און מיר נוצען אוים די באריהמטע ל ע צ ט ע נ ע ל ע ג ע נ ה י י ט, כדי דאָס בוך צו מאכען אזוי פון־אלצדינג־צו־ביסלעכ'דיג ווי מעגליך. ווילען מיר, למשל, אויסדריקען אן אפּאָריזם, אז מיר האָבען פיינט גרים, בפרט אזוינע וואָס מאכען אָן א טומעל—זאָגען מיר נישט: שמעו נא דבותי, הערט זיך איין ליעבע לעזער און לעזערינען, מיר געהען אייך דאָ דערצעהלען אן אפּאָריזם. ניין. דאָס איז צו איינפאך. טוען מיר אנדערש: מיר דערצעהלען א גאנצע געשיכטע, וויסענזע, וועגען א

קלויסטער גלאָק וואָס מ׳האָט איהם מגיר געווען אויף א מין אידיש גלעקעל פאַר אלצדינג און מיר פיהרען אוים — כלומר׳שט זעהר נאכלעסיג — אז זינט מיר זענען געוואָר געוואָרען, אז דער גלאָק איז פון נוי׳שער אָפּשטאַמונג, האָבען מיר איהם פיינט געקראָגען. ווייל? — גיב אכטונג, זוהן מיינער! איצט קומט עס: „ווייל איך האָב פיינט גרים, באַזונדערס אַזעלכע וואָס קלינגען״.

שפּעטער — אָדער אפשר פריהער, ווער געדענקט עס? — קומען מיר אין דער קאָלאָניע אבו־שושא, נאָך א לאַנגער רייזע איבער די שפּיצען פון אלערליי הויכגעדרעהטע אנעקדאָטען, און האָרט, אין דער פּראַכטיגער מויער, „וואָס דערמאָנט אונז״ א. ז. וו., זעהען מיר: „דער גאַנצער טאָל שרון איז געווען אויס־געשפּרייט״, אויף זייט 124, פאַר אונזערע אויגען אין אלערליי בונטע קאָלירען. אָט איז די קאָלאָניע עקרון, און דאָרט איז רחובות און נאָך ווייטער איז ראשון־לציון.

אונזער איינענע באמערקונג: נאָך ווייטער איז באָס־טאָן, נאָך ווייטער איז מינעאפּאָלים. נאָך ווייטער — איז גאָר שרעקליך־ווייט!

און ווידער יהואש: „די לופט איז געווען באַלזאַמדיג און קלאָר. די לאַנדשאַפט א זאַנפטע (זאַנפט, זאַנפטער, זענפטיגער, זענפטט, מאַסטארד) און בארוהיגענדע און ווי צוגעפּאַסט פאַר א שטילען אנשוילכען לעבען.

אנשוילך לעבען. וואָס פאַר א לעבען דאָס קאָן שוין זיין, מ׳שטיינס געזאָגט!

* * *

מיר פאָהרען, אהין און צוריק און צוריק׳ער. און זעהר צוריק. און מיר שווייגען נישט. מיר באָאָבאַכטען מיט אלע אונזערע כחות. מיר ווערען פשוט, הערט איהר, פאַרמאַטערט באָאָבאַכטענדיג.

דערציילט אונז עפּעס איינער א קאפיר, אז ביי

איהם, ערגעץ דאָרט ווייט־ווייט, אין אַלדעגוטע־יאָהר־לאַנד, רופט מען ארץ־ישראל „דאָס לאַנד פון שאלאָמס“, איז גלייך האָבען מיר א קאפיטעל: „דאָס לאַנד פון שאלאָמס“. צרות פון דיענסט־מיידלעך — א קאפיטעל. זון־פעדעם — אין בוך־אריין!! עס איז שוין באלד שבת. נו, גיכער. ריהרט זיך. עס ווערט שפעט!

הערצעל'ס יודענשטאאט — א קאפיטעל. „צוריק“ — א קאפיטעל. התאחדות המושבות —א קאפיטעל. קורץ: עס איז ביי אונז, ווי אויף זייטעל 122 — אַנ־אַנגעוואַליעט מיט געדאנקען־בלומען, באַ־אַבאַכטונגען, אפאָריזמען, פעדערשפריצען, זאַלץ־און־פע־פער, געגראַמטע נייעס, פון־טאָג־צו־טאָג, עטצעטערא.

וועגען גלייכווערטלעך און וואָרטשפּיעלען: רעדען מיר וועגען ריצענאויל־בוימער, גיבען מיר אָנצוהערען, אז דער בעל הבית איז שוין דערוויייל לויז געוואָרען (אונטערגעשטראָכען "לויז") פון א היבשער סומע געלד. רעדען מיר וועגען דעם, אז אידענלאַנד איז א טייער לאַנד, שטרייכען מיר אונטער אז דוקא די טייערקייט פון לאַנד האָט א געוויסען מענש שטארק אָפּגעשלאָגען דעם מוט, זיך דאָרט צו באזעצען. אויף דף 92 „צאַטעוועץ“ מיר אויף טיף־ליטוויש. אויף בלעטעל נומער 70 „געפינען זיך גוטע מענשען, וואָס שטייגען אריין אין פרייז“. שפעטער — אָדער אפשר פריהער, ווער געדענקט עס? — קומט אן אמת פיינער ארויסבליץ פון געלייטערטען הומאָר. עס איז די באשרייבונג פון דעם תימנ'ער וואָפען־שמיעד וואָס פוילט זיך ב"ה צו ארבייטען, און וואָס די גאַנצע צייט גערט איהם ב"ה אוועק אויף צו זוכען די געצייג, און וועלכער שיסט זיך ב"ה אָפּ א פינגער מיט א ביקס וואָס מ'האָט איהם ב"ה געגעבען צו פאַרריכטען. און ווידער ליטעראַריש פלאַכלאַנד, און ווידער אַלערליי באשרייבונגען, וואָס זענען ווערט באַשריבען צו ווערען,

און געדאנקען וואָס זענען ווערט געדענקט צו ווערען פונקט אַט־אַ־דאָ־אַ. און עס איז העכסט אינטעליגענט געשריבען — מעשה רייזענדער פאַסטאַר, מיט א טאַ־געביכעל. עס איז פול מיט דעם קום־קום־ישראליק־קום־אהיים פאַטאָס. נאָר עס פעהלט אָטעם — לעבעדיגער, געזונטער, נישט ־ מיט־בלומען־דופטענדער־אָטעם. עס פעהלען פעהלערען. עס פעהלט — יהואש, דער פערזענ־ליכער, דער גוטער, דער בעזער, דער פיינער, דער רויהער, דער מענשליכער נישט־גאַנץ־פאַרמאַנדעלט און פאַרפיי־געגנטער יהואש.

עס פעהלט דער יהואש פון די בּ ר אָ נ ק ס, מיינע הערען!

אברהם רייזען

. . . פון יהואש'ן צו רייזען'ען איז ווי דער אי־בערגאַנג פון אַ רייכען גלאָז־גאָרטען, וואָס בליהט סיי זומער און סיי ווינטער, צו אַ נאַטירליכען גאָרטען וואָס ליגט אין דרויסען און בליהט און וויאַנעט אויף וואָס די וועלט שטעהט. עס איז דער איבערגאַנג פון דער קינסטליכער גלאָז־גארטען־לופט, צו גאָט'ס אַלגעמיינער לופט, וואָס איז פול מיט וועלט־אונטערגאַנג און מיט פריהלינג. עס איז: ווי דאָס איבערציהען זיך פון אַ לאַנד, וואו יעדער טאָג איז שבת־קודש־אין־מיטען־העלען־טאָג, צו אַ לאַנד וואו מאַנטאַג איז מאַנטאַג און זייגער זיבען איז זייגער זיבען. עס איז ווי דער אונטערשיעד צווישען אַ העכסט וואונדערבארען פּאָרטרעט פון אַ בלאַנד מיידעל ביז דאָס ל ע ב ע ד י ג ע בלאָנד־זיין פון אַן אכצעהניעהריגער. עס איז ווי דער חילוק צווישען אַן 98־סענטיגער העמד וואָס איז שטייף געפּרעסט, מיט אַ גלאַנץ פון אויבען, ביז אַ העמד פון זיידענשטאָף, וואָס איז נגיד'יש־צוקנייטשט און אָפּגעלאָזען.

דער ערשטער באנד פון רייזען'ס ליעדער איז אָפּגע־לאָזען, נישט פּארקעמט. ווען דאָס דאָזיגע בוך זאָל זיין אַ מיידעל, וואָלט עס געווען אַ גרויסע שעהנהייט (ברו־נעט), וואָס האלט אין פארלירען די האָר־נאָדלען פון קאָפּ, און אַ הארץ וואָלט זי געהאַט אַ גאָלדענס, נאָר די נעגעל וואָלט ביי איהר געווען נישט קיין גלאַנציגע. ביי יעדער געלעגענהייט וואָלט זי גערעדט פון גליק, און זי וואָלט געווען זעהר אַ קלוגע (אַ ליטוויש מיידעל!)

און זי וואלט זיך באנוצט מיט א מאסע אויסרופונגס־צייכענס — ווי די פאלגענדע אילוסטראציע ! ! ! ! ! ! ! (7 שטיק). און יעדעס מאל איידער זי וואלט זיך מיט אייך געזעגענט, וואלט זי געזאגט: אך, אך, וואו איז מיין העניע דאס גאלדענע קינד! (בלעטעל 27). א, דער וועג, ווי קורץ און קארג (34), אך, זי (די שטאדט) געהערט דעם שטן (40), אך, שעהנע זומערטעג באקאנטע (45), א, האפענונגען מיינע, בליהט! (59) אך, איך געה אויף א חתונה!... אך, איך געה מיך נעמען ס'לעבען. אך, איך געה מיך קויפען א שקארמיץ־וויינשעל!..

רייזען איז אן אך־שרייענדיגער דיכטער. אפטמאל איז זיין אך־געשריי אביסעל צו הויך, אביסעל צו שכל'־דיג, אביסעל צו למה־זה־אנכי'דיג, אבער אומעטום איז זיין אך־געשריי טיף־מענשליך, און אז איהר דערהערט דעמדאזיגען געשריי, זאגט איהר: אך! גוט, וואס ע ר קרעכצט! מיר אליין פאסט נישט צו קרעכצען. איך בין א מאדערנער מענש. נו, זאל רייזען פאר מיר ארויס־קרעכצען מיין טיף־אידישען „אך“, וועט מיר גרינגער ווערען אויפ'ן הארץ, און איך וועל מיר קענען שרייבען מיינע מאדערנע ליעדער וועגען

.. עמיצער — ער געהט אוועק,
און ער קוקט מיך אן אזוי,
און איך וויים נישט ווער ער איז...
און איך וויים נישט וואו ער געהט...

די ציטאטע איז נישט פון רייזען'ען. עס איז פון יעדענמאנ'ס מאדערנע דיכטונג. עס איז א מוסטער־ליעד פון יונגשאפט. אז מען וויל איז דאס סימבאליזם. ליזם! און אז מען שפארט זיך איין און מען רופט צע־גויף א מאסענפארזאמלונג פון זשעניען, קאן מען באַ־שליסען אז דאס פאלגענדע איז דאס בעסטע ליעד פונ'ם היינטיגען יאהרטויזענד:

מיינע דראמען זיינען פלאמען,
פלאמען פראנק און פריי.

בלאנקען פראנק די דראמען־פלאמען,
ווי די אויגען פון א מאמען,
ווען די מאמע־אויגען פלאמען —
אויף די ימים אָקעאנען...
וואו א ווינט־שיף איז פאראנען,
וואו א ווינט שיף איז
פאר
אנען.

רייזען איז נישט קיין מאָדערנער דיכטער, מיט שאַ־פונגען לויט'ן לעצטען מאָדעזשורנאל. רייזען טוט נישט אָן זיינע גייסטיגע קינדער אלע וואָך א ניי היטעל, כדי מען זאל זיי נישט דערקענען און מען זאל מיינען אז דער טאַטע זייערער איז א פרוכטבארער מענש. רייזען איז א ב כ ח' דיגער דיכטער. אנשטאט נייע היטלען אנשטאט נייע פריזורען (ווי עס טוען א טייל יונגע) שאפט ער נייע קינדער. רייזען גראבעלט נישט פון זיך ארויס יעדען געדאנק מ י ט ד י נ ע ג ע ל. ער רייסט נישט זיינע שטימונגען מיט צוואנגען. זיינע גייסטיגע נעַ־בורטען קומען אן גרינג און אהן בלוטפארגיסונג, דאריבער זעהט איהר נישט, אז ער זאל זיינע שאפונגען אזוי קעבלען־און־פעבלען ווי אנדערע דיכטער. דאריבער אזעלכע נישט־גלאטיגקייטען ווי: „אנשטאט א קוואל, ג ע פ י נ ס ט א שטיין (בלעטעל 10) — וואָס עס מוז זיין „געפינסטו א שטיין“...

מיט א קליין ביסעל ארבייט האָט רייזען געקענט איבערבויען די שורה, עס זאל זיך לעזען: „דו זוכסט א קוואל — געפינסט א שטיין“. און דארפאר האָט ער אויך אזוינע נישט־פארזיכטיגקייטען, ווי דער טאָן־וואַ־ריאנט אויף זיין ליעד „דער הענדלער“, אויף בלעטעל 24, וואו ער זאגט, מיט פידעל־באגלייטונג:

„שטיל און אומעטיג און שפעט
הארץ מיינ'ס וואָס ה אָ ס ט' זיך צורעדט?“
וואָס גלייך נאָכדעם ווילט זיך זינגען:

„האָט איהר נישט אַן אַלטע בעט?
אַלטע הויזען, אַלטע שיך,
אַלעס, אַלעס, האַנדעל איך.
האַנדעל! האַנדעל!"

און וואָס אַ חוץ דעם — איז דער „וואָס האָסטו'" אַבי־סעל אַ שווערפּיסיגער. און בעסער וואָלט געווען צו זאָ־זען: „האַרץ, וואָס האָסטו זיך צורעדט?"

דאָס ברענגט אונז אויפ'ן אַפאַריזם, אַז רייזען איז נעגליכען צום דייטשען פאָלק. דאָס דייטשע פאָלק לײדט פון ד י י ט ש ע ן, און אַברהם רייזען לײדט אויך פון — אַברהם רייזען'ען... און דאַריבער דער פאָלגענדער פערז, אין זיין אויסגעצייכענט ליעד „אויפ'ן ים":

„וואָס־זשע טרייבט דיך, וואָס־זשע יאָגט דיך
אין דער וועלט אַלץ ו י י ט און ווייטער?
זוכסט אַלץ נייע, ברייטע הימלען,
מיינסט, אַז דאָרטען איז עס הייטער?"
(מיט'ן ניגון פון „מה קא משמע לן").

אַנשטאַט „ו י י ט און ווייטער" האָט רייזען זעהר וואויל געקענט זאָגען „ווייטער, ווייטער" און אַנ־שטאַט „הייטער" האָט ער געקענט זאָגען „יעפּרייטער" אָדער „צוגספּיהרער". ביידע זענען כמעט דייטשע ווערטער, און דאָס ערשטע איז פּונקט אַזאַ גוטער גראַם ווי „הייטער".

רייזען'ס שטעלונג צו ווערטער איז בכלל אַ פּיינט־ליכע. דער „פאַראיין צו באַשיצען אונשולדיגע ווער־טער" האָט באַדאַרפט זעהען עפּעס טון. רייזען נעמט, למשל, אַזאַ קורץ־און־אונשולדיג וואָרט ווי „וואוהין" און מאַכט דערפון אַ „וו'הין"... רייזען האָט אויך אַ שוואַכקייט צו אַזוינע קייזערקעניגליכע ווערטער ווי „זעגענען", „זעעלע", און אויף בלאַט 34, וויל ער „בלו־מענדופטען שפּירען".

רייזען איז, דאַנקען גאָט, נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער דענקער. ער דענקערט נישט. ער ל ע ב ט. ער לעבט

א י ן דעם גרויסען וועלט־געדאנק, און פרובט זיך אין איהם צו אָריענטירען. פרובט געפינען א זין אין דעם „הערבסט־שמייכעל, וועלכער פאַלט אויף הוילע פעלדער" (13), פרובט פארשטעהן די נוצליכקייט פון דער גאָר־טענרוייז:

„דיך אפרייסען פלאגט דאָס געוויסען
דיך נעהמען אין האנד איז א שאָד."

און וועגען ליעבע:

אך, נור דאָס איז ליעבע,
אייביג זוך זי — זוך!
ווי עס ווערט באשריבען
אין אן אַלטען בוך...

און נאָך אמאָל די שווערקייט פון א געלאנגווייליגט גרויסשטעטיש הארץ:

„אומעטיג, מיידעל, צו לעבען אליין.
קענסט אפשר קומען צו מיר,
מיין צימער איז ארעם, מיין צימער איז קליין,
האָט א באזונדערע טיר,
האָט א באזונדערע טיר,
נור קיינער, אוי, קלאפּט נישט אין איהר!"

וויפיעל איידעלע שעהנקייט! וויפיעל מוזיק! און וויפיעל פיינע ג ע ד א נ ק ל י כ ק י י ט. אָבער דאָרט וואו אן אנדערער גיט די געדאנקען אויפגעלעזטערהייד, גיט רייזען דעם פרעפּאראט — דאָס ריינע געפיהל, אָדער די שטימונג וואָס מוז ערשט צעפיהרט ווערען דורך דעם פּאָפּולערען געדאנקען־וואסער, כדי צו ווערען דאָס, וואָס דער צייטונג־לעזער רופט „פילאָזאָפיע".

רייזען איז אפשר דער גרעסטער ג ר ו י ס ש ט ע ט ־ לער אין דער אידישער ליטעראטור: צווישען די על־טערע אידישע דיכטער איז רייזען אפשר דער ערשטער, וועמעס שרייבען האָט זיך פעסט אָפּגעריסען פון דעם תלמוד׳ישן שטייגער פון מאָראליזירען, פון שטראָפען, פון מסור׳ן.

רייזען'ען דארף מען נישט לעזען מיט רש"י אָדער מיט שפתי חכמים אָדער מיט תרגום־בעל־מחשבות־קאָמענטאַ־רען, אָהן וועלכע די „יונגע" קענען נישט אפגעשאצט ווערען. רייזען'ס טאַלענט איז נישט דורכגעגאנגען די אוניווערזיטעט פון קלאַסיציזם. אדרבא, ער האָט געגעבען דער אקאדעמיע אַן ערציהונג, ער האָט זי גענומען אין חדר אריין, צו זיך זעלבסט.

רייזען זינגט נישט פון לעבען, נאָר ער זינגט פון זיך דאָס לעבען ארויס. רייזען איז דער דיכטער מיט א געבורטשיין. מיט א היים ערגיץ־וואו. ער איז א קינד פון טאַטע־מאַמע — אָבער נישט קליינשטעטלדיג. די קליינשטעטעלדיגע „וועלטבירגערליכקייט", וועלכע מ'קען ארויספיהלען פון די מאָדערנע דיכטער איז איהם פרעמד. רייזען'ס נשמה איז א גרויסשטאָטישע. בענקט זי נאָך דעם קליינעם שטעטיל, נאָך דער פארשאָטענקייט, נאָך דעם פרימיטיווען לעבענס־אויסדרוק. ווייל:

„מיר שטאַמען אלע פון אַן אנדער וועלט..."

די וועלט פון עלעקטרישע שילדען איז נישט אונזערע. און די שטעה־קראגען־ציוויליזאציע איז נישט קיין אידישע. ווייל:

„מיר זיינען פון וועלט די פרושים,
אויף „טעג" ביי די פעלקער באשטעלט.
דאָ מאנטאג, דאָ דינסטאג, דא מיטוואָך,
א שבת — א שבת נאָר פעהלט..."

רייזען האָט וועניג קאפריזען. דאָס געפעלט מיר נישט. א דיכטער דארף זיין קאפריזנע — אזוי ווי איך, און ער דארף נישט געפעלען ווערען די לעזער. רייזען געפעלט די לעזער, אָבער נישט דערפאר ווייל ער איז א גרויסער דיכטער, נור כאָטש ער איז א גרויסער דיכטער. דאָס אמת־גרויסע און איביגע אין רייזען'ס דיכטונג ווערט זעלטען פארשטאַנען. דאָס איז א שטיקעל טרייסט. די רייזען־ליעדער וואָס ווערען געזונגען פונ'ם עולם זיינען בכלל נישט זיינע בעסטע

(מיט דער אויסנאהם פון „מה קא משמע לן"). זיינע בעסטע לידער זיינען די געלעבטע לידער, נישט די געדיכטעטע — נישט די באלאדען א. ז. וו. רייזען דארף נישט דיכטען. זיין נשמה איז אזוי פאר־בענפול און אזוי רייך אין עמאָציאָנען, אז ער דארף נור געבען זיך זעלבסט. דאריבען זענען זיינע בעסטע לידער די לירישע לידער, די לידער פון בענקשאפט, פון אייביגען רחמנות, פון פיעטעט, פון שטילער רעזיגנאציע. און דאריבער שרייבט רייזען אין „פוילען־טאג"; ווען פוילישע טעכטער געהן אום זאמלען מלחמה־נדבות:

איך האָב פארגעסען אלע לעהרען,
וואָס מ'האָט געפלאנצט אין זיי, אין מיר;
איך האָב געזעהן בלויז חורבות־הייזלעך,
און אָרימע פויערטע ביים טיהר...

רייזען שפיעלט נישט דעם מלאך פון רחמנות. רייזען פאָזירט נישט. רחמנות, ליעבשאפט און בענקען זענען זיינע טיפסטע סענטימענטען. רייזען זעהט די קרומקייטען פון לעבען אזוי גראד, ווי קיינער נישט פון אונז. מיר זעהן אלצדינג קרום און ווינקעלדיג, — ער, רייזען, זעהט אלצדינג ראציאָנאל און פון וואָרצעל ארויס. זאָגט ער צו די קינדער:

אנשטאט געלד, האָט ער נאָר שערבעלעך.
וואָס־זשע זאל אייך, קינדער, ארען?
מיט די עכטע געלד די קערבעלעך,
שפילען זיך נאָר גרויסע נארען...

אָדער אויף בלאט 11:

ווי קליין איז דאָס טייכעל געוועזען,
און רוהיג זיין וועג זיך געגאנגען,
קיינמאל געהאט קיין באגעהרען
דעם ים, דעם אקינוס דערלאנגען...

רייזענ'ס פעהלערען זיינען, דערהויפט, אין דער קאנסטרוקציע פון פערז, און אין דער שפראכליכקייט. אזוי, למשל, אין שעהנעם ליעד „די צוויבערין" זינגט ער:

„דער קאָזאַק פאַלט צום קערפּער צו, און קריצט די ציין „ווי פאַלש ביזט דו“. בעסער וואָלט געווען, ווען אַנ־שטאַט „ווי פאַלש ביזט דו“ זאָל זיין „דו פאַלשע, דו!“ אויף בלאַט 138 האָט ער אַזאַ וואָרט ווי „ג אָ ט ע ס פ ל ו ך“, אויף בלאַט 142 האָט די שמחה „דערגרייכט דעם ה י י ס ע ס ט ע ן גראַד“. אָבער דאָס איז אַלץ גאָרנישט. ווייל וואָס איז דיכטונג? וואָס איז קונסט? אַ שפּיעל! און ווער קאָן דאָס זאָגען ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך שפּיעלען? און צו וואָס שלייפען די פּערזען און פאַרלירען איבריגע צייט?

„דען די קינדער שפּילען
ביז ס׳פאַרגעהט די זון
און זיי געהען שלאָפען,
ס׳איז קיין בייז דערפון...“

עס זענען פאַראַן ביכער וואָס זענען קלוג און עס זענען פאַראַן ביכער וואָס מוזען קלוג געלעזען ווערען. די ערשטע זענען קלוג, דערפאַר ווייל זיי דריקען אויס קלוגהייטען, די אַנדערע זענען קלוג דערפאַר, ווייל זיי קענען קלוג־שווייגען, קלוג באַהאַלטען זייער חכמה.

די ערשטע ווערען שעהן פאַרשטאַנען, די אַנדערע ווערען שעהן דערטראַכט. ביים ערשטען האָט איהר ס׳געפיהל, אַז איהר פאַהרט זעהר גיך, אַז איהר וועט ערגיץ אָנקומען. ביים צווייטען האָט איהר ס׳געפיהל, אַז איהר שטעהט וואונדערבאַר שנעל, אַז אייער נישט־אָנקומען־צום־אָרט איז אַזאַ אינטערעסאַנטער, אַזאַ טיפער, אַזאַ ארום־זיך זעלבסט־דרעהענדיגער, ווי דאָס לע־בען, ווי דער טויט, וויביידע אין איינעם.

רייזען׳ס ווערק זיינען מיט טאָפּעלטע רעלסען. זיי געהען און קומען אין דער זעלבער צייט. איהר פאַהרט און איהר האָט הנאה פון דער גלאַטפאַהרענדיגקייט, פון דעם מעסיגען טעמפּ, פון דעם פיינעם נשמה־קלי־

מאַט, פון דער גרויסאַרטיגער ווייכקייט פון דעם וואָגען, פון דער נאַטור׳ס שעהנע פּראָווינצען, פון דעם לעבענ׳ס קונציגע אונטערוועגען, וועלכע צעטיילען זיך אין אַלערליי כלומרשט־זיגזאַגישע גענג און קומען זיך צונויף, כדי זיך ווידער פאַנאַנדערצוגעהן.

רייזען שרייבט א סך. און א סך מעהר ווי דאָס. ער שרייבט און ער צ ע ש ר י י ב ט דאָס שוין־עטליכעמאָל־אָנגעשריבענע אויף זייטיגע גאַנץ דינע שרייבונגען, וועלכע קומען זיך צונויף ביי א געוויסען טערמינוס, — ביי דעם אטאָם פון הילפלאָזיגקייט, ביים אידישליכען טיפען רחמנות, ביי דער וויט צעקנעפּעלטער מענשענליעבע און דאן צופאלען זיך די אזוי אויך ווענינגיאַגאַרישע מאָטיוועז — אויף קלענערע, גראָהערע אונטער־שטראָם־וואַריאַנטען, וואס פלייצען אוועק צוריק אהין־אהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

מיט רייזענ׳ען איז גוט צו פאָהרען. ער פאַרמאַטערט נישט מיט האַלבע ווערטער. ער אויגעלט נישט מיט די אויגען, ווי א פאלש־ליטעראַרישער משיח. ער געהט נישט אויף האַרטשטיינערדיגע וועגען צו דער אומבאַקאַנטער מורא־אָנוואַרפענדיגער הויכקייט. ער פיהרט אייך נישט אין די פינסטערע שאַכטען, וואו עס ליגען די קערנער פון דעם טונקעלען פלאַקס, פון וועלכען עס ווערען געשפּינען די טעג פון אונזער לעבען. ער איז נישט קיין בארג־קלעטערער, אונזער רייזען. געהט איהר מיט איהם האָט איהר ניט דאס פארגניגען, וואס קומט פון גייסטיגען פארמאטערט־ווערען — ווי, צום ביישפּיעל, ביי בערגעלסאָנ׳ען. געהט איהר מיט רייזענ׳ען געהט איהר נישט גיך און נישט פאַמעליך. איהר ווייסט, אז ער — דער גוטער רייזען — געהט שוין פאַר אייך. ער וועט שוין מסתמא ערגעץ אָנקומען, און אויב נישט — אַרט אייך אויך נישט. ווייל וואו רייזען זאל נישט געהן, נעמט ער מיט זיין וועטער. ווייל רייזען

איז דורכאוים ד ר ו י ס ע ן — שעהנער, וואונדערבאַ־רער, דרויסען, פון וועלכען מען קען נישט ארויס און נישט אריין.

רייזען איז נישט קיין ע נ ט ד ע ק ע ר, ווי קאָ־לומבוס, נאָר אן ערפינדער, ווי עדיסאָן. ער לאָזט זיך נישט אוועק מיט א זעגעלשיף אויף די ימים־אָקעאַנען, כדי צו געפינען א נייע וועלט.

ער זיצט ביי זיך אין דערהיים און ערפינד'ט אלערליי איינפאַלען. פאַלט אין איהם איין די טעמא „מוטער רחל", טוט ער זי אָן אין א צייטינגען און זעהר לירישען אנעקדאָט און — סע ווערט דערפון א שעהנע און האַר־ציגע זאַך. רייזען קריכט נישט אדורך דורך זיין טעמא, און קומט נישט ארויס דורך דער א נ ד ע ר ע ר זייט, נור פ א ר ק ע ה ר ט. ער ציהט די טעמא דורך דורך ז י ך. ער לייטערט זי מיט זיין ווילען, ער פילטירט זי דורך זיינע נישט־אינ'ם־לעבען־איבערזעצטע־וואונשען. און דארפון קומט ארויס א געמיש פון קלוג־פארצוויי־פעלטע זשעסטען און חן'עווודיגע פארליעבטקייט אין לעבען, גלאַט־אזוי. אפילו אָהן חתן־מתנות.

רייזען איז נישט קיין ז ו כ ע ר פון נייע וועגען, נור — א פארלירער. קומט איהם אנטקעגען א נייער וועג, לאָזט ער איהם איבער אין דרויסען און פארלירט איהם אין דער ריזיגער דרויסענקייט פון זיין סטיל, פון זיין פארענדיגטקייט.

געקומען די רעוואָלוציע פון יענע יאָהרען און מיט איהר די קרומקייט, די פאנאטישקייט פון די נייע דויט־פּאָהניגע חסידים, האָט רייזען געלאַכט, — געלאַכט ווי א גרויסשטעטיגער מענש און ווי אן ערפינדער, וואָס אז ער וויל קאָן ער ערפינדען א נייע סארט מענשליכע „נאַ־טור", וואָס זאָל זיין וועניגער פארוויקעלט, וואָס זאָל זיך לענגער טראָגען און וואָס זאָל קאָסטען ביליגער.

רייזען איז אפשר דער איבישסטער דיכטער וואָס

מיר האָבען. רייזען גיט ז י ך — ניין, ער שענקט זיך אוועק, כמעט אומזיסט, צו שפּאָט־ביליגע פּרייזען. ציטערט אין איהם די פיינע סטרונע פון סימבאָל — פּ א ר־ פ י ז י אָ ל אָ ג י ש ט ער אָפּט דעם דאָזיגען קלאַנג. גיט ער עס אין אַ ראַמעל. אין אַ זיכערער פאָרם. מוז דער קלאַנג ערשט אַ נאָכקלאַנג באַקומען, כדי צו ווערען דאָס וואָס דער דיכטער האָט געוואָלט ער זאָל זיין. מוז ער האָבען אהן־א־שיעור׳דיגע דיסטאַנץ. אָבער רייזענ׳ס פיין־סימבאָלישע זאַכען, ווי „אייזען“, „דעם זיידענ׳ס לאַמטערן“, זענען צו־פיל־פאַרריגעלט, צו־פיל־פאַרענדיגט, אַז זיי זאָלען לאָזען אַן אָרט פאַר דעם שטיל־שטילען נאָכקלאַנג, וואָס קומט פון די וועלטען אומבאַקאַנטע, פון וועלטען נישט אויסגעמאָסטענע.

* * *

האָב איך געלעזען זיינע פיין־ליטעראַרישע ווערק ביים ברעג ים. האָט אַ טיעפער אומעט אויף מיר געוויי־העט: — פונ׳ם ים און פון רייזענ׳ס ערצעהלונגען. האָב איך אַרויפגעשמייכעלט צו גאָט׳ס הימעל און געפרעגט: וואָס איז, אַ שטייגער, ווערט רייזענ׳ס אַ מענש, נ אָ כ ד ע ם ווי מען האָט איהם באַשריעבען? צומביי־שפּיעל, און אַז עס האָט געטראָפען אַזוי, און אַזוי? צומביישפּיעל, ביזטו דען, מיין ליעבער רייזען, מחויב אַלע דיינע שטילגעהענדיגע מענשען מיט דיין אייגענער קינסטלער־נשמה אנצוטון און זיי מיט פרעמדע נעמען אָנצורופען? צומביישפּיעל, צו וואָס דאַרפסטו עס? פאַרוואָס גיסטו נישט — ווי אין דיינע ליעדער — זיך אַליין אין דער אַליין־איגסטער פאָרם, וואָס עס איז נור מעגליך? פון וואַנעט ווייסטו (איך רעד פון מיין אַ י י־ג ע נ ע ם, העכסט־פּערזענליכען שטאַנדפּונקט!), אַז דיין העלד הייסט אַזוי און אַזוי? און פאַרוואָס, אָה, פ אַ ר ו ו אָ ס טוען זיי אַלע באַגעהן אַזעלכע העכסט־

געוועהנליכע, דאָך העכסט־באשרייבליכע זאכען? צום־ביישפיעל, פארוואס איז נישט זייער לעבען אזוי לאַנג־ווייליג, לאנגוויילי׳ג און אהן הויך־אינטערעסאנטע אינ־צידענטען ווי... מ י י נ ס, ווי י ע נ ע מ ס?

רייזען׳ס ביכער זיינען אזוי קערנ׳דיג און נוצליך, ווי זיי זענען שעהן, און אזוי אויפריכטיג, ווי זיי זענען פול מיט איידעלען הומאָר און מיט מאָטיוו־פארביגקייט. נור די מענשען — די מענשען זענען, די נישט־ענט־דעקטע, נור ערפונדענע מענשען, אין זייערע גלייכע גענג, אין זייער אלצו־מענשליכקייט, אין זייער בענקען נאָך דעם ביסעל גליק וואָס אך! ווען וועלען זיי עס שוין געניסען? — די דאָזיגע מענשען, זאָג איך, האָב איך נישט זעהר ליעב. זיי זענען מיר נישט גענוג פרעמד. איך קען זיי כמעט אלע פערזענליך.

רייזען דער קינסטלער קאָן ערפינדען דאָס א ו נ ־ ג ע ו ו ע ה נ ל י כ ע, אפילו אין דער געוועהנליכסטער זאך, אָבער רייזען דער שרייבער פארגעוועהנליכט אלצ־דינג, מיט אן אנהויב און א סוף און אינדערמיטען און דאָס איז א שאָד!

יוסף יפה

ליעדער. ארויסגעגעבען פון מ. גורעוויטש.

אין זיין הארט־עברי'דיגען „ארייינפיהר“ צו יוסף יפה'ס ליעדער, זאָגט אונז דער ארייינפיהרער, דוד פינסקי אז יוסף יפה זינגט דער עיקר פון ליעבע אז ער יובצעט פון ליידענשאפט, אז אין זיינע ליעדער איז נישטאָ קיין אָנגערוקטקייט אָדער עפּעס געוואָלטעס, אז זיי זענען שקאָצעקיוואטע, אז ער איז א געזאלבטער פון גאָט און אז ער (פינסקי) האָפט, אז יוסף יפה וועט אייננעמען די שטעלע אין אונזער ליטעראטור, וועלכע ער פארדיענט. אָבער וואָס פאר א שטעלע יוסף יפה פארדיענט „איינצונעמען“, זאָגט אונז נישט דער ארייינפיהרער. מיר שטויסען זיך בלויז אָן, אז ער דארף אייננעמען די שטעלע פון דיכטער, וואָס זיין ספּעציאליטעט איז ליעבע. דאָס הייסט דיכטען דיכטעט ער וועגען פארשידענע אנדערע ענינים אויך, נאָר די ליעבע — דאָס איז זיין שטארקע זייט, זיין פעלזען פון גיבראלטאר, זיין פּאנאמא־קאנאל.

מעג געזאָגט ווערען, און טאקע דאָ־אָ, אין מיטען דרינען, אז איך האָב נישט ליעב די דיכטער וואָס ספּעציאליזירען זיך, וואָס פיהרען איין אין דער דיכטונג די אמעריקאנישע מאָדע פון איינטיילען די ארבייט אין סעקציען — כדי עס זאָל געהן שנעלער. דיכטונג איז נישט קיין שניידעריי ,וואו איינער ספּעציאליזירט זיך

אויף אַנגעהען קנעפּלעך, און אַנאַנדער ספּעציאַליזירט זיך אויף מאַכען אַרבעל. איך האָב מיין חשד אויף אַלע דיכטער וואָס פּאַרלאַהקאַפּילאַוויצען די ליטעראַטור, וואָס שרייבען בלויז קינדער לידער — וועגען קינדער ביז פּערצעהן יאָהר. אָדער שרייבען ב ל ו י ז עראינערונגען פון ארץ ישראל, אָדער באַשרייבען בלויז אידען מיט שוואַרצע בערד און נישט קיין אַנדערע.

דער אמת'ער דיכטער, פּונקט ווי דער אמת'ער שניידער, מאַכט אַ גאַנץ שטיקעל אַרבייט. ער קאָן אויך באַזינגען אַלע טיילען פון דעם מענש'ס נשמה, אַלע איהרע רעגונגען, איהרע קאַמפּען, איהרע חלומות. ער איז אפשר נישט אַזוי „עפּישיענט" ווי דער ס ע ק ש אָ ן - ד י כ - ט ע ר, נישט אַזאַ שנעלער באַלמעלאָכע, אָבער ער איז גרינטליך, ער איז דורכאויסיג, ער איז אַ געענדיגטער ליעדער מאַכער, וועמען איהר קאָנט לאָזען רופען צו זיך אַ היים און זיך הייסען נעמען די מאָס אויף אַ גאַנצען נשמה־אַנצוג — פון אַ קראַוואַטעל, ביז אַן אויבער־ראָק, ביז אַ פּוקסענעם טוליפּ.

יוסף יפה, אַלס ספּעציאַליסט אויף ליעבע, איז אָבער אַן אָ פּ ש ט אַ מ ל ע ר פון אַ רב. ער שטאַמט פון אַ רב, ער איז אַן אוראייניקעל פון רבנים און — מיט דוד פּינסקי'ס אייגענע ווערטער — „דער שפּראָץ פון לאַנגע דורות רבנים ביז צו רב מרדכי יפה, דער בעל־הלבוש". און אַלס אַן אָפּשטאַמלער פון אַזאַ גאַל־דענער פּאָהן, איז עס אפשר געווען אַ טעות פון יוסף יפה'ס זייט, וואָס ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף אַזאַ נישט אידישער זאַך ווי ל י ע ב ע.

יפה'ס ליעדער האָבען דעם נאָכקלאַנג פון אַ זעלבסט־געמאַכטער אַלטמאָדישקייט, וועלכע האָט נאָך נישט דעם רייץ פון טראַדיציע, דעם כישוף פון דיסטאַנץ. יפה זינגט וועגען זיין זינגען, אויף אַזאַ אַלטמאָדיש־אידישען אופן, קלאָגט זיך, אַז מ'לאכט פון זיין מוזע, רעדט פון זיין ל י ע ב ל י כ ע ס ליעד, און פרעהט זיך, אויף

בלעטל 75, ווען ער גיסט זיך צוזאמען מיט זיינע טענער און „הילכט אין די פרעכטיגע שירים, פון [illegible]ערליכען, הימלישען רוים". נאך פלוצלינג ווערט אלעס פארשוואונ־דען. יוסף יפה ערוואכט פון זיין טרוים (א גראם צום פריהערדיגען „רוים"), אבער ביי איהם אין הארצען בלייבען פיעל טיפע סמנים:

„ראם זיינגען די טענער, די ליעדער
און זיי גיס איך אויס אויף פאפיער."

שוין באלד פון אנהויב פון זיין בוך, רעדט יוסף יפה וועגען „ליעדער קינדער". אויף בלעטל 19, האט ער אפט א „ליערעל־קינד" און זיין לעבען איז ליעב און לינד. אויף זייטע 21, זינגט ער זיך זיין ליעדעל און איז לוסטיג. זיין גאנצער טאן איז אזא פראפעסיאנעל־דיכ־טערישער, פול מיט די ספעציעלע ליידען פון דער פראָ־פעסיע, מיט די יסורים וואס מ'שטעהט זיך אויס פון דער מוזע און פון דעם צער וואס מען מוז א מאל נעמען א שפאגעל נייע שורה און זי צעשפאלטען אין מיטען, כדי זי זאל א ר י י נ ג ע ה ן:

„זאגט מיין ליעבסטע: ס'איז מיר שטארק
טרויעריג צו מוט... (43).

אדער:

איך קוק מיין ליעבסטע אין געזיכט
און גאנץ פארוואונדערט. גאר
אין גאנצען איז דאס שוועסטערעל
נור איינגער מיט צוויי יאהר. (54).

אדער:

און איך געה האס פון מיין ליעבער
ראבעלען אצינד. (51).

אדער:

אין מיין הארצען ציהט און בלאנדזשעט
אום אן אונבאשטימטער טאן. (37).

אדער:

הורא, אך! אט קומט זי, אט איז זי שוין דא

אָה, נחת, מיר זעהען אונז ווידער. (40).

יוסף יפה איז זיך באוואוסט יעדע רגע פון זיין שרייבען, אז ער שרייבט. און אפילו מיט זיין אונשולדיגע פעטער, פון בלעטעל 46, האָט ער אויך א שמועס מכח זיינע ליעדער־קינדער. און דער פעטער — ווי אלע קאָנסערוואטיווע פעטערס — זאָגט איהם, אז ליעדער מוזען זיין הייסע, אידישע און רעכטע, און זיינע (יפה'ס) ליעדער האָבען גיפט, זיינע ליעדער זענען שלעכטע. נאָר יפה קימערט זיך נישט שטארק. זאָל דער פעטער, טראכט ער, ווערען קעלטער. האָבע, דאָבע קריגט איהם האָלט, דאָבע, דאָבע קריגט איהם ה ע ל ט ע ר.

ס'איז באקאנט: די עכט־זשענטעלמאנישע מאַנירען געפינט מען נ י ש ט ביי די זשענטעללייט, נאָר ביי זייערע דיענער. טאנץ־פּראָפעסאָרען און לאקייען האָבען די פיינסטע מאניערען אין דער וועלט. אין אן אריסטאָקראטיש הויז איז קיינער נישט וועניגער אריסטאָקראטיש ווי די אריסטאָקראטען זעלבסט. און אזוי — ביז א געוויסער מאָס — איז אויך אין דער וועלט פון שורות־און־אותיות. דער אמת'ער דיכטער, פיהרט זיך נישט אויף דיכטעריש, האָט נישט קיין דיכטערישע מאניערען, רעדט נישט פון זיין מוזע, איז נישט פ ר אָ־ פ ע ס י אָ נ ע ל.

און וועגען יוסף יפה'ס ליעבעס־ליעדער: דאָס זענען נישט קיין קיין ליעבעס ליעדער, נאָר ל י ע ד ע ר ־ ל י ע ב ע ס. ליעבעס וואָס ווערען געפיהרט ספּעציעל צוליעב דעם, אז מ'זאָל זיי קאָנען אויסדריקען אין ליעדער. אמת'ע ליעבע שטאמעלט, רעדט נישט־קלאָרע רייד, זינגט מיט די אויגען, קומט דאָס ארויס נישט דייטליך, פארנעפּעלט. אָבער יפה'ס ליעבעס־ליעדער זיינען העל, ווי זייגער צוועלף בייטאָג, און זייער פייער איז נישט קיין ה י מ ע ל פ י י ע ר וואָס פאלט ו ו א ו עס פאלט. נאָר א גוט אָנגעשטעלט הויז־פייער, מיט אלע געמיטליכקייטען פון קלאנג און מעטער, מיט אלע קאָמפּאָרטען

פון פארענדיגטקייטען, פון אבגעקיילעכדיגטע אפאריז־מען.

ער זינגט:

„ווי איך האס אייך, ווי איך ליעב אייך
הייסער אימער, שטארקער אימער,
פאלש — געטרייע, גאל — פארזיסטע,
גאט פער... (אנמערקונג פון מ. נאדיר: מיינט
איהר דאך פער . . . שאלטענע, לאזט זיך
אוים) —
גאט פער . . . ש ט ע ל ט ע פרויענצימער!"
(24).

אדער אן אנדער מוסטער פון יפה'ס ז א נ פ ט ע, דינע ליעבע, וואס איז אזוי אידישלעך קלוג, אזוי אויס־גע'מח'ט — מיט א פארשארצט היטעל:

„גאט געטרייער, ווילסט מיך שטראפען,
האסט דאך וועגען אהן א צאהל;
ש ט ר א ף מ י ך א י י נ צ ע ל ו ו י י ז
מ י ט ה ו נ ד ע ר ט,
'ש ט א ט מ י ט ז ע כ צ ע ה ן א ו י ף
א מ א ל !..." (25).

אזוי זינגט יוסף יפה, דער א פ ש ט א מ ל ע ר א פון דורות רבנים. ער זינגט און פארטייטשט. ער ליידט און פארטייטשט. ער ליעבט זיין דאבעלע'ן (מערקט אייך: א געליעבטע וואס הייסט דא־בע־לע!) און פאר־טייטשט יעדען קנייטש פון זיינע ליעבליכע ליעבעסגע־פיהלען, און „שטרוי", זאגט ער „אין הארץ מיר אייפערזוכט, אבער טרייב עס נישט ווייט..."

נישט צו ווייט, אלץ מיט א מאס, מיט א תכלית. ווילסט דאבעלע, אז דיין געליעבטער זאל זיין אייפער־זיכטיג? גוט. אבער למע"ה, דאבעלע, אדער אלגא'לע, „שטרוי נישט אין הארץ צ ו פ י ע ל אייפערזוכט." א קאפעטשקע פון צייט צו צייט — מהיכא תיתא! אבער

נישט צופיעל. און הורא אך! ווען איך וואלט כאטש
געוואוסט, אז אַלגאַ גלעט מיך מיט ליעבע, און

ניט נאַר גלאַט אויס מענשענ־
פליכט...(68).

וואָלט איך געווען הורא, גליקליך! אָבער דערווייל —
„צו וואָלט נישט געווען פיעל
גלייכער, פיעל בעסער
דעם אייביג גערעכטען „איך"
צו באצווינגען?"

דער אידישער טרובאדור, ביי וועמען די ליעבע איז,
ווי פינסקי זאָגט, אַ הארצבאַדירפניס, און
וועלכער איז דער שפּראָץ פון לאנגע דורות רבנים, וויל זיך
נישט אריינלאָזען אויף „גיפטיגע בליקען וואָס ברענען
און שטעכען", און „גרויזאמע ווערטער וואָס שניידען
ווי מעסער", ער וויל בעסער באצווינגען זיין „איך"
און נישט שטעלען אַ הארץ אין סכנות, צוליעב אַ נישט
ווירדיגען שטיקעל נצחונות.

בעסער און איינגעגעבענער ווי יפה'ס ליעבעס־ליע־
דער, זיינען זיינע גרינג־געמיטיגע זאכען. אויך דאָ איז ער
נישט קיין שטיפער. אַ שטיפער מוז זיין גרינג אויף די
פיס. און יפה איז אַ שווערפיסיגער מענש, אַ תלמיד־חכם,
אַ זשענטעלמאַן. יפה לייגט צופיעל כבוד אויף זיך אליין,
און אויף זיין דיכטונג, צו קאָנען באמת שטיפען, צו
קאָנען ווערען לייכטזיניג, נאַנסענסדיג. אָבער ער האָט
אַ געמיטליכען טאָן, אַ רוהיגען אָבער קלוגען — אפשר
אויסגעקלוגעלטען, אפשר אביסעל צו קופּלעטיש, אפשר
צו ווייניג מענשליך, צו ווייניג פּיעטעטפול — (מיכל
קאַפּלאַן קאָן דאָס בעסער!) אָבער ס'איז דער איינציגער
טאָן וואָס ער האָט, וועלכער איז נישט אָנגעהויכט פון
היינריך ה., פון ראָזענפעלד'ען („ווידער איז אוועק דער
שבת, ווידער קומט די ארבייטס וואך", דערמאַנט אַן „ווי־

דער איז דער מאי געקומען", עטצ.) פון ווינטשעווסקי'ן ("זיי ציהען זיך לאנגזאם, אהן אויפהער זיך שלעפענדיג... נאר טרערען רק נייע און ימים אנשעפענדיג") און די אנדערע אידישע דיכטער — אלטע און עלטערע.

מוסטרען פון יוסף יפה'ס בעסטע שורות פון די בעסטע סטראפען, פון זיינע בעסטע ליעדער (איך שטרייך זיי אונטער):

...און ווי 'ך זי ליעב, צו זאגען איהר,
דאס קאן איך נישט, דאס פיהל איך נאר.
און פיהלט זי אויך אזוי —
ווי וואויל איז מיר!
און פיהלט זי נישט אזוי
ווי וועה איז מיר! (35).

„מיר זאלען זיין גליקליך צוזאמען
האב איך זי געקייט מיט א רינג"...
(פונ'ם ליעל „די קייט".)

„דאך דו ליידסט פון מיר פיעל מעהרער:
ווער עס זינדיגט, דער לייד'ט שווערער.
ווייז און זאל דיך גאט דער-
הערען.
ווייז און דיר זאל לייכטער
ווערען!
(פונ'ם ליעד: „ס'איז גענוגו!")

נחת'דיג און אייגענארטיג-הומאריסטיש זענען די ליעדער „מיין ווייב'ס מציאות", „די שטרענגע וואך", „פאהר איך מיר אין מעמעל", „מיין הינטעלע" (דאס דאזיגע ליעד איז, ווייסט אוים, דער עלטער-זיידע פון מאני לייב'ס „אינגעל, ציגגעל, כוואט". אדער האט מאני לייב געשריבען זיין פאעמא פריהער? ביטע צו

ענטפערען, פערזענליך!) און „דעם שליאכטשיטש'עס דאנק".

* * *

שלעכט, אָי. שלעכט, איז יפה'ס שפּראַך, נישט קלאַנגיג, פאַרדייטשליכט, און סע שמעקט מיט די בראַשורען פון בונד. „מענשענפפליכט", „אגיטאַציאָן", „ליעבליכעס ליעד", „קאַפּאַיעט זיך", „מוזיצירען", „א קוסעל", „ברעגעלע", „א מאַכל'ע", „לאַסצענען", „פּורפּור ליפּעלעך" (דער לע און לעך איז ביי יפה'ן אַן אָפּטע ערשיינונג!) „יוכצט" (א פינסקי'איזם), „שטעלט זי קאַלט זיך אָן", „רייכסט מיר", „זאַנפטע חלומות", „דאַן קומט זי שוין ווייט".

ביי יפה'ן זשוכעט ס'טייכעל, און „זיי ווייסען פון ליעבע א האַר נישט". „ראָזען" (א גראַם צו „פערלאָזען". ווען ס'זאָל זיין „רויזען" וואָלט געווען ביטער ווי גאַל!). דאָס לעבען איז ביי איהם „ביטער א שרעק". אַן אַלט פּנים האָט ביי איהם קנויטשען! (נישט קנייטשען, נאָר קנויטשען!) מענשען ערצעהלען ביי איהם („ערצעהל דאָך, ענדיג דאָך פאַר מיר!" — 98). און אזוי ווייטער.

דער ארויספיהר פון מ. נאדיר: ניין, פריינד פינסקי. יוסף יפה איז נישט קיין ליעבעס־דיכטער. צווישען איהם און דער נאָך־פלוס־אולטרא'קייט פון זיין ליעבעס־דיכטונג ליגט א גאנצער היינע... אָבער זיינע לייכטע ליעדער זענען דורכגעטאַפּט מיט'ן אויער, זענען מוזיקאַליש און ווען זייער לייכטקייט וואָלט נישט געווען אזא אנגעשטרענגטע, וואָלטען זיי געווען באמת אנגענעם.

„חרוב'ע וועלטען"

אַ בוך פון א. ש. זאַקס.
„ליטעראַרישער פאַרלאַג".

א. ש. זאַקס האָט מיר פּערזענליך איבערגעגעבען זיין בוך, שלעכט איינגעפּאַקט, ארומגעבונדען מיט א דיק שפּיגאַטעל און אויף דעם ערשטען בלאַט, וואָס טראָגט דעם נאָמען־אויפשריפט פון'ם ווערק, איז געוועזען פון אויבען אָנגעשריבען:

מאָישע!
נאדיר!

— א. ש. זאַקס.

האָב איך עטליכע מאָל געקוקט אויף דעם דאָזיגען אויפ־שריפט און איך האָב געטראַכט דעם העכסט־פאָלגענדען, זעהר רעוואָלוציאָנערען, אָדער — ווי דר. זשיטלאָווסקי שרייבט — רעוואָליוציאָנערען געדאַנק:

„צי איז מעגליך, אז א מענש
וואָס קאָן נישט פאַרפאַסען
קיין קלוגע בוך אויפשריפט
זאָל קאָנען אָנשרייבען א קלוג בוך?"

אהא, מיר'ן זעהן. מען קאָן נישט וויסען. למאי איז ראָלניק אזא שוואַכער בריעף שרייבער? למאי איז מנחם אזא גלענצענדער רעדנער? למאי שרייבט א. גלאַנץ אזוי־נע פּראַכטפולע לייט־אַרטיקלען? למאי קאָן אַש נישט רייטען אויף קיין פערד?

אזוי האָב איך גערעדט צו זיך אליין, כדי 1), איך

זאָל נישט הערען די שטימע פון א. ש. זאקס'ס חרוב'ע וועלטען, וועלכע זענען חרוב געוואָרען אויף 254 זייטען, מיטעלמעסיגער פאָרמאַט. כדי 2), איך זאָל נישט פאַר־נעמען דאָס פ א ר ק ו נ ע ן פון זיינע ליטווישע מענ־שען, וואָס זענען — כמעט אויף יעדער בוך־זייט — פול מיט טיפער ליעבע צו לאָקשען און מיט דעם ברייט־ליך־צעזונגענעם נקבים־גדולים־וקטנים־דיאַלאָג פון בלע־טעל 16.

עקעלהאפטער מוסטער (נאָכדעם ווי א. ש. זאקס האָט שוין אָפּגע'נקבים'ט עטליכע מאָל אין די פריהערדיגע שורות):

— רבי!!

—דהינו, וואָס?

— איך וויל אויף נקבים.

— נקבים גדולים, אָדער נקבים קטנים?

— נקבים גדולים!

זאקס'ס אידיש איז נישט ניי־אידיש, אויך נישט אַלט־אידיש. עס איז זאַקסיש. אפשר אנגלאָ־זאַקסיש? אפשר טאַטעריש. קינדער זענען ביי איהם —

פופּנעקלעך.
פופּציקלעך.
פופּציקעס.
האַליפּופּעס.
פּיזאקעס.
מאזורקעס
באיבאקעס.
וועווריקלעך.

אלצדינג — נאָר נישט קיין קינדער. ביי זאקס' א הוסטענדיגען מענשען געהט יעדער „וואָרט ארויס פון מויל מיט אַ שטיק ש ל י י ע ן" (דערלאַנג מיר די אמאָ־ניאַק טראָפּען, ליעבע פרוי!)

א. ש. זאקס איז נישט קיין דיכטער. ער איז, פאַר־קערט, זעהר אַ פּאָפּולערער וויסענשאפטסמאַן. פון אזא

איינעם ווי ער, האָט מען געמענט ערוואַרטען אז די גראַמאַטיקא וועט ביי איהם זיין הייליג און אָפּגעהיט. אָבער — הויכפּאָעטישער טאָן — וואָס זאָל זאָגען דער מענש וועמעס הונגעריגע אויערען ווערען געשפּייזט אויף אַזוינע ווערטער ווי „ער האָט אונטערגעטעניגט מיידעלשע הערצער“ (אנשטאַט פאַראונטערטעניגט), און „אונטערגעשטאַנענער משרת“ (בלעטעל 79) און וואָס זאָל טון דער מענש וואָס גלויבט נישט, אַז אַלע ליטווישע אידען גיבען זייערע שבת־אורחים צו עסען אַ גרויסע זילבערנע שיסעל, מיט לאָקשען? וואָס זאָל טון (אָ, מיר ווערען געהאַסט און געטריבען!) אַ מענש ווי איך, אַן איידעל קינד, אַ שטיקעל אַפּיקורס וואָס גלויבט אַז זאַקס'ס וועלטען זענען ערשט חרוב געוואָרען דורך זאַקס'ס בילדער, וועלכע זענען פלאַך אין אַלע דריי דימענזיען? וואָס זאָל טון דער נישט גלויביגער וואָס האַלט אַז זאַקס' וועלטען וועלען — פון דעם אמת'ן קינסטלער — מוזען צוערשט אויפגעבויט ווערען, כדי מען זאָל זיי קאָנען קינסטלעריש חרוב מאַכען?

זאַקס'ס „חרוב'ע וועלטען“ זענען נישט קיין בוך, נאָר אַ ריעזיג לייט־אַרטיקעל, מיט בראַנשען אויף דער פּראָווינץ און אַלס לייט־אַרטיקעל איז עס שוואַך געשריבען. אַ גוטער לייט־אַרטיקעל שרייבער וועט נישט זאָגען, אַז „דער קעלמער מגיד האָט שטאַרק ליעב געהאַט די אידען. ער האָט זיי געוואונשען גליק“ (109). אַ פאַרזיכטיגער פּובליציסט וועט נישט זאָגען, אַז נאָך מנחה האָט זיך די זון „אָנגעפאַנגען צו לייגען“.

זאַקס'ס בוך איז נישט שלעכט געשריבען — עס איז איבערהויפּט נישט געשריבען. עס איז געזאָגט ביי אַ שבת־טיש נאָכ'ן עסען, בשעת מען שטעכט זיך די ציין, און מען געניצט געמיטליך צווישען די פינגער. עס איז דאָס אונגעשריבענסטע בוך, וואָס מיר האָבען ווען־עס־איז געלייענט! עס ערקלערט נישט די גנאווילע שעהנקייט פון אונזערע מנהגים — נאָה

פארקערט. עס ע נ ט ק ל ע ר ט, עס צענעמט — בדרך משל — דעם שעהנגעשניצטען ארון־קודש פון אונזערע לעבענספארמען, און גיט איהם איבער, אין קליינע, נישט צענויפגעשלאגענע, וואכעדיגע שטיקער פון פאר׳יצחק־אבן׳טער באגייסטערונג פאר דאס אלט־אידישליכע, פאר דאס קלויזליכע, פאר דאס בטלנ׳ישע, פאר דאס ליידיגע.

אין די „חורב׳ע וועלטען" דערהויבט זיך א. ש. זאקס צו דער מדרגה פון א נאטור־שילדערער, וואס שילדערט אויף וואס די וועלט שטעהט. וואס ארט עס איהם? פרויען ליידען פון שוואכע נערוועז, מאנסביל שפרינגען פון די בריקען, איטאליענער שניידע זיך איבער די העלזער, בחורים האבען חתונה מיט זייערע אייגענע כלות און ער — שילדערט מיט אלע כחות. ער שילדערט די „ערשטע שטראלען פון דער מארגענזון", ער שילדערט א איד וואס קאן נישט קיין עברי און וואס „א כתב־יד איז פאר איהם א פ א ר ז י ג ע ל ט ע ר בריעף" — ער שילדערט מענשען, וואס עסען לאקשען און מענשען וואס ש ט ע ה ע ן אויף און עסען לאקשען. ער שילדערט אידישע טעכטער וואס מען „בארעדט זיי" און אידישע טעכטער וואס זענען „ריין און אונשולדיג ווי א בלום" ער שילדערט אינגלעך וואס געהען אין חדר אריין, און אינגלעך וואס געהען דוקא אין — א העבערען חדר אריין. ער שילדערט זיינע אייגענע באריייזטקייט, און ער שילדערט די גוואלדיגע נאטור־שעהנקייט פון זיין שטעדטעל, וואס טאקע „נאר א קינסטלער וואלט עס געקאנט באשרייבען". ער שילדערט ווי פיין און וואויל די ליטווישע אידען זענען און פארקערט: ווי אזוי זיי זענען נאך א סך פיינער ווי דאס! ער שילדערט ווי אזוי אידען פייערען זייער פסח מחמת עס איז דער יום טוב פון פרייהייט, (זעה די הגדה פאר וויטערע אינפארמאציע!) און ווי אזוי זיי עסען קניידלעך און מצה און מרור און חרוסות. ער שילדערט ווי אזוי אום שבועות עסען אידען בלינצעס און תשעה־באב — פאסטען זיי. ר"ה דאווענען זיי און

יום כפור בלאָזען זיי שופר. אנטקעגען־זשע שמחת־תורה זענען זיי דוקא פרעהליך און (שטעלט זיך פאָר די אי־בעראַשונג!) זיי געהען מיט הקפות. עהרענוואָרט! חנוכה שפּילען זיי אין דריידעל און — מערקט אייך! — פּורים איז שוין גאָר אן אנדער זאך. גאָר נישט צו דערקענען אז ס'איז דיזעלבע אידען!

* * *

דאָס בוך „חרוב'ע וועלטען האָט דריי איינטיילונגען. איינס: „זיטען און מנהגים". צוויי: „ליטווישע אידען". דריי: „שמחות און אבילות". דער לעצטער אבטייל איז אפשר דער בעסטער — כאָטש אויך דאָרט איז אלצדינג אזוי בלוט־אָרעם, אזוי בלאַס, אזוי נישט־פון־דער־נשמה־ארויס, אזוי טאָגיג־פארגראָהט, אזוי אָט־זעץ־איך־זיך־אוועק־און־גיב־דאָס־א־שרייב־אָן. ס'פעהלט די נישט קלאָרקייט פון דעם אמת, די פארוואָלקענטקייט, דאָס נישט־אויף־אן־אָרט־שטעהן, דאָס זיגזאגישע, וואָס דריקט מיט זיך אוים דעם לעבענס־ריטם, דעם לעבענס פּולס, דעם אמת.

אָבער דאָ און דאָרט טרעפט מען דעסטוועגען א קאַ־פּיטעל וואָס איז אָנגעוואָרימט פון שכל'דיגער ליעבשאפט פון פארגעבונג פאר דאָס נישט פארביגע, נישט־פּיקטור־רעסקע אין אונזער לעבען.

איך ברענג דאָ די בעסטע ציטאטע פון זיין בעסטען קאפּיטעל „די ערשטע סליחות", כדי מען זאָל נישט זאָגען אז איך בין א שלעכטער מענש און א נ ט י ־ ל י ט ־ װ י ש. אָט איז עס:

„עגעץ וואו דרעהט זיך א חולה אויף זיין בעט, וואו זיינע וועהען לאָזען איהם נישט רוהען און צעוויינט זיך, ווען צו זיינע אויערען דערטראָגט זיך אבא'ס אומעטיגער הארצנאָגענדער (דער „הארצנאָגענדער" איז איבריג! — מ. נאדיר.) פּזמון „שטארקט זיך לעבודת הבורא!" „שטעהט אויף צו די ערשטע סליחות„. דער ווינט פּייפט און ברומט (דער „פּייפט" איז איבריג. — מ. נאדיר.) און

לאָזט אַרויס אַלערליי משונה׳דיגע קולות. די בלעטער פון די פייכטע ביימער וואַרפען זיך איינע אויף די אַנדערע און סור׳ען זיך. ניט ווייניג פון זיי פאַלען אויף דער ווייכער בלאָטיגער ערד. פון דער ווייטענס טראָגט זיך דער רוגזה׳דיגער גערויש פון די וואַסער אין טייך וואָס פליסט און פליסט אָהן אויפהער, אָהן א צוועק".

יוסף ראַלניק

ליעדער: פאַרלאַג „אינזעל".

אַן אומטינער טאָג. מיין ליכטזיניגע נשמה איז קאַלט און פאַרנעצט. טו איך אַ נעם ראַלניק׳ס ליעדער־בוך. ס׳אַרא שווערער פּאַליאַנט, און אַזעלכע ווייטע גראָה־זאַמדינגע ברעגען. אָך, גאָט! פאַרוואָס איז דער מענש נישט אַביסעל באַשיידענער? פאַרוואָס גיט דער דיכטער פון פּול־פּערזענליכען אַזא גרויסען פּלאַץ אָפּ דעם ליי־דינען? די נישט־פּאַרשריבענע ראַנדען?

יוד ראַלניק׳ס וועג איז נישט אַן אונענדליכער און פאַרשטויבטער מדבר־וועג, וואָס פיהרט אין ערגעץ נישט, אפילו נישט טיפער אין דער מדבר אריין, וואו מען קאָן פון אינטערעסאַנטע, פּול־בלוטיגע לייבען פאַר־צוקט ווערען. זיינע לאַנדשאַפטען: אַזעלכע וואַסער־פאַרביגע, אַזעלכע אונאַפּעטיטליכע. ווער, פרעגט מ. נ., וויל דאָס ארומוואַנדערען אָהן אַ באַשטימטען מאַרש־רוט, אָהן אַ צוועק? זאַמדיגע וועגען — פּפוי, עס לאַנג־ווייליגט מיך און איך וויל שלאָפען. זאָל איך דיר ווינשען אַ גוטע נאַכט?

פערזענליך: ניט פיין פון דיר — איך איהר׳ע דיך נישט — קאַלטע ראַלניק! (אין דער אויסגעטראַכטער דיכטער־רעפּובליק, לכל הפּחות, קאָן איך זיך ערלויבען צו זיין אריסטאָקראַטיש־פיין, מאַנירליך). פאַרוואָס פאַרביטערסטו מיר ס׳לעבען מיט דיינע ליטווישע לידער, פון וועלכע עס ווערט אזוי אונהיימליך, אזוי ביטער?

י. ראַלניק! דיינע סטראָפען פארשיכור'ען נישט, און איך וויל נישט ניכטער זיין. צ ו ניכטער בין איך דערצו! צו ווייניג לופטיגקייט איז פאראן אין דיינע ליעדער — י. ראַלניק, מיין פערזענליכער גוטער־ברודער.

גנעזאנג: הייסט דאָך ריטהם, לופטיגקייט, א פלינקער הארץ־ציטער, און דו מיין געטליך אונמעכטיגער, אלץ פארגראָהענדער יוד ראַלניק, ביזט נישט מוזיקאליש, נישט אפערעטיש. דיינע געזאנגען האָבען קיין גוטען ריטהם נישט. דיין ליעדער־לופט שטיקט, איז שווער, און דיין ליטוויש הארץ ציטערט אזוי מעלאַנכאָליש־לאַנגזאַם, אז מיין אייגען פאראומערט, אפערעטיש הארץ הויבט אן לאנגזאמער שלאָגען און ס'ווילט זיך אנטלויפען ערגיץ ווייט, ווייט.

לאנגזאם־לאנגווייליג, ווי די לעצטע טראָפענס פון אן אויסגעטרוקענטען ברונען־עמער, וואָס הענגט אין לופטען (אין מיינעם א ביכעל) אָהן יעדען ציעל און צוועק, טריפען י. ראלניק'ס ריין־פערזענליכע טרעהרען; פאַלען אין דער נארישער אונענדליכקייט אריין און געהען אוים אָהן דראמאטישע וועלט־עפעקטען.

פארוואס ביסטו אזוי פאראיינזאמט — י. ראַלניק, מיין חבר? וואס פעהלט דיר דען? האָסט זיך, כ'לעבען, געמעגט ערלויבען זיין אביסעל געזעליגער, קאלעגיאל־אָפערעטישער, האפיז'דיגער.

און זאָגען אייך, געעהרטער י. רייז, א סוד? מיר איז ווארימער אינ'ם קארגען שיין פון דעם פרעמדען און פארפרעמדענדען מיר־גאַנץ־אונפארשטענדליכען האפיז, ווי אין דער איבערפליסענדער, קלוגער שנעע־ליכטיגקייט פון דעם היימישען און איבערדריסיג־נאָהענטען ראַלניק.

איך מיש די בלעטער און... עס שנייט אלץ אין ראַל־ניק'ס ליעדער. פארוואס רעגענט נישט אביסעל אין דיין היימאַט, ראַלניק? פארוואס קנאַלט נישט א דונער און

דערשלאָגט נישט עטליכע פעלד־וואַנדערער? פאַרט פרעהליכער!

ס'איז אמת: שניי־לאַנדשאַפטען זענען קלאַסיש־שטיל, נירוואַנאַ־פּאַר'חלום'ט, דעקאָראַטיוו. אָבער נאָר פאַר מענשען, וואָס זענען קראַנק ביז נאָרמאַליטעט. איך בין געזונט און דעגענערירט, און מיין בלייך־אַריסטאָקראַטיש בלוט ווערט פון דיין שניי נישט געוואַרימט, ראַלניק מיין גרויסער דיכטער! איך זוך — דעם אָריענט און זיין פאַרביגע אויסגעלאַסענקייט.

גאַנץ אונעמפינדליך ביזטו, י. ראַלניק. — צו דיין מוטער־ערד וועלכע איז אַזוי געשמאַק מיט זון־פּוטער־שטראַהלען באַשמירט. אפילו די וואַרימע גוט־שוועסטערליכע שויסען האָבען דיר געגעבען בלויז צוויי ליעדלעך. נישט מעהר. צוויי ליעדלעך — באַ! אויבערפלעכליכע נאַטורען מיינען, אַז ראַלניק אידעאַליזירט דאָס קליינע ליטווישע לעבען, אָבער טיפע בעאָבאַכטער ווייסען, אַז ראַלניק'ס אָרימקייט איז נישט קיין לעבענס־אידיל, נור אַ לעבענס־מאַסקאַראַד, נישט זיין פּראָגראַם־מאַקסימום, אינ'ם לשון פונ'ם סאָציאַליסטישען וואַנדאַלענטום, נאָר זיין פּראָגראַם־מינימום, נישט אַ רעכטער טויער צו זיין אייגענער העכסט־אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט, נאָר אַ פאַנטאַסטיש־טירעל צו דער גרויסער, באַנאַלער, אָפּגעשמאַקטער אונענדליכקייט — אַ פּראַזע, וואָס איז מיר אַליין אונפאַרשטענדליך.

י. ראַלניק איז אויך אַ תנא, אַ וועלט־חכם. וועלט־חכמה? צו וואָס דאַרף איך זי? און נישט ווילענדיג פרעג איך אַביסעל מיט כעס, צו וואָס רעדט מיין דיכטער אַזוינע טרויריגע רייד, זאָגט שלעכטע בשורות; זעהט אין גאָט'ס פּאַלאַצען נאָר טריבע טעג און נאַסע נעכט, ווייטער גאָר נישט. אַ פראַגע: און וואו זענען, אַ שטייגער, די רויט־גליהענדע, הויך־לאַכענדע, מיידליש־פאַרפלאַמטע טעג פון גאָט'ס גרינער, דופטענדער ווייב־

ליכער ערד? י. ראָלניק, מיין חבר: דו געהסט אויף בלוי־טיג־פארבלאָטיגטע, זאמדיגע, דאָרניגע וועגן אָבער ווער הייסט דיר אהין געהן? קום, מיין פריינד! טו אָן דיין קעניגליכען שאַרלאַך־מאַנטעל־אויבערראָק און איך וועל דיך אין די ווייַנגערטנער פון לעבן פיהרען, און דו וועסט נישט מעהר איינגעבויגען געהן, און שילטענדיג גאָט פארשווייגען און זיינע מייסטערווערק.

אך, ראָלניק, מיין גרעסטער דיכטער! עס רעגענט אין דרויסען. מיר איז שלעכט און אומעטיג. דיר אויך, מסתמא. דאריבער:

אין אַ זונען־טאָג.

אויסגעלייטערט האָט זיך דער מליצה־הימעל פון מיין נשמה. בלאנדער, לילות־בלאנדער זעהט איצט אויס די אינטימליכע קאסיא פון מיינע „ווילדע רויזען". איך בלעטער ווידער י. ראָלניק'ס פרימיטיוו־געבונדעַ־נעם, זויבערען נאָך־ניט־גאַנץ צעשניטענעם און פון ברודיגע לעזער־הענט פארשוועכטען פאָליאַנט. (אַ גוט אויסלענדיש ווארט, הא?) אלמעכטיג־אידישער גאָט! ס'ארא רחבות, ס'ארא ברעניגקייט! ס'ארא פייערליך בלענדענדע ווינטער־פייזאזשען. ווי אַ ליכטיגער זילבער־שווערד גלאנצט ראָלניק'ס עפיגראמאטישע שאַרפקייט, זיין שטרענגע חכמה, זיין צנועה'דיגע און דאריבער מעהר פארשייטע עראָטיק. און ווי ריינער שניי אויף דעם ברודיג־נאקעטען פעלד — אזוי פאַלט זיין נביא'־שע טרויסט...

אַ גרויסער דיכטער ביזטו, י. ראָלניק, און אזוי אייגענאַרטיגער פון מיר — ווען איך בין נישט אין בעסטען געזונד. אריגינעלער פון זיך אליין, מיין דופּ־טענד־דאָרניגער, הייס־געליעבטער דיכטער!

נישט נאָר דיכטער ביזטו, נאָר אַ פּערזענליכקייט אויך, און זיין פּערזענליך איז שווערער ווי שרייבען פּערזען.

דער נישט־איבערטראָפּענער דיכטער פון דער נישט־איבערטראָפּענער טיף־אידישער פּערזענליכקייט — וועלכע איז טיף געגוג, ווייסט גאָט!

נישט נאָר פון צייט צו צייט, נאָר שטענדיג און כסדר און אויסגעהאַלטען ביזטו י. ראָלניק. דו האַלטסט פון זיך זעהר שטאַרק, און נישט פון זיי. גוט, אויסגעצייכענט. אַזוי דאַרף עס זיין. איך און דו — מיר ביידע — זענען גרעסער פון אייך אַלעמען. אַלע דאַפּיר! ביזט אונאַנשטענדיג־פּריוואַט און צנועה'דיג־אינטים. קוק זיך אָבער צו נעהענטער, דו פּעבעלהאַפּט וועלט־גאַלערע־געזינדעל, דו וועסט אין ראָלניק'ס גרויסע לידער אויך דיינע אייגענע האַלב אונאַנשטענדיגקייטען דערקענען. און דיינע באַהאַלטענע פּערטיל־אינטימיטעטען. דען גרעסער פון דיר איז י. ראָלניק, און אויך פון מיר — וואָס איז גרוים געגוג, אהן צווייפעל. אָבער באַליידיגט זיך נישט, מיינע הערען און דאַמען! אַזוי טוען דאָך אַלע גרויסע דיכטער. זיי האָבען אייך גאָר־נישט אין זינען — נור ז י ך, זיך אַליין. נאָר זינגענדיג פון זיך, זינגען זיי שוין במילא אויך פון אייך, קליינע, אונבאַדייטענדע פּוטער־ברויט־נאַטורען. ווילט איהר דאָס גרויסע דיכטער־נביא־וואָרט הערען, געהט נישט צו סאַהיד'ן, אויך נישט צו סאַקי'ן, נאָר דירעקט צו האַפּיז'ען. דיטאָ י. ראָלניק. ער וועט אייך מיט זיין קאַל־טער שנייאיגקייט דערוואַרימען, אייער בלוט דערפרי־שען. אייך שאַרפע געזאַנגען אין די אדערען אריינגיסען. אייער בירגער־בלוט וועט דערפון שיכור ווערען... אייער אַרמזעליגע נשמה וועט פון זיין קליינעם אונטעאַטראַ־ליש וויזהייטליכטעל אַ הייליגען אָפּשיין קריגען, און דער ווייַן פון אַלטער חכמה וועט אין אייערע בעכערס מליצה'דיג אויפשוימען.

איך זינג: ווי טיעף, ווי עלעניש, ווי אונערשעפּליך ביזטו, י. ראָלניק — מיין האַפּיז! אַ קלוגער דיכטער ביזטו, י. האַפּיז, מיין ראָלניק, און אַ טיעפער דענקער.

ניט דער טיעפסטער פון אלע ניט־געוועזענע דענקער. — יענע זענען ניט טיעף, ווייל זיי זענען נ י ש ט. דו ביזט — ביזט קלוג. מיין לאָרבער־קראַנץ דיר, י. ראַלניק!

ס'איז גוט וואָס דו געהסט אויף זאַמדיגע וועגען! ווען דו וואָלסט ניט געגאַנגען אויף זאַמדיגע וועגען, וואָלט אויך געווען גוט. דער וועג איז דיינער — ניט מיינער. איך וויל מיט דיר ניט מיטגעהן. איך האָב ניט קיין צייט. אָבער דו אליין, דו פערזענליכער, וועסט זיכרע אויף דיינע גראָהע וועגען צום העכסטען דערגעהן, צו די אינזלען פון זעליגקייט, און האָסטו זיך א קליין־ביסעל איינגעבויגען צוליעב עפעקט — מאַכט עס אויך ניט אויס. איינגעבויגענערהייט געהט זיך זיכערער, פּאַראַדאָקסאַלישער.

מנחם

„א רינג אין דער קייט׳.
„ליטעראַרישער פֿאַרלאַג״.

צו מיין טייערן יששכר שרייב איך די פֿאָלגענדע קריטיק אויף מנחם׳ס לידער.

ליעבער יששכר! ערשט נעכטען ביינאַכט האָב איך מיט דעם פיינעם יונגענמאַן מנחם פאַרבראַכט אויף א באַנקעט. מנחם איז א גאַנץ לייטישער מענש — אויפ׳ן אויסזעהן. זיין היטעל איז ווייך, דיטאָ זיין כאַראַקטער. אז ער רעדט — זינגט ער, און אז ער זינגט — וויינט ער. ער איז זעהר א סימפּאַטיש מענשעל — א שטילס. און ווערט ער א מאָל וואולקאַניש, שפּייט ער מיט וואַטע. פון וואַנען? — פון וואַרשע. אָהאַ, פון וואַרשע?! — יאָ. פון וואַרשע! — אויב אזוי קענסטו דאָך איהם? —יאָ, אויב אזוי קאָנסטו איהם! — דערזעלבער מנחם — נישט געענדערט זיך אויף א האָר! וואָס דערצעהלט ער עפּעס פון דער היים? אָה, יששכר, וועגען דעם וויל איך טאַקע מיט דיר א שמועס טון.

ליעבער יששכר! ווי דו ווייסט בין איך אויך געבוי־רען געוואָרען — נישט אין וואַרשע, נאָר ערגעץ אַנדערש; וואָס מאַכט עס אויס?! א מענש מוז דאָך וואו־עס־איז געבוירען ווערען! פון דעסטוועגען, יששכר, זאָג דעם אמת: האָב איך, אַריבערפאָהרענדיג קיין אַמעריקאַ, אַריבערגעבראַכט מיט זיך מיין „היים״? ניין, איך האָב זי געלאָזט א י ן ד ע ר ה י י ם. פאַר וואָס־זשע האָט

מנחם נישט געטון דאָסזעלבע? וואָרום האָט ער נישט איבערגעלאָזען וואַרשע אין וואַרשע? און פּוילען אין — פּוילען? און וואָרום שלעפּט ער זיך אַרום מיט׳ן פּוילישען וואַרשע אין אַלע צייטשריפטען? מערק זיך, יששכר, איך האָב גאָר נישט צו פּוילען, איך בין אַליין אויך מעהר־וועניגער פאַרליעבט אין די פּוילישע פּאַניענקעס, אין די פּוילישע וועלדער, אין די פּוילישע פאַרשידענע דינגע און אין דער פּוילישער צעקראָכענקייט, וואָס מען רופט דאָס אַן ליריק, אָבער סע מוז דאָך זיין אַ גרעניץ אפילו צו פּוילישער ווייכקייט, צו גיין?

טייערער יששכר: מנחם איז ווייך. מנחם איז צאַרט. מנחם איז דעליקאַט. מנחם איז סימבאָליש. מנחם איז מאַנאַגראַמיש. מנחם זאָגט מען, האָט אַן אויג — ער האָט צוויי אויגען פאַר פאַרשיעדענע דינגע. מנחם זאָגט מען, האָט אַן אויער — ער האָט צוויי אויערען פאַר געוויסע זאַכען. מנחם, זאָגט מען, האָט אַ פּען — אַ גוטע וואָטערמאַן פּען. אפשר האָט ער נאָך איינע? ווער ווייסט איהם! אָבער ווי זאָגט ערגעץ דער תנא: לא על הליריק לבד יחיה, טוט לעבען, האָדם, דער זינדיגער מענש ולא, און אויך נישט, על ה׳דעליקאַטקייט טוט לעבען דער מענש! ולא, און אויך נישט, על ה׳וואַרהאַפּטיגקייט, לויבנאָטיגקייט, לייטזעליגקייט און שרה־בת־טובים׳דיג־קייט, יחיה, טוט מאַכען אַ לעבען דער בן אָדם מיט׳ן נאָמען מענשענזאָהן. און אפילו אז סע חלומ׳ט זיך אין דער פינסטערניש איהר קלאָרעדיג געזיכט (בלעטעל 9) איז דאָס נאָך אויך קיין תירוץ נישט, למאי איך אָרימער, בידנער, ניעסטשאַסטנער, אונגליקליכער מענש זאָל זיך דאַרפען בלענדען די אויגען אויף צו לעזען אזא מין ברייטיגקייט און אזא מין — שטראָף מיך גאָט דערפאַר! — לירינקייט.

יששכר! איך שטעל דיר אזא מין פּראָבלעם: זענען פּערפּעל קליינע, נישט־ענטוויקעלטע ליליפּוטישע לאָפּ־

שען, אָדער זענען לאָקשען הויך־געוואַקסענע, קאָלאָסאַלע פערפעל? מיט אנדערע ווערטער: צו וואס באגעהן אזעלכע ברייטע, איך־וועל־אייך־נישט־לאָזען־כאפען־דעם־אָטעם׳־דיגע ליעדער, ווען שמאָלערע לידעלעך זענען אויך נישט שלעכט — אויב זיי זענען נישט שלעכט? מנחם׳ס ליעדער, ליעבער יששכר, דארפען געלעזען ווערען נישט פון א י י ן מנשען, נאָר פון א גאנצער ק אָ מ י ט ע. און די דאָזיגע קאָמיטע דארף אנשטענדיג באלוינט ווערען פאר איהר מיה.

מנחם׳ס א ליעד — אויב מען האָט נישט קיין ספּעציעלע קאָמיטע וואָס זאָל עס לעזען, מוז צעשפּאַלטען ווערען, לכל הפּחות אויף העלפט. ס׳עט גאָר נישט פארלירען דערפון. אדרבא. למשל: מיר מאכען א קנייטש אויף, לאָמיר זאָגען, בלעטעל 48. מיר שפּאַלטען ס׳ליעד אקוראט אויף העלפט און ס׳לעזט זיך גאנץ געשמאק, לכל הדעות נישט ערגער ווי פריהער. אָט איז עס: „אין בליציגען אָווענד, די פענסטער פארהאנגען, געדאכט סטרונעס ציטערען. ציטערען פינגער, און בלייך ס׳פּנים, אין שאָטען פון בוימער. ער וועט אזוי בלייבען, דער פארהאנג פארהאנגען, און שטיל מיט׳ן טאָג וועסטו איהם שוין וועלען“ א. ז. וו.

נאטירליך, איז דאָס נישט זעהר קלאָר, דערפאר איז דאָס אָבער זעהר צארט, זעהר סימבאָליש. זעהר תפלה׳דיג — הא? זאָגסט עפּעס יששכר?

איך זאָל ריידען וועגען מנחם׳ס תפלה־ליעדער? נו־גוט! אָט רעד איך: מנחם איז דער מאָדערנער שרה־בת־טובים אָהן שרה־בת־טובים׳ס אמת׳ער גאָטספורכטיגקייט און טהין־טוהענדיגקייט. אז מנחם גיט א דאווען אָפּ א ליעדעל, איז דאָס עכט פּיטום־הקטורת׳דיג! פול מיט הדק־היטביזם. און זיין (ווייך) קול איז גוט צו די בשמים. אמאָל ווערט ער גאָר גאָלדפאַדענדיג און ער זינגט: „אז מ׳בלייבט אמאָל זיצען אליין, אין דער נאכט פאר׳ן שפּי־

געל צו לאנג, קען מען אָפּט פאר'ן שפּיגעל דערזעהן אלץ וואָס קומט נאָר אריין אין געדאַנק". אָדער „ציטערסטו? צאַפּעלסטו? צאַפּעל און ציטער!" וואָס קעהרט ער? מנחם קעהרט נישט — ער איז לירישׁ. ער איז א ביסעל לירישער, ער איז ליריש אָהן ברעגיגקייט. פון זיין יעדען ליעד טוט טריפען מילך און האָניגדיגקייט.

ווען דער רבש"ע זאָל געווען ווייסען אפריהער, אז עס וועט זיין א מנחם, וואָלט ער געווען צוגעזאָגט דעם פאָלק ישראל זיי „אויסצוציהען" פון מצרים און זיי ברענגען אין דעם לאנד וואו עס רינט — מנחם'ס פּאָעזיע.

צום שלום וויל איך דיר שרייבען, ליעבער יששכר, אז מנחם האָט אויך עטליכע העכסט וואונדערבארע ליעדער: „שלמה", „פוילען" און אנדערע. איך אליין האָב זיי נישט געלעזען — איך בין שוין היינט נישט אזא בעל־כח ווי איך פלעג זיין אמאָל, יששכר! — נאָר חברים זאָגען מיר אז זיי זענען גוט. מנחם אליין גאראנטירט זיי אויף אכ־ דערהאלבען יאָהר. נאָך דער דאָזיגער צייט קאָן זיי דער לעזער צוריקברענגען צו דר. פארענבערג, אין איינעם מיט א האַלבען דאלאר, וועט ער ענטוועדער קריגען מיינע „ווילדע רויזען" אָדער מ'עט ביי איהם גלאַט אזוי צונע־ מען די 50 סענט. איך אליין זאָג גאר נישט. למאי זיך איינרייסען מיט דער וועלט? איך האָב שוין היינט סאי ווי נישט אזוי פיעל פריינד, ליעבער יששכר, וויפיעל כ'האָב געהאַט איידער כ'האָב אָנגעהויבען שרייבען מיינע קריטיקען,! איך וויל דיר בלויז זאָגען אַז מנחם'ס ליעדער זענען אבסאָלוט וועטערלאָז. א חוץ אמאָל דאָרט א קליין ווינטעל, אָדער א שפּריי־רעגענדעל. ווי אזוי א מענש קאָן פון אזא קנאַפּען וועטער שעפּען אזעלכע ברייטע ליעדער — ווייס איך נישט!

פון מיר, דיין פריינד, מ. נ.

הערצאָג ד׳אַבּרוצי

„זיגזאַגען”. פאַרלאַג „עכאָ”.

ד׳אבּרוצי׳ס בוך איז א פּרום, הייליג, רעליגעז שטיקעל אפּיקורסות. עס איז א בוך וואָס גיט אייך דעם נויטיגען רוקענציטער, דעם קאַלטען קיצעל איבער׳ן האַרץ מיט אַ שאַרף מעסער, וואָס שניידט נישט, נאָר עס שרעקט־אָפּ. עס איז א סטיליזירטע וואַלד שרפה, וואָס פלאַקערט לויט סטיליזירטע מוסטערן פון שעהנברענעריי, עס איז די גאַלאָפּירענדע פאַרצווייפלונג, וואס איז שטעהן געבליבען אין אַ קלאָר, דורכזיכטיג וואַסער, כדי זיך צו באָדען די מידע פיס און זיך אנשפּיגלען. עס איז מענש, מענשליכעס, מענשליכקייט, מענשהייט. עס איז דער טראַגיזם פון׳ם לעבען מיט אן אויסערגעוועהנליך פיינער פונקטואַציע. עס איז דער טרויער, דאָס לעבען, דאָס אָבשטאַרבען, דאָס פאַרגאַנגענזיין, וואָס רייסט זיך אַרויס פון יעדער גוטגעבויטער שורה, ווי א שטיקעל גראַז פון הינטער א מצבה — אזוי פול מיט באדייטונג, און אזוי גארנישטמיינענדיג. עס איז די מילדקייט פון פייערשפּייענדיגען בארג, וואָס האָט זיך אויסגעשפּיגען און איז אנטשלאָפען געוואָרען און שמייכעלט פון שלאָף.

ד׳אבּרוצי׳ס זיגזאַגען זענען אזוי שטאַרק אָנגעפילט מיט לייכטקייט, אז זיי וועגען אפשר זיבען מיליאָן פונט. דער גוטער, אלץ פאַרגעבענדער ד׳אבּרוצי שמייכעלט מיט א קלוגען, קינדערשען שמייכעל. אָבער הינטער

יעדען דינעם שמייכעל וואוינען געפאנגענע ניין הונדערט לעמפערטען, אבציג פארוואונדעטע לייבען, ניין ביליאן טויבען. ד׳אברוצי מיט׳ן מאנטעל אריבערגעווארפען איבער די אקסלען געהט ארום א צע׳חלום׳טער איבער די ברייטע, ליידיגע שפאצירגערטנער פון׳ם לעבען און ווארפט שמייכלען — רעכטס און לינקס, נאר אז מ׳קוקט זיך גוט צו זעהט מען, אז דאס זיינען נישט קיין שמייכלען, נאר שלענג, גראציעזע, בונטע שלענג, וואס האבען יאהרענלאנג אויף זייער אייגענעם סם געלעבט — א, ד׳אברוצי מיינער, ווי מליצה׳דיג מיר קענען שרייבען!

לייענט איהר ד׳אברוצי׳ס זיגזאגען, לערענט איהר פון זיי אזוי וועניג ווי פון א וועלטאונטערגאנג. אבער ו ו ע נ י ג ע ר ווערט איהר דערפון און גרינגער און רוהיגער.

ד׳אברוצי האט זיך אליין אויסגעקליבען אלס אמבאסאדאר צו דער ווייטסטער געגענד פון זיין הערשענדער נשמה. און דארטען פארטרעט ער די אינטערעסען פון — ד׳אברוצין. אבער ד׳אברוצי האט נישט ליעב ד׳אברוצי׳ן דערפאר, וואס ער האט איהם אזוי פלעבעאיש ליעב, אזוי מענשעלדיג, אזוי קליין. אינטריגירט ער קעגען זיך אליין. רייצט אויף זיך אן אלערליי בייזע, אויפגערעגטע אפאריזמען זיי זאלען איהם נאכלויפען און ערגערען איהם און — ז י ך א ל י י ן.

מיט ד׳אברוצי׳ן (הערצאג) פאהרט איהר נישט אויף א פובליציסטישען רייטוואגען, אדער אויף א זשורנאליסטישען לאסט־פערד, אדער אויף א בעלעטריסטישען אויטאמאביל. ד׳אברוצי׳ס עקסקורסיאנען פיהרען אייך אויף לופ־די־לופ מיט א שנעלקייט פון 116 מייל א מינוט. עס דערהויבט אייך. עס ווארפט אייך. עס שניידט אייך אפ דעם אטעם. עס שרעקט אייך. ווען עס זאל געדויערען נאך א רגע וואלט איהר אפשר נישט אויסגעהאלטען. אבער ד׳אברוצי צוטרייסעלט אייך און ווארפט אייך ארוים אזוי פלינק, אז איהר האט נישט קיין צייט צו —

חלש'ן, אָדער צו שרייען גוואַלד, אָדער זאָגען אַז איהר ווילט וויסען וואוהין ער פאָהרט און צו וואָס?

ד'אַברוצי זאָגט אומגעפעהר:

דאָס וואָס איז געשעהעניש פאַר מיר, וועט ריהרען אויך אַנדערע. יענע, וואָס באַוועגען זיך צוזאַמען מיט מיר אין דערזעלבער שטיקענדיגער, סענטימענטאַל־טרוי־עריגער, געקינצעלטער זעלען־אַטמאָספער. אויף אנדערע מענשען שפעקוליר איך ניט. זאָלען זיי זוכען בעסערע, געזונטערע באַקאַנטשאַפטען.

ד'אברוצי זוכט ניט מיט זיין שרייבען צו געפעלען דעם לעזער. נאָר פונקט ווי איך, זוכט ער איהם צו ערגערען, איהם אויפצורעגען. דאָס איז אפשר ניט אזא גרויסע מעלה אין אַנדערע ליטעראַטורען, אָבער ביי אונז אין דער אידישער גאַס, וואו מ'לעקט דעם לעזער די קנאַפּעל אזוי געמיין, וואו מ'רויכערט צו איהם ווייררויך, און מען ערקלערט זיך איהם דריי מאָל אַ טאָג אין ליעבע, איז אַ דערקוויקונג צו זעהען אזוינע מענשען ווי איך, אָדער ד'אַברוצי, וואָס אונזער שרייבען איז אזוי וואונ־דערבאַר־נישט־קלאָר, און אַ סך געלערנטע בוכהאַלטערס ווייסען נישט וואס מיר ווילען.

ד'אברוצי פעליעטאָניזירט וועגען אַלצדינג און גאָר־נישט, אָדער וועגען גאָרנישט אין דער פאָרם פון אַלצ־דינג. ער רעדט וועגען לימבורגער קעז און דעם וואַרבור־גער פילאָזאָף. ער ברוגז'ט זיך כלומרשט אויף דעם ליעבען דר. זשיטלאָווסקי און טיילט אוים שטיקלעך האָניג־טאָרט צו עוזיאל פליישמאַן, מ. באַסין און חכם־עתיק. זיין וועג, זיין פאָזיציע איז דאָס בלאָנזשען, דאָס ארונטער־געהן פון וועג, דאָס אנטלויפען פון נארישע קאָנווענציען, פון וועלכע מען קען נישט אנטלויפען. ד'אברוצי ווייסט, אַז טריוויאַל זענען נישט נאָר קליינע זאכען, נאָר אויך די גרויסע, די גרעסטע. אפאָריזמי־צירט ער און ווארפט אין שמעלצטאָפ פון זיין ברענענ־דיגען, רויטען טינטפעסעל, אלערליי שטיקער בלאָטע,

קרעלען, גלאָז, מעש, אייזען, בלעך. אונטער שווער פאַרהאַנגענע פענסטער זיצט דער געלאַנגווייליגטער אַל־כעמיסט און מישט, און מישט, ביז וואַנעט עס ווערט גאָלד. און סע בליצט מיט דעם פיינעם גלאַנץ פון געשליפענער רעטאָריק, פון פּאָעזיע, פון לירישער קלויסטערליכקייט. „פּונקט אַזוי גוט ווי גאָלד“ — טראַכט ער. ווייל גאָלד אליין איז אויך פ א ל ש.

ד'אבּרוצי נעמט נישט ערנסט קיינעם — אַ חוץ זיך אליין. דאָס איז זעהר מענשליך פון זיין זייט. ד'אַבּרוצי באַדויערט, וואָס דאָס דייטשע פאָלק איז נישט געפאַלען צו די פיס דעם קייזער און אפּגעבעטען, ער זאָל נישט ברייננגען דאָס וועלט־אומגליק. דאָס איז נישט פייערליך. זאָגט ד'אבּרוצי, אָבער אין אַ פייערליך־היסטאָרישען מאָמענט מעג מען זיין נישט־פייערליך.

דער געפעהרליכער כלומרשט־שטרענגער ד'אבּרוצי, האָט אַ האַרץ, גלויבט מיר, וואָס איז פּונקט אַזוי איידעל געבויט ווי אייערס און נאָך אַ סך א י י ד ע ל ע ר. ער זאָגט:

אַ נייע צייט — טו פאַרוואָס דערצעהלען מיר אלטע אַנעקדאָטען, שטופּען זיך, לאַכען פערדיש, זידלען אָוועגד־צייט די מידע פרוי פאַרוואָס זי האָט פאַרקאָכט געניצ־טע טעע און פאַרוואַרפען אונזערע זאַכען... און לויפען היסטעריש אַרום איבער דער וועלט, ווי די אונגליקליכע ווייסע מייזלעך אין'ם בראָנסקער זאָאָלאָגישען גאָרטען?

און אויף בלעטעל 60 וועגען די פאַגראָמירטע אידישע פרויען:

די געשענדטע אידישע מיידלאַך און פרויען זיינען אָדער אונגליקליכע, אָדער מאַרטירערינס. אַנגעבויגען דעם קאָפּ אין טרויער און פאַרמאַכט דאָס מויל. אין צווים גע־האַלטען די אומרוהיגע פאַנטאַזיע. ניט געדענקען. ניט דערצעהלען. נור פ א ר ג ע ס ע ן.

ד'אבּרוצי באַשרייבט ז י ך. און דאַריבער א י י ך. דער וואָס באַשרייבט א י י ך — דורך ק י י נ ע ם

נישט, דער באשרייבט קיינעם נישט, ד ו ר ך אייך. דאָס איז אַן אפאָריזם וואָס מיינט אַ סך, אָדער גאָר־נישט. עס איז נישט וויכטיג! וויכטיג איז נאָר אַז, — צו וואָס די גרויסע וויכטיגקייט פון עפּעס, וואָס איז בלויז אַ חלום?... „פון אַ חלום צו אַ חלום און דאָס לעבען איז — די בריק“. און די וויכטיגקייט פון׳ם געדרוקטען וואָרט? זעה בלעטעל 74 פון די זיגזאגען:

אַמאָל האָט געקיניגט דאָס ה י י ל י ג ע וואָרט. היינט — דאָס וואָרט. אַמאָל — דער גוטער איד. איצט — דער גוטער... שרייבער...

און אויף בלעטעל 78, מיט פארלייגטע הענט אויפ׳ן האַרץ, און מיט געבויגענע קניען:

ביזטו נישט בייז און נישט מוחל. יאַ—אש און שטויב און אַ צובראָכען געפעס. אָבער ס׳טרעפט אַמאָל, אַז פון דער צובראָכענער כלי ווערט אַ ריינע כלי — און זי פילט זיך אָן מיט וואוילשמעקעדיגען, הימלישען אויל און אין׳ם גרויען, שטויביגען, קאַלטיגען אש פארגלוסט זיך אַמאָל דער שכינה זיך צו באזעצען אויף אַ ווײַלע.

און שפּעטער, ווען ער לאַכט ווענען דעם, וואָס באַראַ־נאָוו וויל ניט זיין קיין טרוימער אויף די עלטערע יאָהרען:

מ ו ז ט, ברודערל! — זאָגט ד׳אַברוצי. — אַזאַ געזעץ. העגעל׳ס טריאַדע. פון חלום צו חלום געהט דער לעבענסוועג איבער די טרויריגע, פאַר׳יתום׳טע פעלדער פון ווירקליכקייט?

און שפּעטער, אויף בלעטעל 104, ווען ער רעדט ווע־גען איינעם, וואָס איז פאַראורטיילט צום טויט, ווייל ער האָט פארגוואַלטיגט אַ מיידעל:

אָבער, גאָט מיינער, זיינען מיר דען בעסער פון איהם? צו וואָס רעדען אבסטראַקט? נו, און דו? און י ע נ ע ר? און א י ך? ווער האָט׳ס ניט פארגוואַלטיגט אין לעבען קליינע און גרויסע מיידלאַך? אָדער — אין געדאַנקען?

איך וואָלט מיר אָנגעטון אַ כח און געזאָגט „ד׳אַברו־צי׳ס זיגזאַגען זענען אַ מין סאָרט וידוי“, ווען די ליטע־

ראַרישע ווידוים זאָלען נישט זיין אַ שווינדעל, אַ ליגען. די מייסטע פון זיי זענען בלויז אַ מיטעל זיך איינצושאַפען נייעם מאַטעריאַל פאַר אַ שוידערהאַפטער ודוי. ד׳אַבּרוצי זעהט ד ו ר ך זיך. ער לאָזט קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיך דאָס קריטישע אויג און פּייניגט זיך — מיט שטעכיגע שמייכלען. פון זיינע אייגענע שוואַכקייטען, זיינע זינד, מאַכט ער בייטשען, מיט וועלכע ער שלאָגט זיך און מיט זיך שלאָגט ער — אייך, די שוואַכע, די ריזיגע, די אומבאַהאָלפענע, די לעמפּערטען, די פּליגען, די אונשטערבליכע, יעדער־מינוט־שטאַרבענדיגע.

די זיגזאַגען זיינען אַ מוסטער פון גוטען אידיש און איך רעקאָמענדיר די „קאַמיסיע פאַר אויסבעסערונג פון אידישער אָרטאָגראַפיע" צו לייענען דאָס בוך רעליגיעז און אויף אויסענווענינג — מיט קליינע אויסנאַמען, ווי די פאָלגענדע: „קינדער אָהנמעכטיגע פערצייהט מען„ (24). אָדער אָפּפער (מיט אַ פּפּעי). און דזשענטעלמאַן (אַנשטאַט זשענטעלמאַן), אָדער ג ר י י ל י ך (20) און ניט (אַנשטאַט נ י ש ט), פערדערבען (אַנשטאַט פאַרדאַרבען). אָדער אַזאַ אונמענליכע זאַץ־אַרכיטעקטור, ווי (16־17): גאָטהאָלד אפרים לעסינג איז אַן אויטאָריטעט נישט קיין קלענערער פון הערבערט ספּענסער, קאַרל מאַרקס, דר. שלמה רובין און טשאַרלס דאַרווין, וועלכער האָט, כידוע, געטראָפען, נאָך ווי געטראָפען, אויב מען זאָל גלויבען דעם אין וויסענשאַפט, אידען־אַסימילאַציאָן און פריי־ען־געדאַנק־פאַרליעבטען ב. פייגענבוים.

דערפאַר זענען אָבער פאַראַן אין די זיגזאַגען אַ מאַסע זעהר פיינע זאַצען, לייכטע און שלאַנקע און אויסטערלישע. ס׳רוב פון אָט־די זאַצען זענען פון יענעם סאָרט שעהנקייטען, וואָס בעת זיי פּוצען דעם אויוועז, טראָגען זיי ווייסע האַנדשיך — אָרעם אָבער ריין. דערשלאָגען, אָבער אַנגעטון אין אַ נייעם הוט מיט פעדערען. מעלאַנכאָליש, אָבער זעהר פאַרזיכטיג מיט דער גראַמאַטיק!

מאַני לייב

ליעדער, באַלאַדען, סלאַווישע מאָטיוען.
דריי ביכער. פאַרלאַג „אינזעל".

. . . פונדעסטוועגען ראַטען מיר אונזערע לעזער צו קויפען מאַני לייב'ם דריי ביכער!

דעם דאָזיגען צו־רוף זענט איהר געוואוינט צו לייענען אויפ'ן סוף פון יעדער קריטיק. עס איז די מע־טאָדע ביי אונזערע ווייך־נשמה'דיגע, וויינענדיגע שרייב־שוועסטער, זיך צו וויגען אהין און אהער. זיי מונקלען, רעדען אריין דורך א דאך־פענסטערעל, און שרייען אין ארבעל אריין, אז — סע טויג נישט. נאָר דערנאָכדעם איז מען זיך מישב: וואָס טו איך? איך מאַך דאָך מ י ך א ו מ ג ל י ק ל י ך! און וואו איז מיין געפיהל פון סאָ־לידאַריטעט? און וואָס וועט די אַמאַלגאַ פון אַלע שריי־בער־יוניאָנס זאָגען דערצו? און וואָס בין א י ך מחויב מיר צו מאַכען אזוי פיעל שונאים? עפּעס איז מען דאָך אידען, צום גוטען יאָהר, צי ניין? עפּעס האָט מען דאָך א מענשליך הארץ, און פאַרבינדונגען, און רחמנות, און ליעבשאַפט, און שרעק, און נישט־זיכערקייט. הייגט וואָס טוט מען?

טראַכט דער שווערטראַכטענדיגער קריטיקער און טראַכט, און געהט איבער מיט דער פעדער די וויטריאָלי־שע שטעלען פון זיינע ארטיקלען, מאַכט זיי אביסעל טעמ־פּער, ווייכער, מומעדיגער, שוואַכער. דערנאָכדעם שטעלט ער אוועק דעם פיעל־באַקאַנטען שלום־פּאַראַ־גראַף:

„פונדעסטוועגען ראטען מיר„ — און אזוי ווייטער.

היט איך אָפּ די מאָראַלישע פּונקטיליאָ פון אונזער ליטעראַרישען פאַך און כ'בעט אויפריכטיג ביי אַלע מיי־נע פּערזענליכע פריינד און באַקאַנטע, זיי זאָלען קויפען מאַני לייב'ס דריי ביכער. איך ווייס נישט וויפיעל די דריי ביכער קאָסטען. ס'איז נישט אָנגעגעבען. אָבער איך ראַט אייך איהר זאָלט זיי קויפען. פּונקט ווי איך ראַט אייך איהר זאָלט קויפען מיין אייגען אונאַנשטענדיג, שוואַכגעשריבען ביכעל „ווילדע רויזען“. און גלויבט מיר, אַז וואָס שייך מיין אייגען ביכעל, האָב איך גענוג אור־זאַכען צו וועלען איהר זאָלט עס לייענען. מאָהלט אייך, אַז פון יעדען פופציג סענט וואָס איהר צאָהלט פאַר מיין קליינעם, קליינליך־וואולגאַרען, מעלאַנכאָליש־פּיקאַנטען בוך, באַקום איך נײַנצענטהאַלבען סענט. פאַר יעדע נײַנצענטהאַלבען (18½) סענט וואָס איך באַקום, קויף איך מיר — — — וואָס מאַכט עס אויס וואָס? גענוג איז צו זאָגען, אַז ווי ליעב און ליריש מאַני לייב זאָל נישט זיין — וועט איהם, לאָמיר זאָגען, נישט שאַטען, אַז איהר וועט קויפען זיינע (גאַנץ וואוילע) דריי ביכער.

* * *

און איצט האָט דער מאָר זיין פליכט געטון, מיט דעם נויטיגען ביסעל פּאָליטעס, עטיק, פּאַכפּיינקייט. איך פּאַרנויג מיך דאַרום גאַנץ עלעגאַנט, דריק מאַני לייב'ס דינע, מיידעלשע האַנט און איך טרעט־צו צו מיין נישט־איידעלער — גלויבט, מיר! — ה א ר צ ־ ב ר ע כ ע נ ד י ג ע ר אַרבייט פון אַרונטערשיבען פון אַ פּעדעסטאַל אַ חבר, אַ פריינד, אַ גוטען ברודער.

מאַני לייב — שאַ, עס איז נויטיג, דאַכט זיך מיר, נאָך אַ שטיקעל פּאַר־שרייב, און זאָל עס קומען מאַלאַ־פּראָפּאָ (אַ שעהן וואָרט!): מאַני לייב איז נישט קיין שלעכטער דיכטער — אפשר אַ גוטער דיכטער, מעגליך אַן אויסגעצייכענטער דיכטער. אפשר ביז אַ העלפט אונ־

שטערבליך (פון אויבען אראפּ?). אָבער נישט־דערשראָ־קען און מערדעריש זאָל פונדעסטוועגען בליצען מיין שארפע שרייב־שווערד איבער די קעפּ פון יענער חברה וואָס בעהאלט זיך הינטער די מיידעלשע, לייכטע קליי־דער פון מאני לייב׳ן.

איך זאָג — דורך א מעשענעם ציה־טרומייטער, וואָס גלאַנצט אין דער זון ווי עפּעס רעכטס: נישט מאני לייב איז שלעכט. נאָר דער מ א נ י ל י י ב י ז ם. פארשטעהט איהר מיינע יונגע הערדען? אָט, קינדער־לעך, זעצט זיך אוועק ארום מיר, איך וועל אייך דער־צעהלען א מעשה, כמעט א מין באלאַדע פון מאני לייב, נאָר אביסעל — שוואכער און קליגער: אמאָל איז געווען א קעניג, אן אפּגעצוואָגענער נאָר אביסעל א צוטראָגע־נער. פלעגט ער זאָגען א געזאָגענער (ווייל ער איז גע־ווען אן אפּגעצוואָגענער, א צעטראָגענער): ברידער, מ׳דארף נישט קיין העמד אויפ׳ן לייב. און ער איז ארומ־געגאַנגען מיט גרויס נאַקעטקייט. אָבער ס׳האָט איהם געפּאַסט. ווייל א קעניג מוז זיין אביסעל קאפּריזנע און — נאַקעט. אָבער אזוי גיך ווי אָרימעלייט, קלויז־בחורים, לופטשלינגער, שלעפּער, וועלכע האָבען ב ט ב ע נישט געהאט קיין העמד אויפ׳ן לייב, זענען געוואָהר געוואָרען, אז דער אָהנהעמדיזם איז פּראָקלאַמירט געוואָרען פון זיין מאיאסטעט דעם קעניג אליין, זענען זיי געקומען צופליהען און געשריגען: מיר זענען אויך שטיקלעך קע־ניגע — מיר געהען אויך אהן העמדער.

מאני לייב׳ס נישטקענעריי האָט א געוויסען חן. איז געזאַנגיג, אָפּט קלוג־ליבליך־פּארפלאָמט, אביסעל קראנקלעך, אביסעל יונגפרויענדיג, אביסעל אנשטעלע־ריש — אָבער עס ריהרט־זיך דארין א יונגע סטרונע, אָנ־געשפּאַנט אויף א פידעל, וואָס מ׳מאַכט איהם ע ר ש ט, אָבער אריגינעלעריש, קונציג, און אָפּט מיט א סך ליב־טיגקייט, וואָס פלייצט אריין דורך א פארשטויבט פענ־סטער, און א ליידיגער שטוב, וואו קראָליקעס געהען

ארום און עסען דימענטענע לעמעשקע פון בורשטינענע שיסלען. מאני לייב׳ס ווייסער ווערטער־שניי פאלט און פאלט, פונקט ווי גאָט׳ס שניי אליין, אָהן א ציעל, אָהן א ווילען, אָהן ליידענשאפט. עס איז שניי־מיט־א־זון. אָה, ווען מיין פריינד האלפערן זאָל דערלאנגען דאָס ביי־סעל שטורם! אָבער שטורם איז כח, און כח איז בלוט, און בלוט איז לעבען, און לעבען איז — וואולגאר, פאר־פלאָנטערט, נישט־עסטעטיש, און טיעף, און — שרעק־ליך, פאר דעם וואס קאָן זעהן! — ווער ס׳איז געבענשט מיט בלינדקייט, קאָן נאָכגעהן נאָך זיין אייגענער לויה און שפיעלען אויף א הארמאָניקעל, אָדער קלימפערן אויף א פידעלע.

מאָני לייב איז געהויכט און געהויבען געוואָרען פון די — עס איז מיר נישט גוט פון דעם וואָרט! — יונגע יונגעלייט, וואָס יונגלען־אונטער מיט פרייע פערזען. מאָני לייב דער אפאָסטאָל פון גארנישטזאָגען, איז גע־וואָרען דער דע־קאלב־עוועניו שבתי־צבי פון אלע וואָס ה א ב ע ן נ י ש ט וואָס צו זאָגען. פון אלע עקען וועלט האָבען זיך גענומען ציהען די אָ הנ ה ע מ ד י ־ ס ט ע ן, און שרייען: עס לעבע דער נביא אָהנהעמדי־גום! די היסטאָריע דערצעהלט: דאָס איז געווען אין יאָהר — — 19. קעניג מאָני לייב האָט נאָר וואָס געהאט פראָקלאמירט, אז א ליעד דארף זיין געמאכט לוים פאָל־גענדען זעהר־גרינגען רעצעפט:

„מיעד בין איך, בלייך בין איך,
נו בין איך מיעד, בין איך בלייך.

אָדער:

נישט גוט, נישט גוט, נו גוט, א גוטע נאכט.

אָדער:

און מיינע קינדער וויינען, וויינען מיינע קליינע קינדער.

אָדער:

איצטער ברענגען רויטער, רויטער, מיינע רויטע רויזען.

אָדער:

אין די ים׳ען, אָקעאַנען, אין די נעבלען, די טומאַנען.

אָדער:

נעמען פילע פוהרען פאָהרען — — —

(דערמאָנט אביסעל אין דער שפּראַך־גימנאַסטיק פון א „שי סעלס, סי־שעלס עט די סי־שעל שאָר". אָדער „פון אלעסק ביז קיין ביסק, טראָגט א פּיקס א ביקס אין פּיסק".) דאָס אלצדינג איז אין־זיך־אליין נישט אזוי שלעכט. עס איז, נאָך אלעמען, זעהר שפּילעוודיג און לייכט, — נאָר צופיעל איבערגעזאָגט, און געמאכט דערפון א קולט — דאָרט וואו איך, אָדער אַן אנדערער שפּראַך־הודיני וואָלט עס געטון צווישען א מיליאָן אנדערע טעגליכע ארבייטען.

מאַני לייב איז די ד י כ ט ע ר י ן פון ליד־דער. ער איז די ז י פון פּאָע־ז י. ער איז די ווייבליכקייט, פאַרווייבליכט און פאַרנעביכט. טרעהרען, טרעהרען, טרעהרען. מאַני לייב איז א טרעהרען־מקוה, א טרעהרען־ניאַגאַרא, זיבען קלאַפּטער די טיעף. גיט איהם א ריהר ביי א פוס און — סע געהט טרעהרען. גיט איהם א ציה ביים היטעל און — סע פלייצט טרעהרען. מאַני לייב וויינט נישט מיט די אויגען, נאָר מיט זיין גאַנצער אנגעצויגענער פּערזענליכקייט. ער איז נישט די וויינענדיגע ווערבע, נאָר ג ע ו ו י י ן, וואָס דאַרף צעטיילט ווערען צווישען א האַלבען עסקאַדראָן מיט דיכטער. און דאַן וועלען אלע וויינען א ב י ס ע ל צ ו פ י ע ל.

מאַני לייב איז א בעל־יסורים־דע־לוקס. ער איז דער אמת׳ער ראקעפעלער פון דער יסורים־אינדוסטרי. אנדערע מ א ס ק י ר ע ן זייער אומגליק, טוען איהם אָן א שלייער. ווייל צו אינטים איז דער צער פון דעם מענ־

שענ׳ס נשמה — מ׳זאָל עס ארויסשטעלען אויף בייז־וואונדער! אָבער מאני ליב נעמט זיין (פעטער׳ס?) אומגליק, פוצט עס אוים ווי א כלה־מיידעל, טוט איהם אן א נייַ היטעלע, פלעכט איהם אריין עטליכע סטענגע־לעך אין די האָאר און געהט מיט איהם ארויס אין גאַס אביסעל שפּאַצירען. זאָל די וועלט זעהן, וואָס פאר א שעהן אומגליק מאני ליב האָט און ווי אויסגעפּוצט ער איז נעבעך און ווי שעהן עס קאָן נעבעך נישט רעדען!

מאני ליב בייט אוים זיינע געפיהלען פאר לידער. אנשטאט צו זינגען דאָס וואָס עס טוט איהם וועה, זעהט ער עס זאָל איהם וועה טון אזוי, אז ער זאָל עס קאָנען באזינגען. ער זינגט זיך נישט א ר ו י ס, נאָר ער זינגט זיך גלאַט אזוי, ווייל ס׳איז שעהן פאר באקאנטע!

מאני לייב׳ס לידער זענען אפשר פיינע שפינוועבע־רייען. אָבער צו וואָס זאָלען מענשען שפינען שפינוועבס, ווען זיי קאָנען שפינען נוצליכע טאשענטיכער, אָדער — לאָז זיין! — נ י ש ט ־ נ י צ י ג ע כלה־מתנות?

מאני לייב האָט אפשר געדאנקען, אָבער ער רעדט נישט צו זיי. ער איז מיט זיי ברוגז. ער האָט אפשר טי־פע, שטורעמדיגע ליידענשאַפטען (א ל ע ליידענשאפטען זענען טיעף און שטורעמדיג!), אָבער זיי שטורעמען זיך אוים אינ׳ם פראַצעס פון זינגען. ער דערזינגט זיי צום טויט! מאני׳ס ווילדעסטער לייב זיצט אין שטוב און — לייענט פושקינען. זיין אויפגערעגטסטער לעמפערט נעהט ארום, מיטברילען אויף די אויגען און — שפּילט שאך. זיינע שלאנגען טרינקען וואסער מיט סירופ, און זענען שרעקליך נערוועאיש.

אין מיין הארץ די בענקשאפט גליהט,
נאָך דיינס א בליק, נאָך דיינע רייד,
נאָך דיינס א הייסען שאָרך פון קלייד,
נאָך דיינע זינגענדיגע טריט. (12.)

בין איך איהם מוחל דאָס, וואָס א שאָרך קאָן נישט זיין הייס, און פארגיב איהם די אנשטעלערישע „ז י נ ־

גענדיגע" טריט, צוליעב דעם שעהנעם געפיהל, וואס גליהט דארין. אבער באלד פאלט ער אריין אין דעם הויכמאדערנעם, ניינצעהן־אכצעהנער, אפטודימינוט׳דיגען אנשטעל פון עמיציזם און עפעסיזם.

אימיץ ווינט און עפעס מאנט,
ווינט און בעט זיך און דערמאנט — (14)

ווייסען מיר שוין וואס עס ליגט אין עמיץ און עפעס! זאג איך: פריינד מ. ל., נאמען און אדרעסע, ביטע! ווער איז דער עמיץ? און ווער איז דער עפעס! עפעס פארשטעה איך נישט, וואס דער עמיצער געהט ארום זייט די לעצטע עלף יאהר אין דער אידישער דיכטונג, און קלאפט אין דער טיהר, און מען ווייסט נישט ווער ער איז! און מ׳קאן איהם נישט כאפען!

מאני לייב באהאנדעלט א פערזענליכע דראמא איוף בלעטעל 16:

נאר זי שפילט פאר די וואס זיצען איינגעבויגען
אין ווינקעל שווייגענדיג. זי שטעלט זיך אויף:
געגוג!

און פון דער פינסטער שמייבעלט איינער קלוג
און איינער ברענט מיט גרויסע, נעבעלדיגע אויגען.

מאני לייב איז זעהר פארזיכטיג מיט זיין ביסעל טאלענט. ער ווארפט נישט אוועק אפילו די שאלעכץ פון זיינע לידער, און דארט וואו ער נוצט אריגינעל די שאלעכץ, באהאלט ער דעם שאטען פון דעם שאלעכץ, און ער פרעגעלט עס אויף רויזענבלעטער און צימרינג, און באהאלט עס אויף ווינטער. כאפט ער זיך אן אין אווארט איז (כמעט אזוי ווי ביי מיר!) ביז חלשות. „ווייסע פרייד" און „לאנדישען", און „טרעהרען„ און „העמדלעך" און „ציטריג" און „בויגיג" און „שלאפענדיג" און „בלייבקייט" און „שטילקייט" און „אט־אזוי".

מילא, רעדט מען נישט פון די גראמען „שניי" און

„אזוי" — אזוינע גראַמען טרעפט כמעט אויף יעדער בלעטל. „טויער און שנייער", און אזוי ווייטער. אָבער וואָס זאָגט דאָס דאָזיגע פּיעלפּאַך־שטומע ליעד? אַ שטי־מונגס־ליעד, מיין ליבער מאַני לייב, איז נישט אַ ליעד ביי וועלכען דו האָסט שטימונג בעת דו שרייבסט עס, נאָר אַ ליעד וואָס רופט ארויס שטימונג ביי מיר, בעת איך ליי ען עס. ביטע, דאָס צו פאַרשרייבען אין נאָטיץ־ביכלעך, קאַלעגען!

ווי שלעכט מאַני לייב הערט זיין אייגען געזאַנג, קאָן מען צום בעסטען לערנען פון זיין אויסגעצייכענטע באַלאַדע (אגב: זיינע באַלאַדען זענען — שנעל באַ־מערקט! — די בעסטע ליעדער וואָס ער האָט. אַ טייל פון זיי, ווי „אינגעל־צינגעל־כוואַט", „דער שלאָף„ און „אליהו הנביא" זענען זעהר געראָטען אין קלאַנג און אין אינהאַלט), וואו ער ענדיגט דאָס ליעד „משה׳לע" מיט די שורות:

א גלעקעל אריין, א גלעקעל ארויס,
און דאָס איז די גאַנצע מעשה.

מ. ל. נוצט דאָס ווערט „גלעקעל" אנשטאַט דאָס פאָלקסטימליכע „פלעקעל", וואָס קלינגט אידישלעכער און בילדליכער, בעת „די גאַנצע מעשה" איז אי נישט־אידיש, אי שרעקליך נישט־מוזיקאַליש. אָדער אזוינע ווערטער ווי „קעלער־קאַפּיי" (אַ גראַם צו „געַ־שריי") און צוויי מאָל „ביזקעל„ (בלעטעל 5 פון די באַ־לאַדען) אָדער „קוואַלע טריט" (בלעטעל 86), אָדער אזאַ „לעבענסבילד" ווי דאָס ליעד וועגען דער עוועניו בי. דער דיכטער באַשרייבט די טראַגעדיע פון אַ פאַרפיהרט מיידעל נעבעך, וואָס האָט זיך, ווי ראַזענ־פעלד זאָגט, ביי איהם מיט טרעהרען געבעטען: רייס מיך נישט אויס, וועסט מיך שפּעטער צוטרעטען. אָדער אזאַ זאַץ־פּלאָנטער ווי אויף בלעטעל 111:

זיין גרויסע נע־ונד ליעד זינגט דער ליריקער —
דער הונד!

וויסט איהר נישט צי, דאָס מיינט אַז דער לידיקער איז אַ הונט: דער הונט, דער לידיקער! אָדער מיינט עס, אַז דער הונט איז אַ לידיקער. און אַזוינע שווערע ווער־טער ווי „מאַנגאַטאַן" (116) פון גאַרדין'ס „מאַנגאַטאַן און לאַנגווייליג איז אין די הימלען", אין „גאָט, מענש און טייפעל", און ש ל אַ פ ל אַ ז (2 מאָל אויף בלעטעל 113).

און ווען מ. ל.'ס האַרץ ווערט דורכגעציטערט מיט דעם געפיהל פון נקמה פאַר אַלע אונזערע דורות וואָס זענען געשטאָרבען אויף די שייטערהויפענס, פאַר אַלע אונזערע געקרייציגטע לעבענס, רעדט ער צום טאַטען, צום ט אַ ט ע נ י ו, און זאָגט:

הער טאַטע (ליסן, פּאַפּאַ), ניט קנייטש אַזוי מיט'ן ברעם

און האַלט ביי דער האַנד מיך נישט צו.
איך וויים ניט, צי דאָס איז אַ חילול השם, —
איך וויים אָבער גוט וואָס איך טו. — —
(מ. ל. האָט דערהערט דעם געשריי פון די דורות —)
און אָט איז דער מעסער, דו זעהסט, ווי איך שאַרף.
וועט נעמען ביי זיי אונז די רוה.
(ביי זיי — אונז?)

נו, טאַטע, לאָז מיך דערשאַרפען. און אַזוי ווייטער. ווי שטיל, ווי רוהיג, ווי נישט אויפגערעגט מאַני לייב איז אין די מינוטען פון העכסטער נקמה! ער שאַרפט דאָס כשר'ע מעסער, ער האַלט עס ערשט אַ י ן ש אַ ר פ ע ן. אַז ער וועט דערשאַרפען, וועט זיך טון חושך. אַזוי זאָל אונז גאָט העלפען! אָבער דערווייל קייט ער זיך אַ שאָקאָלאַטקע און ש אַ ר פ ט!

אַ סך פון מאַני לייב'ס לידער קעהרען צו דער געה־ארויס־און־גיב־אַ־קוק אָפּטייל פון דער ניי־אידישער דיכטונג. דאָס זענען לידער, אין וועלכע דער דיכטער פאַרצייכענט אַ ל צ ד י נ ג וואָס ער זעהט און הערט — אין צייט פון אַנדערהאַלבען רגע'ס.

מ. ל.׳ס מוסטער פון דעם סאָרט לידער אויף בלע־טעל 109 :

דער זייגער האָט צוועלף שוין געשלאָגען,
ס׳איז צוועלף שוין א זייגער ביינאַכט,
איך קוק אויפ׳ן זייגער און טראַכט :
ס׳איז צוועלף שוין א זייגער ביינאַכט.

דאָס ליעד האָט נאַטירליך זיך געקענט ציהען ביז איבעראַכטאָג פרייטאַג, ווי אַלע פון דעם דאָזיגען סאָרט ט א פ י קאָן מען דאָס ציהען און ציהען. איך גיב מיין אייגענעם מוסטער :

ס׳איז נאַכט.
איך געה מיר ארוים אין גאַס.
ס׳איז נאַס,
און בלאַס,
און קראַס.
און קוואַס
וויל איך,
און דרילעך
אויף איינשיטען,
אָבער וואו גיט׳ן?
מ׳גיט ניט.

— — — —

ס׳איז נאַכט.
איך טראַכט :
א הויז,
א שטוב,
א באַנקבעטעל,
א נעגער.
א זייגערמאַכער.
ראָטשילד.
קאַווקאַז.
ריבאַייזען.
לכה־דודי.

דאַרדאַנעלען.
מיקעל־אַנזשעלאָ.
נתן הכהן.
ס׳איז נאַכט —
איך טראַכט:
אַ פּראַכט,
עס שוואַכט —
מיר ס׳האַרץ.
ס׳איז שוואַרץ.

און אַזוי ווייטער.

דער שווינדעל דערפון איז, וואָס מ׳זשאַלעוועט אַזוי דאָס וואָרט, אַקוראַט זעקס שורות מיט אַ פּינטעלע. ווען מ׳זאָל אָנשרייבען אַ גאַנץ ביכעל מיט אַזאַ געהאַקטער פּראָזאַ (דאָס קאַן מען טון זעהר גרינג), וועט עס קיינער נישט באַטראַכטען פאַר לידער. אָבער אַז מ׳שרייבט אַקוראַט זעקס שורות מיט אַ פּינטעלע, ווערט דער עולם צוטומעלט און טראַכט: עך! מסתמא א י ז דאָך עפּעס אין דעם! אַז נישט, וואָס זשאַלעוועט מען אַזוי דאָס וואָרט?

מאַני לייב האָט אויך אַ טבע, אַז ער מאַכט זיינע לידער — פּאָרווייז. זיי געהען ביי איהם ס׳מ י נ ע ־ ס ט ע צ ו צ ו ו י י אין אַ פּעקעל. למשל אויף בלעטעל 48 רעדט מ. ל. וועגען מיידעל פידעל און טאַקע באַלד אויף בלעטעל 49 — אגב, הייסט דאָס, רעדענדיג וועגען אַ פידעל, דערמאָנט ער זיך אין קינדער וואָס אַ בעטלער שפּילט פאַר זיי אויף אַ פידעל.

אויף בלעטעל 1066 זינגט ער:

איצט רייד ניט מעהר מיין פּיין,
איצט וויל איך רוהיג זיין.

און שפּעטער מיט אַ דאָס־עראַינערט־מיך־זשעסט:

אָוועגד. איך וויל אייך ניט שטערען,
זיצט אין דער פינסטער אַזוי.

אויף בלעטעל 100 רעדט ער וועגען זיינע רויטע

רויזען וואָס ברענען רויטער, און דאָס עראינערט איהם, וויסענזי, אויף בלעטעל 101 אז —

די נאַכט איז געקומען, מיין לאָמפּ האָט געברענט.

מאני לייב באַנוצט זיך אויך אביסעל צו אָפט מיט זיין רעכט צו נעמען זיך פרייהייטען מיט דער שפּראַך. דאריבער ווערט ביי איהם פון זאַוועריכע (שניי שטורעם) א זאַוויי. לויט דעמזעלבען געזעץ האָט א סאַמאָטור־כע געדאַרפט זיין סאַמאָטיי, און א מערכה האָט באַדאַרפט זיין א מאַריי.

מאני לייב איז אויך א מזיק אויף — העי, העי. ער איז, אזוי צו זאָגען, דער הויפּט העיהעיאיסט פון אַלע אידישע דיכטער. ער איז דער טהאָמאָס־עדיסאָן פונ'ם העיהעי, און ער נוצט עס אויף אַלע זייטען, און מיט פאַרשידענע רעפאָרמען. אַמאָל איז דאָס העיהעי און אמאָל הוי, הוי, און אמאָל האַי, האַי, און אוי־אוי, און האָ־האָ. וואָס קאָן מען נאָך מעהר טון?

מיט א פּאָעטישער מליצה:

די זון פאַרגעהט. עס איז נאַכט. די וואָלקענס פון סוף קריטיק ציהען זיך איבער מיין הימעל. און וואָס זאָל איך זאָגען? וואָס זאָל איך זאָגען?

ענטפער: איך וויל גאָרנישט־נישט זאָגען. מיינע קליינע קינדער וויינען. איך דאַרף זיי אָנטון העמדלעך. איך וועל נאָר ציטירען איינס פון מאני לייב'ס כאַראַק־טעריסטישע לידער אויף בלעטעל 119:

די נאַכט איז לאַנג, די נאַכט איז לאַנג.
איך קאָן נישט שלאָפען, איך קאָן נישט ליגען.
איך וואַרף זיך, דרעה זיך ווי א שלאַנג,
איך ליעג און בעט זיך, דער שלאָף זאָל וויגען.
דיך זעה איך ניט, דיך זעה איך ניט.
געשטאַלטען שוועבען אויף לייכטע פליגלען.
איך זעץ אוועק זיך אין דער מיט.

איך צינד צוויי ליכט אָן. איך נעהם צוויי
שפּינלען.
איך וואַרט אומזיסט, איך וואַרט אומזיסט.
דו קומסט ניט, מיינער, קומסט ניט, ליעבער?
א וואָלקען ציהט, א רעגען גיסט.
איך קוק פון פענסטער, דער ווייט אריבער.
דאָס איז א גאַנץ שעהן ליעד, נאָר איך האָב עס
ציטירט — צוריק־צו־וועגס, פון הינטען ארויף, וואָס דאָס
באווייזט, אַז מאַני לייב'ס שורות זענען צו שטאָלץ צו
זיין אפּהענגיג איינס פון ס'אַנדערע. זיי זענען פרייע,
זעהר פרייע פערזען.

פינף הונדערט יאָהר אידישע פּאָעזיע

געזאַמעלט און צונויפגעשטעלט פון מ. באַסין.
פּאָרטרעטען פון זאָגאַט.
פּאַרצירונגען פון ליבטענשטיין און מאָוד.

It takes all sorts of people
To make a world.

מיט די דאָזיגע ווערטער האָט מיר אן אלטער פּארמער אמאָל קלאָהר געמאכט, פאר וואָס עס זענען פאראן אזויפיעל משונה'דיגע מענשען אויף גאָט'ס וועלט. דאבײ האָט זיך דער אלטער דאָרפמענש אויסגעגלייכט אויף דער קעלניע וואו ער איז געזעסען, א ציה געטון ס'פערד ביים צוימעל, א מאַך געטון: ג י ד א פּ! און איז אוועק אין ווייטען פעלד אריין.

א י ך, אייער ערגעבענסטער, בין א שטאָטמענש. האָב קיין אייגענע פערד נישט. און ווען עס קומט מיר אויפ'ן זין אז כ ד י צ ו נ ו י פ צ ו ש ט ע ל ע ן א װ ע ל ט א י ז נ ו י ט י ג א ל ע ר ל י י מ ע נ ש ע ן, האָב איך נישט קיין וואָגען אויף וועלכען זיך אויפצוזעצען און א ו ו ע ק פ אָ ה ר ע ן פון דיזעלבע מענשען.

דאָס פיהרט צו דער קלוגער באמערקונג, אז:

עס איז גוט צו זיין א חכם און צו באגרייפען, אז אויף דער וועלט דארף זיך ו ו א ל ג ע ר ע ן אזא מענש ווי מ. באסין א ו י ך. די וועלט געבײדע דארף

האָבען פארב, אז נישט זשאווערען אין איהר איהרע אייזערנע כוחות! מ. באסין איז פארב, — גרינע, משונה'דיגע פארב צעשמירט אויף די שטאַכעטען פון אונזער ליטעראַרישען גאָרטען. מען דאַרף עס האָבען! אָבער מען דאַרף אוועקפּאָהרען דערפון.

* * *

די מ. באסינ'ס זענען א נאטור געזעץ, אזוי ווי מאָזלען, אָדער שקארלאטינע. זיי ברעכען ארוים פון צייט צו צייט, אָבער זיי זענען נישט געפעהרליך. אביסעל גרוים־משוגעת־היץ, פון דעם מין: פּאָעט־אימפּעראַטאָר־רעקס־בורשטין־נבוכדנצר. אָבער עס געהט באַלד פאָריי־בער. מען שטארבט נישט דערפון. ווייל די מ. באסינס זענען צו שוואך — אפילו אלס א שוואכקייט און צו גרינליך־יונג, אפילו אלס א ליטעראַרישע קינדער־קראַנקהייט.

מ. באסין איז א דיכטער מיט לעידיספינגער. זיין פּער־זענליכקייט איז אונטערגעשניידערט מיט וואַטע. זיין אינטעלעקט? א געל קאנאריקעל, וואָס מאכט ציפּציף. זיין קולטור? די קולטור פון א מענשען וואָס לייענט אלע סקיצען אין אידישע נאָכמיטאָג־צייטונגען. זיין בילדונג? — ביטע, שווייגען! לאָזט איהם אליין רעדען, דעם הער מ. באסין:

מ. באסין (אזוי שרייבט מיסטער באסין וועגען מ. באסין) איז דער ארויסגעבער פון דער פאָרליגענדער אנטאָלאָגיע. געבוירען געוואָרען . . . געקראָגען א טראַ־דיציאָנעל־אידישע ערציהונג.

א טראדיציאָנעל־אידישע ער־ציהונג הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז ער איז געגאנגען אין חדר אריין ביז ארום זיין דרייצענטען יאָהר, אז ער קאן זאגען מודה־אני, שלאָגען כפרות, גיסען דרעהדלעך, רייסען הושענות, בלאָזען שופר, עטצעטערא.

אַן טראַדיציאָנעל־אידישער ציהונג הייסט, אין דעם דאָזיגן פאַל, אז דער בעל־דבר קען נישט קיין שום שפּראַך אַחוץ די באַסין־שפּראַך, וואָס דאָס איז אַ מין סאָרט פאַרצווייפעלטער אידיש; הייסט, אז ווען דער הער מ. באַסין זאָל האָבן נאָך אַ ביסעל בילדונג און גוטן געשמאַק, וואָלט ער געווען אַ פאַלשטענדיגער איגנאָראַמוס; הייסט, אז ער איז אַ טראַדיציאָנעל־אידישער יונגערמאַן, וואָס קאָן גאַנץ וואויל לייענען אַ בלאַט ציימונג און שמועס'ן מיט דער כלה וועגן דעם קאַפּי־טאַן דרייפוס.

עס איז אַ כלל: פידעל־שפּיעל, מוז געשפּיעלט ווערען אויף אַ פידעל. שפּיעלען פידעל אויף אַ צימבעל קאָן מען נישט.

דאָס שיק־אינגעל פון דעם ליטעראַרישען קאַפּע האָט געפּרובט אויסשפּיעלען דעם איידעלען, פיינאייראָ־פּעאישען מענש, אויף זיך זעלבסט — אויפ'ן צימבעל. אזוי אַרויסגעקומען אַן אַנטאַלאָגיע מיט דעם הערן מ. באַסין אַלס אַנטי־לאָגיקער.

„פינף הונדערט יאָהר אידישע פּאָעזיע" איז אַרויס־געגעבען געוואָרען, גאָט ווייס מיט וואָס פאַר אַ מיה און מיט וואָס פאַר אַ קרומע, אידישליכע גענג מצד דעם אַרויסגעבער. עס איז געוואָרען אַ מין געשעפט פאַר אונשטערבליכקייט, און יונגע, יונגערע און גאַנץ יונגע און גלאַט אזוי ליטעראַרישע מתים, זענען געלאָפען מיט גרייטע געלט און זיך געהייסען אָפּשניידען פאַר $1.95 אַ שטיק אונשטערבליכקייט. אַ מיטעל־שטיק, פּליעז! אָט אזוי, זשאַלעוועט נישט מר. באַסין.

און דער מיסטער באַסין האָט נישט געזשאַלעוועט. ווי אַן אמת'ער פּאָעט־אימפּעראַטאָר האָט ער אויסגע־טיילט כיבודים, אָפּשאַצונגען, קריטיקען, צורופען, עצות־טובות־פאַר־באַלעבאַטים, בריעפקעסטלעך, שטימען פון פאָלק.

און אָט דאָס זענען די אונגראַמאַטיקאַלישע רייד פון מ. באַסין, אין זיינע באַמערקונגען:

„איך וויל דאָ באַמערקען וועגען דער אָרדנונג און צוזאַמענשטעלונג פון די היכטער".

„ווייל זעהר אָפט טרעפט, אז א דיכטער זאָל זיין אינגער פון א צווייטען אין יאָהרען און עלטער אין שרייבען".

דאָס זענען צוויי פאַראַגראַפען גענומען פון אָנהויב בוך. דערפון זעהט מען, אז דעם בעל־דבר'ס ערציהונג איז געווען נאָך מעהר ווי טראַדיציאָנעל־אידיש.

מ. באַסין שטעלט צוזאַמען די דיכטער — נישט זייער שאַפען, נאָר די דיכטער זעלבסט, לויט דער אָרדנונג פון זייער עלטערקייט אין שרייבען. וואָס דערפון איז שווער צו דערגעהן, צי ער מיינט דערמיט: לויט די אַלטקייט פון זייער סאָרט שרייבען, אָדער: לויט די צאָהל יאָהרען וואָס זיי שרייבען.

ווייטער באַמערקט דער העה אנטי־לאָגיקער:

„איינגענשיינליך וועט עס אויסקוקען פאַלש".

„מאַנכע דיכטער זענען שוואַך פערטראָטען, ווייל די מלחמה האָט אונמעגליך געמאַכט יעדע פערבינדונג מיט זיי: אַזוי איז אויך דער פאַל מיט די דיכטער וועמעס בילדער עס פעהלען".

מיינט דער העה באַסין, אז ביי די דיכטער, וועמעס בילדער עס פעהלען, האָט אויך אויסגעבראָכען די מלחמה. אָדער מיינט ער אז די דיכטער וועמעס בילדער עס פעהלען זענען אויך שוואַך פערטראָטען?

מ. באַסין האָט זיך א ווערטעל ווי געזאָגט. נאָכדעם ווי ער רעדט אָפּ אין א גאַנץ קאַפּיטעל וועגען די פאָלקס־ליעדער, הויבט ער אָן ס'צווייטע קאַפּיטעל מיט די ווערטער: „ווי געזאָגט ציהט זיך די־אנטאָ-

לאָגיע ביז 1910". מילא, זענען מיר איהם שוין מוחל וואָס די אַנטאָלאָגיע זיינע ציהט זיך ווי פעך, אָדער ווי גומי־אַראַביקא, אָדער ווי זיין אייגענע נאַרישקייט, אָדער ווי געזאָגט — ווען? ווו געזאָגט — אַוואו? ווי געזאָגט — וואָס?

ווי געזאָגט, איז דעם הער באַסין ווייניג געווען וואָס ער — אַ מענש אָהן שום וויסען און געשמאַק — האָט געהאַט די טראַדיציאָנעל־אידישע חוצפה צו זיין דער צונויפשטעלער און בעל־דעה פון אַזאַ וויכטיגער אַרבייט, האָט ער נאָך אָפּגעשאַצט יעדען דיכטער באַזונדער און איהם אָנגעהאָנגען אַ טיטעל. ראָזענפעלד האָט זיך ביי איהם „צוגעזעסען ווי אַ ברייטע פעלד". וועגען דוד פרישמאַן שרייבט הער באַסין, אַז „עס איז אַ שאָד וואָס ער גיט נישט אַרויס זיינע ליעדער". דוד עדעלשטאַט'ס ליעדער האָבען (לויט באַסינ'ס אָפּשאַצונג) געמאַכט דעם געווינשטען איינדרוק.

ביאַליק'ס ליעדער זענען ביי איהם „איינגעשלאָסען אין די ענגע ראַמקעס פון העברעאיש". אַברהם רייזען פאַרנעמט ביי איהם ווי געזאָגט דעם אויבען־אָן אַלס דערצעהלער. וועגען עפּעס איינע, אַ אַננאַ ראַפּאַפּאָרט באַמערקט באַסין, אַז זי האָט געוואונען אַ פּרייז פאַר אַן אַרטיקעל איבער קינדער ערציהונג. וועגען דעם ליטעראַרישען דר. לאַנדעס יחזקאל לעוויט, גיט ער אַן אַלס ביבליאָגראַפיע דאָס פאַרדעכטיגע ביכעל פון עפּעס איינעם אַ „דזש. מעדאָף". א. מ. דילאָן'ס ליעדער, צייכענען זיך ביי איהם אויס „מיט דער אָריגינעלער מיסטיק, וואָס דערמאָנט אָפטמאָל אין דער אָריגינאַליטעט פון אַן אַבנאָרמאַלען". ז. שניאור'ס ליעדער „שטעהען גאַנץ אַליין אין דער אידישער דיכטונג". מ. ל. האַלפּערן ווערט געמוסר'ט פון מ. ב. למאַי „ער נוצט זיך נישט אויס אַלס עפּיקער" און ער באַמערקט ווייטער, אַז זיינע (האַלפּערנ'ס) ליעדער דערצעהלען פיעל פון זיינע (האַלפּערנ'ס) דורכלעבונגען און אויך

פון איהם (האלפערן) אלס באדייטענדען דיכטער.

דערמיט מיינט באסין הפנים צו זאָגען, אז ווען האלפערן זאָל נישט געווען שרייבען קיין באדייטענדע ליעדער, וואָלט מען נישט געוואוסט, אז ער איז א באדייטענדער דיכטער. נאָר די ליעדער דערצעהלען וועגען דעם! סלאָנים פארגעסט ביי איהם דעם אינהאלט צוליעב דעם קלאנג. פראדעל שטאָק איז ביי איהם א באדייטענדע דיכטערין, וואָס האָט דעביוטירט מיט איהר ערשט ליעד אין 1910. מערקט אייך: פראדעל שטאָק האָט נישט דעביוטירט מיט איהר צווייטען ליעד, אָדער מיט איהר דריטען ליעד, נאָר אדרבא, פארקעהרט, זי האָט דעביוטירט מיט איהר סאַמע ערשטען ליעד! און שלמה שמולעוויטש פארנעמט ביי איהם א גרעסער אָרט ווי דוד קעניגסבערג — אפשר דער פיינסטער פון אלע פיינע ניי־אידישע דיכטער.

* * *

איך בין שוין פארטיג, מיינע טייערע, איך וויל נאָר אָנווייזען, אז דער הער באסין האָט, אחוץ דער וויגעזאָגט־שוואכקייט, אויך א שוואכקייט אונטערצושטרייכען גלאט אזוי ווערטער — סיי וואו מען דארף, סיי וואו מען דארף נישט. זיינע אונטערשטרייכונגען געהען אונגעפעהר אזוי:

„יוסף וויזעלטיר אַ דיכטער פון גאָטסגענאדען. געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1811. האָט געשריבען אלערליי זאכען, און אויך אנדערע. איצט איז ער אוועק אויף אנדערע געביטען און מען קאָן איהם נישט כאפען“.

„וועלט איין, וועלט אויס“

זאַמעלבוך. „קאַפּריזן“ : איגנאַטאָוו. פאַרלאַג „אַמעריקאַ“.

איך און דער איגנאַטאָווער, זאָל לעבען זענען ביידע גרויסע גייסטער. נישט מעהר: איך, אייער ערגעבענסטער, האָב פיינט צו קנאַקען ליידיגע נים און ער נישט. עס איז געווען, אז ר׳ דוד׳ל זאָל א זאָג טון „קי־קו“ און די חסידים זיינע זאָלען אריין אין טיפער בע־וואָס־נישט־איז און זאָלען אָפּענטפערן: „קיקעריקו“. און אז די דאָזיגע קיקעריקוס זאַמלען זיך אָן איז דער א י ז - ה י ק א ו ו א פון בלינצעהוהו, דעמאָלט גיט מען ארויס א געדרוקטע וואקכאנאַליע פון ווערטער מיט דער געשיכטע פון קיקו (אזא פויגעל!) וואָס איז געקומען פון וואַ־לאַ־לאַ, וואו ער האָט געהאט א פּ נ י ע כ ם. (אזא וואָרט!) מיט עפּעס אַן אויסלענדישען פּ נ י ע כ ם. (אזא וואָרט!) און ווען די גאַנצע געשיכטע האָט זיך צופּניעכמט, איז געקומען צוגעהן דער בעטלער פון בעבעוואָווא (אָדער פאַר־קעהרט!) און ער האָט דער׳הרג׳עט דעם הויפּט פּניעכם פון אלע פּניעכמס.

מען דערצעהלט:

איינמאָל איז ר׳ דוד׳ל געזעסען ביי זיך אין דער היים און געזאַמעלט, ווי זיין טבע איז געווען. האָבען די חסידים געפרעגט: „רבי, וואָס זאַמעלט איהר?“ האָט דער איגנאַטאָווער (א חכם איז ער געווען אלע זיינע יאָהרען — נאָך פון דער כלה׳ס צד!) געוואָרפען צוויי פון זיינע בעסטע בליקען אויף די אפּיקורסים וואָס האַלטען נישט פון זיין טאַלאַנט, און ער האָט אויסגערופען:

— קיקוקו!

האָט מען גענומען דעמדאָזיגען „קיקוקו“, מ׳האָט איהם ארומגעבינדען א פיסעל מיט א שווארץ טאַשמעלע פון פינף־און־צעהן־סענט־מיסטיציזם, מען האָט אין איהם א ר י י נ ג ע ש ר י ג ע ן א נשמה און עס איז געוואָרען א מין בלאָהער פויגעל — וואָס פליהט וועלט־איין, וועלט־אויס, און זינגט זיינע קיקוקושע, וואלאלא־ליעדער, פול מיט זענעפט, חן, וואויל־קלאנג, פיפ־פאפעריי.

דער איגנאַטאָווער, זאָל לעבען, איז נישט נאָר א זאמלער, א שריפטענצונויפשריפטלער, נאָר אויך, און הויפטזעכליך, און אדרבא — א דיכטער, וואָס דיכטעט. ער איז — לאָמיר זאָגען אין איינעם מיט ב. ריווקין — דער דיכטער פון דעם גאָלדענעם נדר. ס׳איז קלאָר! איגנאַטאָוו איז טיעף. מען דארף איהם פארשטעהן. איך פארשטעה איהם נישט. איך פארשטעה נאָר איינס: א גוטער שוסטער ווערט נישט קיין ב ע ס ע ר ע ר שוסטער דאדורך וואָס א חוץ שוסטעריי קאָן ער אויך שרייבען לייטארטיקלען. און א גוטער שרייבער, ווערט נישט קיין ב ע ס ע ר ע ר שרייבער, דאדורך וואס א חוץ שרייבען, קאָן ער אויך רעדען דורכ׳ן טעלעפאָן, קלאפען און פלייצע, און מאכען אן איינדרוק אויף איידעלע מענשע.

דעקלאראציע פון אונאבהענגיגקייט: איך, משה נאדיר, דער זוהן פונ׳ם אלטען נאדיר, זאָג זיך אָפּ פון צו ציטערען, צו שרעקען־זיך, מורא צו האָבען, צו זיין אונטערטעניג צו איינעם א דוד איגנאַטאָוו, רעקס, זעלבסטהערשער, אימפעראטאָר.

איך גיב א שבועה זיך אפצורייסען פון דעם פאר־זישעלאנדוי׳טען טיראן, צו צוברעכען די קייטען פון זיין ווייסע־פערזען־שקלאַווערייי, אזוי זאָל מיר גאָט העלפען, אָמן!

און מיט דער דאָזיגער ערקלערונג געה איך אוועק פון דור־איגנאַטאָוו׳ס פראָבלעמאטישקייט, וועלכע איז

פון יענעם סאָרט ווי די פראַגע: „אז דער ראַזירער ראַ־זירט אַלעמען אַ חוץ די וואָס ראַזירען זיך אַליין, און דער ראַזירער ראַזירט זיך אַליין, טו ווער ראַזירט דעם ראַזירער?" און איך געה צו צו די איבריגע מיטאַרביי־טער, מיטשאַפער, מיטזינגער פון דעם זעהר פּאַרטייטש־חומש'טען זאַמעלבוך, וועלכעס הויבט זיך אָן מיט „האזינו" און ענדיגט זיך מיט האָמער'ס איליאַדע.

איך פאַרבויג מיך און זאָג: עס איז זעהר נאָבעל פון אייך, מיינע העררען, אַרויסצוברייינגען נייע טאַלאַנ־טען. עס איז גוט־ברידערליך, עס איז מענשליך, און דאָס הארץ פון אַ קריטיק־שרייבענדען מענשען, ווערט אָנגע־פּילט מיט פרייד ווען ער דערזעהט אַזוינע צוויי נייע טאַלאַנטען ווי משה רבנו און האָמער. מיר קאָנען זאָגען, אזביידע ווייזען אַרויס אַ פונק טאַלענט, כאָטש זיי זענען אַביסעל צו י ו נ ג אין פאַרגלייך מיט די זאַמעל־בוך־קלאַסיקער.

ענטפער דורכ'ן בריעפקאַסטען: שלייפט אַביסעל מעהר אייערע זאַכען, הערר מ. בן עמרם! לערנט זיך שרייבען אַ גלאַטערען אידיש. דאָס וואָרט „בראַנדאָפּפער" וואָס איהר נוצט אין אייער פּאָעמע „דאָס זענען די רייד פון בלעם", איז נישט אידיש. „פאַרוואָהר" איז אויך נישט אידיש. אָבער טאַלענט האט איהר. כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין רעדאַקציע צווישען 5־6 פאַרנאַכט.

צווייטער ענטפער דורכ'ן בריעפקאַסטען: הערר האָמער: 1) אייער אידיש איז אונפאַרשטענדליך ווי דער אידיש פון — מיר זעלבסט. איהר נוצט צופיעל אויסלענ־דישע ווערטער. איהר ווילט — מעשה ראובן אייזלאַנד — צופיעל גלאַנצען מיט אייער וואווילקענעוודיגקייט אין וועלטזאַכען. שלייפט, פּאָלירט, הובעלט, זעגט, ראַזירט, פּיילט, האַקט, אפשר וועט עפּעס אַרויסקומען.

* * *

5. שאַפּיראָ'ס דערצעהלונג „רויך" איז זעהר אַר־טיסטיש אַריינגעשלאָגען אין ראַמען. עס איז געשמאַקע

ווי מ י ר ט ע ל ע. מירטעלע איז געווען געשניצט — זעהר ארון־קודש'דיג. „רויך" איז צונויפגעטרייבען אין א ווינקעל, מיט א רויט טאַשענטיכעל, מיט דער טראַדיציאָנעל אידישער קלויזפּאָהן. די זאצען אין רויך זענען גלאַט אויסגעפרעסט. נישט מיט קיין פּלעט־אייזען, נאָר שאפּיראָ האָט זיך אויף זיי ארויפגעזעצט און איז (גייסטיג) געזעסען אויף זיי אזוי לאנג ביז וואנען זיי זענען ארויס גלאַט און אָהן קנייטשען. אָבער דער סימבאָלישער אָנווינק זעהט זיך אין רויך, דרעהט זיך אין די בלאָה פּאָעטישע רויכרינגען פון דעם העלד און דער שאַפּיראָ־טייטש דערפון איז: רויך — דאָס מענשליכע לעבען. פּע, ס'איז ביטער, נאָר מען געוועהנט זיך צו דעם צו. די רויכרינגען — די לעבענספאָרמען, די לעבענסטעכניק. און ווי שעהן דאָס קאָן זיין! וואָס פאר א שפּיעל! „ס'איז רויך, אָבער ס'איז גוט".

קלוגער, שווערשרייבענדער, ווארט־טאַפּענדער שאַפּיראָ!

עס קומען ליעדער — וויוואט! זישע לאנדוי באַרעדט די ווייבער, מיט פיינע פּעטיט־אויפשריפטען. און ער הייסט ב א ש ל אָ פ ע ן דאָס ווייב. באהאַלטען מיר דאָס ווארט ב א ש ל אָ פ ע ן און מיר בלעטערען ווייטער. זישע ווערט פרעהליכער, אויפגעלעגטער, כמעט ב ל אָ נ ד ע ר: ער זינגט זיינע פשוט'ע, א פּערטעל־נאָך־צוועלף־ליעדער, וועגען דעם אז אפשר וועט געהן א רעגען און אפשר נישט, און אז אין הימעל שווימט ד אָ ר ט א ל ב נ ה! און אז ער לאָזט זיך אראָפּ אין די (וואונדערוואָרט נומער 2) פּ ע ר ל א מ ט ע ר ע נ ד י ג ע טאָלען. דאן ווערט ער טעמפּעל־בית־ישראל'דיג און גיט זיך דאַרטען א פרעג אין א ליעד:

וועך פיהרט די אַלע שיפען
וואָס געהען אינ'ם ים?
גאָט פיהרט די אַלע שיפען
וואָס געהען אין ים...

און אזוי ווייטער. דאָס פּאַרוויטערדיגע איז שוין נישט וויכטיג. מען קאָן דאָס שוין אליין מאַכען. פּער רעצעפּטום. למשל:

ווער פּייפּט ביי מיר אין קוימען
אין ווינטערדיגע טעג?
גאָט פּייפט ביי מיר אין קוימען
אין ווינטערדיגע טעג.

דאָס איז גוטע, שפּאַרעוודיגע און נישט אָנגע־שטרענגטע פּאָעזיע. זישע ווייסט, אז ליעדער, דאָס זיי־נען ווייבער, צו וועלכע דו דאַרפסט נישט טון געבען קיין כח. מיהט ער זיך נישט. זיי קומען צו איהם פון זייער אייגענעם ווילען און ווערען ב א ש ל אָ פ ע ן.

עס קומען ליעדער פון א. מ. דילאָן, אויף וועלכען מען קאָן אויספּרובען דעם כמעט־היינע'שען שפּיעל פון צושטעלען „מיט הויזען" און „אָהן הויזען" ביי יעדער סוף שורה:

כ'זיץ אין פעלד ביינאַכט אליין (מיט הויזען).
אָט קומט מיין הונד מיט שנעלע טריט (אָהן הויזען).
ער שנאָרט אהין, ער שנאָרט אהער (מיט הויזען).
מיין הונד, מיין הונד, דו זעהסט מיך נישט? (אָהן הויזען).

אין צווייטען סטראָף פון דעמזעלבען ליעד, קושט דער דיכטער אָן דעם הונד „א פולע קאָפּ". און אין ליעד נומער 3 געהט ער ארום און שיט געלע בלעטער אזוי לאַנג ביז וואַנעט ער הערט אויף.

כמעט אלע ליעדער פון די י ו נ ג י ע ה ר י נ ע זענען פול מיט כלומר'שטיגען מיסטיציזם, מיט טונקעל־הייט. אין 9 פון יעדע 10 ליעדער „קלאַפּט ע מ י צ ע ר אין טהיר" און מ'ווייסט נישט וואס ער וויל... אָדער ע מ י צ ע ר לעשט אוים דאָס ליכט... אָדער ע מ י־צ ע ר געהט שלאָפען... אָדער ע מ י צ ע ר שטעהט אויף די קניען ביים בעט, און מ'ווייסט נישט וואס ער וויל. אָך, דער עמיצער, דער עמיצער!...

ווארנונג פון א נערוועזן קריטיקער: עמיצער וועט נאך עמיצען אמאל דער׳הרג׳נען פאר עמיצענ׳ס דיכטונג! עמיצער האט נישט קיין נערוועז פון קופערדראט; עמיצער וויל אז מ׳זאל איהם צורוה־לאזען מיט די עמיצערס, און מיט די וויט־ווייט׳ס און מיט די וואו־ניט־וואו׳ס און מיט די עפעס־וויס־איך־נישט׳ס.

ראבאי׳ס „קעץ“ האבען די גרויסע מעלה, וואס דער שרייבער האט זיי נישט פארמענשליכט, ווי דאס טוען געוועהנליך אנדערע שרייבער. ראבאי שרייבט וועגען קעץ, נישט בדרך משל, נאר טאקע פון קעץ אליין. דערצו דארף מען האבען מוט, דארף מען האבען פארטיעפטקייט, דארף מען פארשטעהן, אז אפילו דאס לעבען פון א קינסטלער איז אויך נישט מעהר ווי א משל און אפשר נישט קיין שעהנערער משל ווי דאס לעבען פון א קאץ, אדער א קראליק.

ראבאי איז אפשר דער אנדערשסטער צווישען אלע אידישע נאוועליסטען.

דאס רוב ליעדער פון דער מארינירטער, באלזאמירטער, איינגעמומי׳טער, אויף־אן־ארט־שטעהענדער „יוגענד“ דערמאנען אפט אן דער טיעפער אינהאלטליכקייט פון דעם באריהמטען נעגער־ליעד:

Amaying I go.
I go amaying.
I went amaying
Amaying I went.

דאס בוך האט אויך אן ארטיקעל פון בעל־מחשבות, וועגען „דר. הערצעל און אנטאן טשעכאוו“. איז עס, איז עס, איז עס (צום דריטען מאל) אזוי פול מיט ווערטער, שעהנקלינגענדיגע פראזען, פיעלפארביגע לעבענספארבען, און אנגעצויגענע סטרונע,

א צ י ט ע ר פ ו ן א ק א מ ע ר ט א ן, — נו, נאט מיינער, מיר ווייסען דאך ווי דאס ווערט געמאכט. מיר האבען געפרובט צוגלייכען ה ע ר צ ל ע ן צום קאמער־טאן און ט ש ע כ א ו ו ׳ ן צו א סטרונע און... ס׳איז ארוים גאנץ גוט.ביידע זענען גלייך איבערצייגענד. עס איז פון יענע סארט קריטישע עססיי׳ען וואס צוערשט שרייבט מען זיי אן — שרייבט מען אן די שעהנגווער־טערדינקייט, די שפיצטורעמדיגע זאצבויען, און דערנאכ־דעם — פאסט מען זיי צו צו עפּעס.

איך אליין האב שוין אפּט אנגעווענדט דיזעלבע מעטאדע און עס געהט אויסגעצייכענט.

י. י. שווארץ האט אנגעזונגען א מאסע ליעדער, „אויפ׳ן חרוב׳ן הארצען". דער ע מ י צ ע ר שפּיעלט דארט אויך א גרויסע ראלע. י. י. שווארץ בייזערט זיך, ער איז אין כעס. ער מאכט „בו־הו". אבער איך פאר־שטעה איהם און — פארגיב איהם. זייגע מאטיווען פון תהלים זענען שוין געראטענער — אזוי פיעל, וויפיעל דער תהלים איז בכלל א בעסערער זאמעלבוך ווי „וועלט־איין, וועלט־אוים".

* * *

א קוריאז: אויפ׳ן סוף פון בוך איז אפּגעדרוקט א מעלדונג בזה הלשון:

„אינהאלט פון ערשטעז בוד „שריפטעז" (אוים־פארקויפט)."

דאן קומט א רשימה פון אלע ארטיקלען פון דעם ערשטען בוך „שריפטען" וואס איז אויספארקויפט און מען קאן עס מעהר נישט קריגען.

מיר ערווארטען אין גיכען צו לעזען אונגעפעהר אזא סארט אנאנס:

„א וואונדערבאר פערד.
3 יאהר האלט.
זעהר גוט פאר רייטען.
פרייז 240 דאלאר.

זיך מעלדען צום אייגענטימער
וועלכער האָט עס שוין פארקויפט."

* * *

פ. ס. — פון די בוך־צירונגען וויים איך נישט וועמעס זענען די בעסערע — ליכטענשטיין'ס אָדער מאוד'ס. ביידע געפעלען מיר. אָבער מאוד (איך מיין עס ערנסט) האָט א חוץ אלעמען דאָס גרויסע פארדינסט, וואָס — צווישען מאהלער — איז ער געוועזן דער ערשטער אונטערצושרייבען זיין נאָמען מיט אידישע אותיות.

וועגן טעאַטער

מלחמה־כלות

אויטאָרען : ראַקאָוו־מיללער.
טעאַטער : טאָמאַשעפסקי'ס.

מיט פאַרשלאָפענע פינגער שרייב איך מיין היינ־טיגע טעאַטער רעצענזיע. איך ווייס, אז די מענשען פאַר וועלכע די „מלחמה כלות" זענען צונויפגעשריבען געוואָ־רען (פרעגט טאָמאַשעפסקי'ן) לייענען נישט קיין קריטי־קען, לייענען א י ב ע ר ה ו י פ ט נישט קיין אנדער זאַך, א חוץ די אויפשריפטען אויף די ווענט פון לאַוואַ־טאָריען, און דאָס אויך נאָר די דומסטע און שמוציגסטע פון זיי.

וואָלט איך געהאַט אַן אייגענע צייטונג, וואָלט איך גע־שריבען וועגען דעם שטיק 2 קאָלומנען מיט אדיעקטיווען: שמוציג, נידערטרעכטיג, געמיין, שורקיש, פלאַך, קרע־מעריש, טאַלענטלאָז, עקעלהאַפט, שניידעריש, פאַסקוד־נע, רויה, לאַנגווייליג, ווילד, אונמענשליך, פאַסקוויליש, אידיאָטיש, אונמעגליך, מיאוס, פויל, פאַרשטונקען, שוויי־גיש, טעאַטערדיג, באַליידיגענד, גרילצענד, פאַנפעוואַטע, הויקערדיג, געלעמט, בלינד, הינקענדיג, פארוואהרלאָזט, אונגעקאַמט, בלאָטיג, אבשטויסענד, אונערטרעגליך, סקאַנדאַליעז — דאָס אַלצדינג וואָלט געווען בלויז א קליינער טייל פון די אַלע באַליידיגענדע אדיעקטיווען, וואָס איך וואָלט גענוצט, ווען איך וואָלט געשריבען וועגען די „מלחמה כלות". איך וואָלט נישט געזאָגט וועגען זיי קיין חכמה'דינקייט, נישט געוואָלט ווייזען מיין סאַ־טירישע בייסענדיגקייט, וועלכע פאַרשאַפט מיר אזוינע

באגאבטע שונאים, ווי לעאָן קאַברין. עס וואָלט מיר נישט אָנגעשטאַנען צו פאַרשווענדן מיין ביסעל עספּרי אויף דער טעמע „מלחמה כלות". נאָר אזוי ווי איך שרייב נישט פאר מיין אייגענעם א זשורנאַל, נאָר פאר א פרעמ־דען, און דער פרעמדער זשורנאַל האָט א ריכטונג, וואָס דאָס איז זעהר שעהן פון זיין זייט, און אזוי ווי דער פּרינ־ציפּ פון דער ריכטונג פאָדערט וויצליכקייט אויף אַלע געביטען פון דער אידישער ליטעראַטור, ערגא — וויצען!

„מלחמה כלות" איז נישט קיין שטיק, נאָר — א שטיק שוויינעריי. עס איז אפילו נישט טאַלענטלאָז, ווייל די מחברים האָבען נישט גענוג טאַלענט דערצו.

איך טו באהויפּטען, אז א מענש וואָס קאָן אָנשריי־בען אן ע ר ג ע ר ע פּיעסע ווי די דאָזיגע איז א — זשעניע. גיט מיר אזא מענשען און איך וועל איהם מאכען א באנקעט, אָדער א יובילעאום, אָדער וואָס־נישט־איז!

דער אינהאַלט? איז מעגליך איבערצוגעבען דעם אינהאַלט פון א פּריקאַזי אין א קעלער־רעסטאָראַן אויף ריווינגטאָן סטרים? קען מען באשרייבען דעם אינהאַלט פון א פּאַראַיאַהרינען קניש אין א פופצעהנסענטיגען פּרעס־אנשטאַלט?.. קאָן מען דארגרונטעווען דעם מאָטיוו פון א קוני־איילאַנדער „קלעם־טשאָודער"? איז מעגליך אפּצושילדערען די רויע מאַטעריאַלען פון א „משוגענער קאָלדרע"? איז עס פאר א מענשענ'ס כחות איינצוטיי־טשען דעם הויכען סימבאָליזם וואָס ליגט אין א זויערער אוגערקע, אָדער די טיעפע מיסטעריען וואָס זענען פאַר־באָרגען אין א בודאַפּעסטער גולאַש?.. אזוי, מיינע הערדען, איז אויך נישט מעגליך איבערצוגעבען דעם אינהאַלט פון די ראַקאָוו־מיללערשע „מלחמה כלות".

איך טראַכט ביי מיר: דער חזיר קלויבט זיך א ל ע י ן אוים זיין בלאָטע. דער עזעל עסט נאָר דאָס שטרוי וואָס געפעהלט איהם, אָבער דער מענש, דער ט ע א ט ע ר ג ע ה ע נ ד ע ר מענש, — אזוי מיינען

די דירעקטאָרען — איז נישט קיין חזיר — ער עסט
אַ ל צ ד י נ ג!

די „מלחמה בלות" געהען אויף די פיס פון אידיש־קייט — פון אידישליכקייט. זיי דאַרפען ריידען אין נאָמען פון די ליידען פון דעם אידישען „פאָליעק" און אפּעלירען צום אידישען „הערץ". ווי שמוציג! ברענט דאָרט אַ מלחמה, ציטערען אויסגעשטרעקטע הענט קעגען הימעל, געהט אונטער אַ פאָלק, און מיר — אפשר די לעצטע, אפשר די איינציגע יורשים פונ'ם שטאַם — מיר נוצען אוים זייער טראַגעדיע פאַר קאַסענערפּאָלג. מיר וויינען אוים ז י י ע ר ע טרעהרען פאַר סטענדינג־רום, מיר זעצען זיך מיט די שוועך־מעלאָדראַמאַטישע הינטענס אויף דעם פארמוטשעטען אידישען „הערץ", און קוועטשען דערפון ארוים — רענדלעך. מיר קלימפּערן אויף דער פיבערדיגער „נשמה פון מיין פאָליעק" און קלימפּערן ארויס עטליכע לומפּיגע נדבה־גראָשענס פאַר ז י י און אַ פוטערפעסעל מיט גאָלד פאַר אונזערע פּרינצען פון געשמאַקלאָזיגקייט. מ י ר ריידען אין נאָמען פון כלל ישראל און מ י ר האָבען נישט אין זיך אַ פונק פיעטעט, אַ ניצוץ פון פאָלקס־געטריישאַפט. אַ ציטער פון רעליגיעזען געפיהל. ווייל — לאָמיר ווערען ערנסט אויף אַ מינוט, מיינע הער־שאַפטען! — די אידען זענען אפשר דאָס ג אָ ט ל אָ־ז ע ס ט ע פאָלק אויף דער וועלט, דאַריבער אַרט זיי נישט, אַז מען שלעפּט ארויף אויף דער ביהנע דאָס טלית'על, דאַריבער קימערט זיי נישט וואָס יעדער נאַרישער ש מ ו צ י אַ ן רעדט אין נאָמען פון אידישקייט. דאַריבער בלייבען זיי רוהיג, ווען זיי זעהען אַז יעדער ליטעראַרישער שוואַרצקינסטלער שלעפּט פון דער נאָז סטענגעס פון נאַציאָנאַלע ליידען, און יעדער מעלאָדראַמאַטישער פאַקיר טאַנצט, פּראָפעסיאָנעל, אויף די פּייע־רען פון פאָלקס־טראַגיק, און שטעכט זיך כלומר'שט די ברוסט, מיט פאַפירענע שפּיזען...

„מלחמה כלות" האבען פון דעסטוועגען א י י ן גוטען מאמענט, און דאס איז דאס פייער אין סוף פון דריטען אקט. עס איז זעהר א וואויל פייער, כאטש ס'איז א שאד וואס עס איז נישט קיין אמת'דיגס!. עס איז א פיינער עפעקט און א זעהר דראמאטישער, נאר די פיעסע מאכט קאליע. ווען מען זאל שפילען דאס פ י י ע ר א ל י י ן, מיט די דעקאראציעס, וואלט עס גע־ווען גאר נישקשה פון א פיעסע און מען וואלט — ווי־עס־איז — געקענט אויסזיצען איהרע 4 אייביגקייטען, אין דער געשטאלט פון אקטען.

געשפילט איז די פיעסע געווארען אזוי שלעכט, ווי עס פאסט פאר אזא אבשייליך טעאטער־שטיק. דאס איז פיין. איבערהויפט פארדינען א דאנק די ערערען טאמא־שעפסקי און ראזענשטיין.ביידע גיבען זיך די מיה צו שפילען אזוי שלעכט, ווי אזא פיעסע פארדיענט. די אנ־דערע שוישפילער, כמעט אהן אויסנאהם, באמיהען זיך אויך צו שפילען אזוי שלעכט, ווי זיי קאנען, און דאס איז זעהר שעהן פון זיי. עהרען־ווארט! איך בין זעהר ערנסט. איבערהויפט ווער איך ערנסט, ווען איך דערמאן זיך ווי דער הערר ט. פאטשט זיין טאכטער, מאדאם גרינפעלד, אזוי גראציעז אויף דעם... אינטעלעקט. דאס איז זעהר פאטעטיש און זעהר אידישלעך און זעהר קינסטלעריש. — ווירקליך!

* * *

...אז מיר זענען שפעטער אריינגעקומען אין דעם דראמאטישען קאפע, האט אונז א חבר געפרעגט פאר וואס עמיצער פון די י ו נ ג ע געהט נישט אמאל ארויס מיט א פיעסע, און מיר האבען געענטפערט, אז ס'איז נישט נויטיג, ווייל די ערערען דאקאוו און מיללער זענען שוין ארויסגעגאנגען אין 4 אקטען.

ער האט פארשטאנען...

פאַר אודרע קינדער

אוטאָר: דר. ה. זאָלאָטאראָף.
הויפּטשפּיעלערין: מאַדאַם בערטאַ קאַליש.
טעאַטער: טהאָמאַשעפסקי'ס.

אַ פּיעסע מיט אַ קאָנפליקט סייז 4½ און אַ טראגעדיע סייז 116. אַ גרויסע דראמא, וואָס שיינט צו זיין גרעסער ווי זי איז. אַ העלדין, וואָס סאפאָ'ט אונטער פון צייט צו צייט, און געבע גאָט דאָס נעמליכע צו הערען פון אַפּאָלאָן זאָכענשיין. אַ שטיק, וואָס ענדיגט זיך און דעריבער איז עס גוט.

טאַלאַנט מיינער, פאַרלאָז מיך נישט!

שוין ס'דריטע בלעטעל פּאפּיר וואָס איך הויב אָן און איך וואַרף אַוועק. צום טייוועל. און פּאפּיר איז אַזוי טייער, און די קריטיק מוז געשריבען ווערען. די חכמות מוזען געזאָגט ווערען, מיינע געערטע, כאָטש ס'הארץ איז נישט דערביי. פראגע: וואו דען איז ס'הארץ? ענטפער: ס'הארץ איז אוועקגעפאָרען קיין רוסלאַנד. און עס וויגט זיך איצט אויף די שטורעמדיגע פאַליעס, און עס ליידט פון דער וואַנדער־קראַנקהייט, און ס'איז איהם נישט גוט. ביטע, ענטשולדיגט. עס הויבט אָן. דער פאָרהאַנג פון מיין נשמה־ביהנע הויבט זיך אויף. אַ פייערליכער געדאַנק טרעט אַרויס און פאַרנייגט זיך פאַר'ן ווערטען פּובליקום. עס ווערט פינסטער אַרום, כדי דער צושויער זאָל קאָנען לייכטער

צ ו ש ו י ע ן. דער העלד טרעט ארוים. אויפטריט: גיפטיגע סאטירע.

מאָנאָלאָג: „פאר איהרע קינדער" איז אנאָנסירט אלס א גרויסע פסיכאָלאָגישע דראמאַ. עס איז א גרויסע דראַמאַ. שוין א ביסעל צו גרויס, און זי ליגט דארום זעהר לעפיש אויף די אקסלען פון די העלדען. די דראַמאַ איז גרעסער פון די העלדען אפשר מיט 150 נומערען און די העלדען בלאָנזשען דורך איהר, פלאָנטערן זיך אין איהר, וויקלען זיך אין איהר אהין און צוריק און פאַרקערט און זיי האָבען א פנים, ווי מאקס לינדער, ווען מען שטעלט איהם מיט'ן קאָפּ אראָפּ כדי ער זאָל נישט פאַרלירען די הויזען.

ווייטערער מאָנאָלאָג פון מיין גיפטיגער, אבער נישט־גאַנץ־גערעכטער, סאטירע:

„פאר איהרע קינדער" הויבט זיך אָן זעהר פיין און פארביג. אויף דעם פארם פון א חברה טרוימער־קאָלאָניסטען, וואָס ווילען פארפרייעארבייטערשטימען די וועלט, נור אָהן א בריפקאסטען. איינער פון די קאָלאָניסטען איז הירש גינזבורג. כאראקטערשטריכען: א א באָרד, א קאשקעט, אויסגעטראָגענע הויזען. אויפטריט זי, די העלדין, הויך, שלאַנק, פיינפארקאמט, רויזרויטע פינגערשפּיצען, פיילכענאויגען, ראָזענגעקיסטערמונד, גראציע, וואָלעסקאסוראט. אנטקעגען איהר: באָרים דאַנציג. פיינער נאָמען — „דאנציג"! עלעגאנט, הויכגעוואקסען ווי א פּאַלמע. ליעבע פון דער כלה'ס צד. חתן'ס שוואך. נישטאָ געגוג פייער, וויל איינגעשרן אויף א פשרה: אלע ד ר י י צוזאמען.

נור ז י וויל נישט. דערצו איז זי צופיעל סאפאָ. און ער? אפּאָלאָנזאָנענשיינט ער? יאָ. מעהר־וועניגער. מען באשליסט: אוועקגעהן. ברעכט אוים א וואלד פייער, וואָס דאָס איז מסתמא א משל קעגען דעם ליעבעספייער וואָס פארניכטעט די בוימער פון לעבען, און — היט זיך פאר פייער, היט זיך פאר פייער. (ציטאטע.)

אין צווייטען און דריטען אקט זעהען מיר די שלאנ־קע, די גראציעזע, די וואלעסקאסוראטנע העלדין, מיט דעם שלעפעריגען, עלטערען מאן און מיט די קינדער. זייטיגע פארשוינען: עפעס א איד, וואס קוקט אויס ווי א תלמוד־תורה־מלמד און איז א סימבאל, אן אנווינק אויף דעם ציוניזם פון אונזער ראדיקאלער גאס און עפעס א פלייצע־אן־וואנד־רייבענדער אוריאל־מעפיסטא, וואס רעדט הייזעריג־מיזאנטראפיש, און ער האסט די מענש־הייט, מיט אלערליי אפאריזמען — געלונגענע און אנדערע.

„די גרויסע פסיכאלאגישע דראמא" געהט ארום מיט גרויסע פיס, איבער די ברעטלעך פון דער ביהנע, פארטשעפעט זיך אן זיך זעלבסט, פאלט, הויבט זיך אויף, נעהט ווייטער, מיט רומאטישער אנשטרענגונג, מיט גייסטיגער הארצקלאפונג, און דו קוקסט אויף דיין זייגערל דעם גאלדענעם, לייגסט עס צו צום אויער און דו טראכסט אז די דאזיגע דראמא איז אבסאלוט די גרעסטע דראמא, וואס דו האסט ווען עס איז געזעהן. אדער אפשר געהט דאס זייגערל צו שנעל?

„פאר איהרע קינדער" איז אן עהרליכער פארזוך. צום דאנערוועטער! פארזוכט נישט עהרליך. פארזוכט פאלש, באטריגעריש, קאמיש, נור — פרישט אפ א ביסעל מיין הארץ. קלאפט א ביסעל אפ דעם שטויב פון מיין לאנגווייליגע. אייערע פראבלע־מען, די ליעבע. באה! אייער מיסטעריע, דאס ווייב! באה! צום צווייטען מאל. איך זעה טיפער ווי דאס. מיין פסח'דיגער מעהד איז א — רעטעניש. יעדער ברעמזיל איז א מיסטעריע, און אלצדינג אין דער וועלט, פון ראנדאלף הווירסט ביז קאיזער ווילהעלם איז א פראב־בלעם. און אויב איהר ווילט מיך שלאגען איבער'ן קאפ, מיינע הערדען, — נו גוט! טוט עס. אבער טוט עס מיט א נאקעטען הומער, מיט מעלאדראמא, אבער קלאפט מיך נישט איבער'ן קאפ מיט א האמער וואס איז ארומגע־

וויקעלט מיט דער וואטע פון הומאניטארע געפיהלען, פון עדעלקייט, פון קונסט! און אויב איהר ווילט מיינע טרערען, נעמט זיי, בעכערווייז, אָבער מעלקט נישט מיי־נע גייסטיגע אויגען מיט די אומגעלומפערטע פינגער פון א דילעטאנט! שלאָגט נישט די פוטער פון מיין סענ־טימענטאליטעט, מיט די הוילע הענט. טוט עס מיט א מאשינע. עס איז עקאָנאָמישער און שנעלער.

„פאר איהרע קינדער" איז א דראמא פון — מאָרגען. גוט. זאָל מען זי (אלע מאָל) שפּיעלען מ אָ ר ג ע ן. נישט היינט. די פּיעסע איז נישט צום אויסלאכען: זי איז א ו נ ז ע ר נאר. זי איז „ליטעראטור" און צו וואָס זאָל מען מאכען דער ליטעראטור א שם פאר א פארשלאָפענער אידענע וואָס שטריקט א זאָק און שמעקט טאבעקע, מיט דער לינקער זייט פון דער האנטפלאך, ווי א מאנסביל?

מאדאם קאליש האָט, אין איינקלאנג מיט דער פּיע־סע, געשפּיעלט „די פרוי פון מאָרגען". אָבער צו וואָס שפּיעלען אזא פרוי ה י י נ ט, אין אזעלכע אומרוהיגע און העכסט־אינטערעסאנטע צייטען? און וועמען געהט עס אָן די ליידען פון א ווייבערשען וואָקינג־דעלעגאט, וואָס ליידט דאדורך וואָס זי האָט נישט ליעב דעם מאן! און ביטע צו ענטפערן דורכ'ן בריפקאסטען, ווארום לעבט זי נישט מיט די א נ ד ע ר ע מאנסבילען? ווארום נישט מיט שטריקער'ן, דעם אפאָריזמען־זאָגער? פאר וואָס נישט מיט באָרים דאנציג? און פארוואָס וויל זי די טאָכטער נישט דערקענען? זי איז דאָך אזא העכסט דעקאָראטיווע מוטהעהר! און אזוי שלאנק און גראַ־ציעז! און צו וואָס די אטמאָספערע פון הארצשווער־קייט, וועלכע וואקסט ארויס פון דעם סופליאָר־קעסטיל, מעהר ווי פון דער סיטואציע? און ווארום דעקלאמירט די מאדאם קאליש אזוי בראָדווייאיש? און פאר וואָס איז איהר יעדער שמייכעל א גנאָד־צום־פאָלק־ישראל? און יעדער זשעסט אזא אונענדליכקייט? און פארוואָס

אַזוי ביבליש אין טאָן און אַזוי איבער־רייך אין האַל־טונג? פאַרוואָס איז אייער יעדער בליק אַ 33־און־אַ־דריטעל פּראָצענט פון דער נעט־איינגאַמע, אָ, קאַליש! און פאַרוואָס איז אייער יעדער האַנטבאַוועגונג אַ רמז אויף דעם שטאָלצען משיח, וואָס קומט אויסלייזען זיין פאָלק — אָ, עהרענווירדיגע קאַליש! און פאַרוואָס פאַר־רען אייערע ווערטער אויף פּרעה׳ס רייטוועגען, אָ, טאַלאַנטירטע און גראַציעזע מאַדאַם קאַליש? און פאַר־וואָס געוועהנט איהר זיך נישט אָפּ פון אייער שוואַכ־קייט צו לעזען לעקציעס דעם פאָלק ישראל, אָ, לעמבער־גער מאַדאַם קאַליש?

* * *

עס האָבען געשפּיעלט: בערטהא גערסטאָן, זעהר בעסער. גאָלדענבורג, קונציג־פיין. בלאַנק, אידישלעך־געשמאַק. בן־עמי, אינטעליגענט־פיין. שאכט, דייט־ליכע דיקציע.

די איבריגע דאַמען און הערען האָבען אויך גע־שפּיעלט, נור איך האָב נישט געהאַט קיין גערולד זיי צו באַוואונדערען.

צום שלום: פון דער גאַנצער פּיעסע איז מיר צום בעסטען געפעלען די כינעזישע טהעע, וואָס איך האָב גע־טרונקען נאָך דער פאָרשטעלונג, אין דער אינטערעסאַנ־טער געזעלשאַפט פון אַ דאַמע, וועמעס נאָמען איך קאָן דאָ נישט דערמאָנען. עס איז פראַנציס אַדלער.

העדאַ גאַבלער

אויטאָר : העגריק איבסען.
טעאַטער : פּלוימוטה.
הויפּטשפּילערין : מאַדאַם נאַזימאָווא.

דער פעלדמארשאל פון מיין פריוואטען גליק, דער אויבערקאָמאנדיר פון מיין לוקסוסדיגען לעבען, דער קאַפּיטאן פון מיין פרנסה־יאכט, האָט צו מיר געזאָגט :

— געהט און זעהט און הערט און שטוינט און ווערט גאָר נישט מיעד צו שטוינען איבער דער איבער־פּאָסט־סופּער־אולטרא־גראנדיעזיוואונדערבארער מאדאם נאזימאָווא, וועלכע העדא־גאבלערט לויט דעם אלטען העגריק, וויוואט !

בין איך געגאנגען און געזעהען און געהערט און נ י ש ט געשטוינט און כ׳בין גאר נישט מיעד געוואָרען נ י ש ט צו שטוינען איבער דער מאדאם נאזימאָווא וועלכע געפעלט מיר נישט, דערפאר וואָס איך האָב זי נישט ליעב, און וואָס איך האָב זי נישט ליעב דערפאר וואָס זי געפעלט מיר נישט, און וואָס עס געפעלט מיר זי נישט ליעב צו האָבען דערפאר, ווייל עס געפעלט מיר אזוי.

האָרכט, איהר ברידער פון דער קריטיק ! נעמט אראונטער די שווערדען פון אייערע לענדען און לאָמיר גאָהן אויף א דועל דערפאר וואָס איך דערוועג מיך צו זאָגען,

אז אייער געליעבטע מוהמע איבסען איז שרעקליך לאנג־ווייליג.

סעקונדאנטען! דער שטריק הענגט מיר שוין אויפ'ן האלז, דער קאפ מיינער שטעקט שוין צווישען די גילאָ־טין־מעסערס, די באַיאָנעטען זענען שוין געציעלט קעגען מיין ברוסט; אָבער — שרעק איך מיך דען איבער? ווער איך דען טויט און צעדאָקטאָרוואָרטסמאַנט? בין איך דען געבוירען אין פייגלינגיא?

ניין, איך בין הערדיש און בראַוו און מעדאלפעהיג. אין די שווידערהאפטע מינוטען פון מיין אויסגעצווינגענעם לעבען לויף איך מוטיג און שטאָלץ ארונטער אין קעלער אריין און איך רוף אויס:

נידער מיט איבסען! ארונטער מיט העדא גאבלער!

* * *

זאָג איך אלזא, אז העדא גאבלער איז נישט קיין מייסטערווערק? ניין, איך זאג נישט, אז העדא גאבלער איז נישט קיין מייסטערווערק. איך זאָג נאָר אז ס'איז א גראָהע אָפשפיגלונג פון א נארישען שפיגעל, וואָס שטעהט לעבען א שפיגעל און שפיגעלט זיך. עס איז א שרעקליך־קאָמפּליצירטע איינפאכקייט, וואָס איז מיט גרויס פיין און פינקטליכקייט צענויפגעשפיגעלט גע־וואָרען פון אלע עקען וועלט. עס איז זיבען־אכט־ניין־הונדערט מייל לאנגווייליג, פאסטאָריזירט און סטערע־ליזירט און אויסגעקאָכט — כדי עס זאָל זיי נישט שימלען. עס איז א קאָנדענסירטע סימפאָני פון אלע אויסגענוצטע געניצען פון דער גאנצער וועלט. עס איז א גרויסער, מעכטיגער, ערהאבענער, שרעקליכער, גרוויזאָ־מער, וועלט־איינשלינגענדער געניץ, וואָס ווערט נאָך לאנגווייליגער דורך דעם וואָס מען זעהט נישט אָן דאָס קאָמישע אָדער ערנסטע פנים פון דעם מענשען וואָס געניצט ארויס דעם דאָזיגען „אוהא!“

וואָס איז די מעשה מיט העדא גאבלער? די מעשה מיט העדא גאבלער איז, וואָס העדא לאנגווייליגט זיך

און ציהט זיך און לייגט זיך שלאָפען און שטעהט ווידער אויף און לעגט זיך ווידער שלאָפען. יעדער וואָרט וואָס העדא גאבלער רעדט ארויס — דורך דער מאדאם נאַ־זימאָווא — איז א קעניגליכע מתנה צו דער מענשהייט. העדא גאבלער איז — וואָס מ'רופט אין אונזער שעהנעם גאליציענלאנד — א „שלעפּיל", א צעקראָכענע, א פוילע א שלעפעריגע — א שלעכטס ביז גאָר. זאָל דער אויבערשטער אָפּהיטען וואָס דאָס ווייבעל צעארבייט! זי האָט פיינט איהר מאַן (וועלכער שפּיעלט אויסגעצייכענט!) און האָט נישט ליעב איהר געליעבטען, וועלכען זי האָט אמאָל מסתם אויך נישט זעהר שטארק ליעב געהאט. זי איז אינטריגאנטיש און האָט נישט ליעב דעם אינטריגאַנט. זי איז א שלעפעריגע, פארשלעפּערענדע דאַמע — אפשר אביסעל פּריציש דעגענערירט, אפשר אביסעל היפּער־עסטעטיש, אָבער א פּיעלפּאכער גאָר־נישט — שרעקליך איבערטריבען. זי האָט נישט קיין פרייד, קיין טרוים, קיין ווילען, קיין ליידענשאפט, און איז פול מיט דער טיעפער מיסטעריע פון א לעדיגען צירונג־קעסטעלע, וואָס דער קלוגער באַלעבאָס האָט אוי־מיסטנע פארשלאָסען מיט זיבען שלעסער, כדי מ'זאָל מיינען אז דאָרט ליגט באהאלטען א גע'גנב'עט קעניג־רייך.

העדא גאבלער לעגט זיך, העדא גאבלער שטעהט אויף. העדא גאבלער איז מיעד. העדא גאבלער וויל עפּעס! אָבער העדא גאבלער קאָן ליידער נישט קריגען דעם ריכטיגען ע פ ע ס י א נ ע ר, איז איהר עפּעס אזוי, און עפּעס אזוי, און וואָס זאָל זי טון? העדא גאבלער לייגט זיך, העדא גאבלער שטעהט אויף, העדא גאבלער ציהט זיך, ציהט זיך, ציצא—ך!!! ביז וואנעט זי ציהט אויס עפּעס א שווערע פארשלאָפענע טראגעדיע מיט פליטערלעך, גאלדשפּריצלעך און דימענטלעך.

אז העדא גאבלער דערפיהלט, אז זי קאָן נישט לע־בען מיט איהר אויסגעצייכענטען, אידיאָטישען מאַן —

דעם פּראָפעסאָר, באַשליסט זי אַז זי וועט הרג׳ענען די צייט, מיט אַ רעוואָלווער. העדא שיסט! העדא שמייכעלט מיט אַ קרום, קאַלט שמייכעלע פון 72 גראַד אונטער נול. העדא לאַנגווייליגט זיך ווי אַ גרעפין, און אַז עס קומט איהר אַמאָליגער געליעבטער דער שריפטשטעלער וואָס האָט אָנגעשריבען דאָס גרויסע ווערק — דערוואַכט אין איהר די אַמאָליגע פאַרשלאָפענקייט און זי ווייסט ניט וואָס זי זאָל טון. העדא׳ס גרין־בלאַסע, דעקאַראַטיווע נשמה שטעהט ווי אַ פּאַפּוגאַי אויף איין פוס און פלאַטערט מיט אַ פליגעל און ווערט אַנטשלאָפען — רעדענדיג. העדא האָט אויך זייטיגע צרות־און־נחת פון איהר פריינד ריכטער בראַק, וועמען זי האָט ליעב — מיט אַ שרעקליכער שנאה. העדא נעמט אַריין צו זיך אין שטוב אַריין די איצטיגע געליעבטע פון איהר אַמאָליגען געליעבטען. דער לעצטער קומט אויך צו איהר אין שטוב אַריין — נאָך דערלייזונג. העדא הומאָריזירט וועגען איהר געזונקענעם געליעבטען, ווען ער געהט אַוועק. זי זאָגט: ער וועט קומען מיט ווייגרעבען אין די האָר. לאָוובאָרג געהט אַוועק און שיכור׳ט און פאַרברענגט זיך מיט דעם רויטען פריילייז און — ווערט סקאַנדאַליזירט. ער פאַרלירט דעם מאַנוסקריפּט פון זיין נייעם נאָך־נישט־געדרוקטען בוך און העדא׳ס מאַן געפינט איהם, און גיט דעם אוצר צו העדא׳ן. דער געליעבטער קומט ענדליך צו העדא׳ן אין שטוב אַריין שיכור, צעקנייטשט, דערשלאָגען, און אָהן ווייגרעבען אין די האָר. ער מיינט אַז ער האָט פאַרלוירען דעם מאַנוסקריפּט. ער רעדט וועגען זיין קינד וואָס ער האָט דערמאָרדעט מיט די אייגענע הענט. אָבער העדא זאָגט איהם נישט אַז זי האָט דאָס קינד — דעם מאַנוסקריפּט הייסט דאָס. אדרבא, זי מאַכט זיך נישט וויסענדיג. העדא גיט איהם אַ רעוואָלווער און זאָגט איהם ער זאָל זיך אַריינ־

שיסען א קויל אין דער פינפטער עוועניו געגענער פון זיין לייב. נ אָ ר ט ו ע ס א ו י ף א ש ע ה נ ע ם א ו פ ן, זאָגט זי — די געלאַנגוויילטע! די עקעלהאַפ־טע! דער סוף איז, אַז ער ווערט געשאָסען פון דעם ר ו י ט ע ן פ ר י י ל י י ן און דווקא נישט אין האַרץ, ווי העדאַ ווינשט עס, נאָר ערגעץ אַנדערש. דאָס קאָן שוין די איבער־עסטעטישע העדאַ נישט אויסהאַלטען און נאָך אַ לאַנגען און שלעפעריגען גאָרנישט־טון — שיסט זי זיך אין האַרץ אַריין, מיט אַ טרוקענעם שאָס, וואָס צערייסט נישט ס'קלייד, ווייל ס'איז נישט שעהן פאַר'ן אויג!

מאדאם נאזימאָווא אין איבסען'ס העדאַ גאבלער איז פונקט ווי אַ פראַסט וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרען פון אַ ווייסען בער און ווערט געשפּילט פון אַ זאַוועררוכע. מאדאם נאזימאָווא איז אַ שנעעשטורם וואָס איז געפראָ־רען געוואָרען אין מ י ט ע ן געהן. זי איז אַ געלונגענע לויה אין פיער אַקטען, אויפגעפיהרט צום בענעפיט פון אַלטע מתים און געשפּילט פון אַ מצבה.

אין נאזימאָוואַ'ס העדאַ גאבלער איז פאַראַן שטילע עלעגאַנץ, מאַניערען, אפילו ווייסע שעהנקייט, אָבער — עס איז אַזוי פאַרדאַמט פּינקטליך, אַזוי קאָרעקט, יעדער זאַך איז אַזוי שרעקליך אויפ'ן אָרט, ווי אין יאַשאַ חפץ'ס וואונדערבאַרען, אונמענשליכען, געטליכען, נידער־טרעכטיגען פיעדעלשפּיעל. איבסען טויטעט נישט כדי צו באַשאַפען, כדי א י ב ע ר צ ו ש א פ ע ן, כדי אויסצור־בעסערען, נאָר ער באַשאַפט דאָס שוין־באַשאַפענע. ער ניט דיר דעם מענש אַזוי ווי ער איז, נאָר ער סערווירט איהם מיט א י ז. זיין העלד — דאָס איז נישט נ אָ ך אַ מענש אין דער סומע פון מענשען, נאָר דאָס איז ד ע ר מענש. ער איז דער פּיעל־באַקאַנטער, סינ־טעטישער מענש, אַרויסגעטריבען אויף דער ביהנע מיט אַ שאַרפער פעדער־בייטש. עס איז דער דרויסען — פאַרשטובט. אָדער די שטוב — פאַרדרויסענט. עס איז

רעאראנזשירונג — נישט שאפונג. דער געהערטער הענריק פון נארדלאנד טוט באפרוכטען זיין געליעבט פריילין טעמא נישט פערזענליך, נאר דורך א שליח, דורך א אידעע. ער אליין האלט זיך ריין, נישט־באפלעקט, יונגפרויליך, אביעקטיוו. נישט ווי זיין תלמוד בערנארד שאו, וועלכער לאזט אפען אלע פענסטער פון זיין דראמאטישער געביידע און אלע מאל קוקט ער ארײַן אזוי פארשייט, זעהען ו ו א ס ס ע ה ע ר ט ז י ך. ביי אײַן העלד מאכט ער צערעכט דעם קאפעליוש, דעם אנדערען גיט ער א שנעל אין נאז, א דריטען גיט ער א גלעט איבער דער באק און ער שילט, זידעלט זיך, בענשט, רעקלאמירט זיך און לאכט און פאכעט מיט זיין רויטער בארד, און ביז וואנען ער ווערט פארטיג מיט דער ארבייש, איז זיין גאנצע פיינע, דראמאטישע ווירטשאפט רואינירט און די קאץ ליגט אויפ'ן שרייבטיש, און ס'ברענט ערגעץ א פארהענגעל און אלצדינג איז אין אזא רייכער, מענשליכער, וואונדערבארער אונארדענונג!

אה, ווי איך פלעג זיך בעטען ביי דעם אלטען הענריק. ה ע נ ר י ק י ב ס ע ן, פלעג איך צו איהם זאגען, הער אויף צו פינטלען מיט'ן אויג ביי יעדען ווארט וואס דו שרייבסט אן. הער אויף צו זאגען די איינפאכסטע, טאגטעגליכסטע זאכען אין אזא טאן גלייך ווי עס וואלט געווען א שרעקליך געהיימניש. הענריק טייערער, פלעג איך מיך ביי איהם בעטען, הער מיר אויף צו זאגען גוט מארגען אין אויער אריין און הער אויף מיך ארונטערצורופען אין קעלער אריין, כדי מיר צו זאגען, אז ס'איז שוין עלף דער זייגער און אז די קאווע שמעקט דיר זעהר גוט! אבער דער אלטער האט מיך נישט געהערט. ער איז אריין אלץ טיעפער און טיעפער אין דער סודות־אינדוסטריע לימיטעד — פונקט ווי נאר סודות אליין וואלטען געווען סודות!

דאס גאנצע שטיק, איז זעהר עהנליך צו דער מא־

דאָס נאַזימאַווא אין דריטען אקט, ווען זי ציהט אַלע די זיידענע קימאַנאָ און ציהט זי ארויף ביז צום האַלז — ביז צו דער נאָז, און נאָר זי ציהט און ציהט די אָרימע קימאָנאָ — כאָטש מ׳זעהט אַזוי אויך גאָר נישט ארויס, און כאָטש ווען מ׳זאָל אפילו ארויסזעהן וואָס־נישט־איז, וואָלט מען אפשר געזעהען אז ס׳איז גאָרנישטאָ עפּעס אויסערגעוועהנליכס ארויסצוזעהען. אזוי טוט אויך מיין יוגענדפריינד איבסען: ער ציהט און ציהט אויף זיך דאָס דראמאטישע קלייד און דעקט זיך צו, און וויקעלט זיך איין, און פארקנעפּעלט זיך און ער ציהט און ציהט די גייסטיגע קימאָנאָ ביז צו די באקענבערד ארויף, ביז צום היטעל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

סעקונדאנטען! דער דועל איז צו ענד. איהר קאָנט שוין געהן אהיים. לאָזט וויסען מיין שוועגערין פון הארלעם אז איך ליג טויט און פארוואונדעט אויפ׳ן שלאכט־פעלד, און זעהט אז מיינע פּערזענליכע קינדער זאָלען זיין פארזאָרגט מיט אלדעסגוטס, און 35 פּראָצענט פון די פּראָפיטען פון מיין לויה זאָלען געהן פאר מיין אינדישער געליעבטער פּרינצעסין נע־קאָ־מע.

דער גייסט פון שטאָדט

אוטאָר: אָסיפּ דימאָוו.
הויפּטשפּיעלער: ס. גאָלדענבורג.
טעאַטער: טהאָמאַשעפסקי'ס.

ע מ י ג ר א נ ט: קיינמאל וועל איך עסען מעני־שענפלייש און טרינקען מענשענבלוט.

ג י י ס ט: עס קומט די שעה און דיינע האָר וועלען ווערען גרוי און דיינע קינדער וועלען אריין אין לעבען, דעמאָלט וועלן מיר זיך טרעפען און דעמאָלט וועלען מיר צוזאמען מאכען דעם לעצטען חשבון. דו וועסט מיך נישט דערקענען, אָבער מיר וועלען זיך נאָך טרעפען. (פארשווינדט.)

און כך הוא. אזוי איז געווען. דער פּראָלאָג האָט נישט אָפּגענארט. טאקע עפּעס ווי דאָס הארץ וואָלט איהם געווען געזאָגט, דעם פּראָלאָג, אז סע וועט זיך אזוי אויסלאָזען. דעם עמיגראנט טאָמאשעפסקי'ס קינ־דער וואקסען אוים אין געשטאַלט פון פריילייז גערסטאן, בן־עמי און מאדאם לאקסער. אלע זעהר וואוילע, טעא־טערשפּיעלענדע קינדער. און דידאָזיגע קינדער הויבען אָן אריינצוגעהן אין לעבען שוין באלד אין ערשטען אקט. בערטא גערסטאָן געהט אריין אין לעבען דורך דער פּאָ־דערשטער טיר רעכטס און מיט א גרינג געמיט, און מיט חנ'עוודיגע לאָקען. בן־עמי געהט אריין אין דעמזעלבען לעבען מיט גרויס פארטיפּטקייט און סטודענטישקייט. די מאדאם לאקסער טרעט אריין אין דעם געמליכען לע־

בען מיט גוטער אויפפיהרונג און מיט סימפאטיע. און די איבריגע שוישפיעלער פון טאַמאשעפסקי'ס נאציאָנאַלען געשאַנעל טעאטער, טרעטען גלאַט־אזוי אריין אין לעבען, דורך פארשידענע טירען און תירוצים. ראָזענשטיין איז, למשל, א חתן פאר פריילין־מאדאם לאַקסער. רובין איז דער אלגעמיינער פעטער פון דעם מענשענ'ס לעבען און א גרויסער שלעמיעל. מאדאם עפשטיין איז דעם לעבענ'ס אן אייגענע ווייב. גאָלדענבורג איז דער גייסט אליין, און לאָז מען, אדרבא, פרובען און איהם נישט ארייגלאָזען אין לעבען אריין, וועט זיך טון חושך!

הכלל: ערשטער אקט. ה א מ ע ב דער שטאַט־גייסט האמערט זעהר גאָלדענבורגיש. זעהר שפיציג. זעהר קונציג. ער ערשיינט אין דער געשטאלט פון א בלאסער אידעע. שווארץ אָנגעטון. פיינער גרים. זעל־טענער פארוק. און ער רעדט נישט מיט קיין ווערטער נאָר מיט דיקציע. טאַמאשעפסקי איז שוין פריהער אריינגעקומען, אָנגעטון ווי א קעניג פון סעקאָנד עווענץ, און כאפט זיך ביים קאָפּ. באלד געפינען מיר אויס, מיט דער הילף פון א קאפיטשקע מוזיק, אז טאַמאשעפסקי'ס שותף־אין־געשעפט האט זיך איבערגעשניטען דעם האלז, ווייל דאס געשעפט איז בעגאנגען שלעכט און ער (דער שותף) האט שפעקולירט (ווי דאס פּראָגראם־ביכעל זאָגט) הינטער זיין רוקען, און איהם, טאַמאשעפסקי'ן, איז פון גאנצען פארמעגען געבליבען גישט מעהר ווי אקציעס אין דער „וועסט אמעריקאן קאָמפּאני“ מינען, וועלכע זענען איצט גאָרנישט ווערט. לייכטער דרינזשע פון קעסעלפויק. דער גייסט ערשיינט מיט דיקציע און זאָגט טאַמאשעפסקי'ן ער זאָל נישט פארקויפען די אקציעס, ווייל זיי וועלען זיך באלד שטארק אויפהויבען צוזאמען מיט פארהאנג 2.

אין צווייטען אקט זעהען מיר ווידער דעם גאָלד־בורגישען שטאַט־גייסט ביין זיין ארבייט. און ער אר־בייט געביך זעהר שווער דער שטאַט־גייסט! שווערער

פון איהם ארבייט אפילו נישט די קעסעלפויק פון דער אידישער טעאטער־קאפעליע, אדער די נאז־פאטשיילע פון א אידישער פרימאדאנא.

קורץ און גוט, אדער לאנג און שלעכט, עס געלינגט איהם איבערצוקערען דאס ל ע ב ע ן מיט די פיס ארויף. ער, דער וואוילריידעוודיגער שטאטגייסט, שמועסט איין דער אלטמאדישער מאדאם עפשטיין זי זאל אוועק־ווארפען ס׳טייטש־חומש און זיך נעמען צו עפעס אנ־דערש. ער רעדט איין דער נאאיווער גערסטאן מיט די שענע, גאט־געבענשטע לאקען, זי זאל זיך פאר־ליעבען אין איהר שוועסטער׳ס חתן, ראזענשטיין. ער ב א ו ו ע ג ט בן־עמי׳ן ער זאל אונטערשרייבען זיין פאטער׳ס טשעקס. ער באווייזט ראזענשטיינ׳ען, אז זיין כ ל ה, די מאדאם לאקסער, איז שוין אן עלטערער מענש און אז בערטא גערסטאן איז ברונעטער פון איהר. ער רעדט איין דער לאקסער זי זאל נעמען פראשקעס צו בא־רוהיגען די נערווען. ער איבערצייגט טאמאשעפסקי׳ן, וועלכער איז שוין איצט א מיליאנער, אז ער דארף זיך נישט ערגערען צוליעב דעם וואס זיין גליק איז די אר־בייטער׳ס אומגליק. און באלד הויבט אן צו רעגענען מיט פרוכט פון דעם שטאטגייסט׳ס ארבייט. לאה־לאק־כער פארגיפטעט זיך מיט דעם געוויסען פראשעק; איהר פאטער שטיינמאן־טאמאשעפסקי דערהאלט א טעלע־גראמע, אז די אקציעס פאלען. בן־אמי מאכט אריגינעלע חובות, נאכמאכענדיג די אונטערשריפט פון זיין פאטער. די מיסעס שטיינמאן־עפשטיין גיט איבער איהר לעצט ביסעל זילבערווארג צום שטאטגייסט. ער זאל פאר איהר באצאהלען די קארטען־חובות. בערטא גערסטאן איז פארפיהרט און אומגליקליך מיט אלע כחות. שטיינמאן אליין שניידט זיך איבער דעם זינגערישען האלז מיט א בריטווע און עס ערשיינט דער גייסט פון פראלאג, רעדט מיט א הארטען ר י ש און ס׳איז געענדיגט.

פון דעם אלעמען, וואס מיר האבען דא איבערגע־

געבען איז צו זעהן צוויי זאכען: 1) אז מען קען יעדע פיעסע אזוי איבערדערצעהלען, אז זי זאָל קלינגען ווילד און משוגה און 2) אז די פיעסע איז נאָך אלעמען גייער און בעסער, דראמאטישער און אידעע׳אישער פון פיעלע אנדערע שטיקער. עס איז דאָ געדאנקליכקייט. עס איז אן אינטערעסאנטער שפיעל פון דרויסענדיגקייטען און צופאלען, באלויכטען דורך דעם רויטען לאמטערן פון אן אידעע. עס איז א שטיק וואס ווען מ׳זאָל עס שטעלען אביסעל ערגער און שפיעלען א סך שוואכער ווי מען שפיעלט עס, וואלט עס געקאָנט האָבען א גרויסען ערפאָלג אפילו ביי אונזער אידישען עולם, וועלכער איז עולם׳דיגער פון אלע עולם׳ס, ווייסט גאָט!

* * *

טאַמאַשעפּסקי האָט זיך גאַנץ גוט אויפגעפיהרט אויף דער ביהנע. זיין שלאַף־ראָק איז, ווי תמיד, פון פיינעם מאטעריאל און זיין האלטונג איז א קיניגליכע, שוין אביסעל צו קעניגליך פאר א פּראָסטען אידען וואס הייסט שטיינמאַן און טראָגט א שלאָפראָק. גאָלדענבורג איז געווען זעהר גוט, זעהר אינטערפּראטיוו, זעהר פארטייטשענד. דורך די שולטער־בלעטער פון זיין כאראקטער האָט דייטליך ארויסגעשטעקט די אידעע, דער סימבאָל. דאָס איז נישט געווען קיין טייפעל, נאָר דאָס טייוולישע; און געארבייט האָט ער ווי א בייזער געדאנק, ווי דער געדאנק פון זינד, אזוי פלינק, אזוי בוייגיג, אזוי גראציעז, אזוי קונציג, אזוי פלייסיג, מיט אזוינע חידוש׳ליכע גענג, מיט אזוינע וואונדערליכע טענער. נאָר איין חסרון: ער האָט אביסעל אריבערגעשפּיעלט, זיך אביסעל אריבערגעפלייסט. ער איז אין געוויסע מאָמענטען געווען אזוי אומגעהויער טעכנישקלוג, אז ס׳איז אזש ארויסגעקומען נארישליך. ער איז געווען אזוי קונציג־פלינק, אז מ׳האָט אזש דייט־

ליך געקענט אנווייזען מיט'ן פינגער, ווי אזוי ער מאכט דאס. דער אלטער כלל: דער ווייטסטער ברעג פון מזרח איז מעריב.

זעהר גוט איז געווען רובין אלס דער שלים־מזל־דיגער פעטער מאטיע וואס אלע מיטוואך זאאיקעט ער זיך אביסעל און אלע מאנטאג רעדט ער שלעכט ענגליש. דידאזיגע קאריקאטור־צייכנונג איז פון רובינ'ען ארומגענומען געווארען מיט אזא ברייטען ראמען פון ערנסטער פארשטענדניש, כמעט פון טראגיק, אז דאס אויג האט אויף דעם בילד נישט געקוקט, נאר אויף דעם ראמען.

בן־עמי איז געווען זעהר נאטירליך (ער איז בטבע א בלאסער!) אין דער ראלע פון סטודענט. גוט איז ער נאר געווען אין דעם מאמענט ווען ער טאפט זיך ארום און מאכט אנאטאמישע שטודיען אויף זיך אליין. מאדאם לאקסער איז געווען צופרידענשטעלענד. גאט ווייסט, אז איך שטעל זיך צופרידען מיט זעהר ווענינ!

טיהר נומער 3

אוטאָר: לעאָן קאָברין.
טעאַטער: קעסלער'ס.

קאָברינ'ס „ט י ה ר נ ו מ ע ר 3" איז א זעהר הילצערנע זאך. שטעקט אפשר א סימבאָל אין דעם נאָמען „טיהר"? ווער ווייסט? איך ווייס נאָר, אז דאָס שטיק איז טרוקען ווי א ט י ה ר און פונקט אזוי פ י - ק א נ ט. אז די שפראך איז מאהאָגעני. די סצענען זייען עצי נומר — פימסענהאָלץ. די דראמאטישע האנדלונג איז שלאָפצימער־מעבעל (איבערהויפט „מ ע י ב ע ל"!) און די מענשען אליין זענען פריש־אפגעפארבטע הילצער־נע גולם'ס, וועלכע דער פארפאסער, אָדער דער פארפאר־בער, האָט ארויסגעשטעלט צום טרוקענען קעגען דער רויטליכער זון פון זיין פאנטאזיע.

„ טיהר נומער דריי„ דערמאנט זעהר שטארק אָן ניקאָליי ניקאָלייעוויטש: זי איז זעהר הויך און זעהר פלאך. און זי האָט א מאסע פרעטענזיען. זי איז מעהר פיזיאָלאָגיע ווי געדאנק. מעהר פוס ווי קאָפּ. זי געהט שנעלער ווי זי דענקט. אין מאנכע מאָמענטען — איבערהויפט אין פערטען אקט — לויפט זי מיט דיזעלבע ריזענשריט ווי ניקאָליי ניקאָלייעוויטש איז געלאָפען פון די שלאכטפעלדער און מען קען זיך נישט כאפען!

„טיהר נומער 3" איז אויך זעהר א קוריאָזע פיעסע פון דעם שטאנדפונקט פון איבערגאנגען. זי געהט נישט איבער פון איין סצענע צו דער צווייטער — נור זי

שפרינגט. זי פאהרט אויף אן עלעוויטער. זי געהט פונ'ם ערשטען שטאָק דירעקט אויפ'ן זעקסטען און — פאר־קעהרט. זי איז א קונציגע פיעסע, אין אקראָבאטישען זין פון ווארט. אין איין מינוט פארשלינגט זי אפשר עלף מייל דראמא, פערצעהן מייל טראגעדיע, — א חוץ וואס זי ציהט גלאט אזוי, פאַעטישע סטענגעס פון נאָז, שלעפט סענטימענט־פראַזען פון ארבעל, און האָט בכלל זעהר א פלינקען פערטען אקט — מיט'ן אויג נישט צו כאפען, וואָס דאָרטען טוט זיך!

דער ערשטער אקט געהט זעהר פאמעליכען; א מייל אן אייביגקייט. עס איז נישט קיין ערשטער אקט, נור א פ ע ר ט ע ר — אזוי איבריג איז ער! עס איז דער לאנג־וויליגסטער ערשטער אקט וואָס מיר האָבען ווען־עס־איז געזעהען. די האנדלונג ש ל ו מ ע ר ט איין אויף איהר אייגענעם אקסעל. עס איז א צייטונגס־אויסשניט מיט דעם שטיקעל נייעס, אז אן עהרליכער איד, נאטאנזאָן, און אן עהרליכע מאמע, נאדאָלסקי, און אן עהרליכער ברודער, היימאן, האָבען א ברודער־קעסלער וואָס איז א יאנקעל־בוילע אין א שוואכער אמעריקאנער איבערזעצונג.

דער צווייטער אקט הויבט שוין אָן געהן אביסעל שנעלער. עס הייזעלט זיך. עפנונגס־סצענע: די מאדאם פון הויז שטעהט לעבען א יאָהרצייט ליכט און — ליריזירט. זי איז א פרומע געטספורכטיגע פרוי מיט א פארוק און דאָך האָט זי א הייזעל. פאר וואס דוקא זי? פארוואס דוקא' אן אלטמאָדישע פרוי מיט א פארוק? איז דער ענטפער, אָ, די אידישליכקייט! און אָ, די ראדיקאל־שטשינע פון די יאָהרען 1901-1905! און נישט נור זי אליין איז אזוי קאריקאטורנע געטלעסטערענדיג, נור אויך דער באנדיט „דעיגא", וועלכער דארצעהלט אז ער האָט געשלאָגען א אידען, דערפאר וואס יענער האָט גע־געסען אום יום כפור. וואס־פאר־א קאָמפּלימענט צו דער גרופע „ברויט־און־פוטער"! וואָס פאר א שמיר איבער די ליפען מיט ראדיקאלען חזיר־פעטס דעם גאנצען פריוהייטס

קעמפערטום פון ליבערטי פארק! און דאס הייזעל אליין!
קען פריינד קאברין ווירקליך א הייזעל, וואו מען הערט
אזוי וועניג שמוציגע רייד? ווייסט ער פון א בארדעל
וואו עס קומען פאר אזוינע אונאינטערעסאנטע און
העכסט-באשרייבליכע זאכען, ווי אין זיין
צווייטען און דריטען אקט? האט עמיצער פון אונזערע
קאלעגען ווען עס איז געזעהן אן ארגיע וואס איז אזוי
פארשלאפען, ווי די סצענע ווען די מיידלאך שיכור'ען
זיך אן און זינגען יאקאהולא? ווייסט עמיצער פון אזא כשר
בהמה'לע און נאאיווע אידיאטקע ווי ראזע די גרינע
בארדערקע, וואס וואוינט „נעקסט דאאר" און פארליעבט
זיך אין דעם פרעמיער-קאדעט מיט'ן גאנצען פייער פון
איהר יונגער זעעלע, נישט האבענדיג דעם מינדעסטען
שאטען פון א חשד אז ער איז א קאדעט? און אפילו
דאמאלט ווען די ביז-צום-ביין-אויסגעטוענע כאריסטקעס
פון קעסלער'ס טעאטער קומען ארויף אויף דער סצענע
אלס מחותנת'טעס, און דער אבשייליכער דעיגא איז אב-
וועזענד צוזאמען מיט זיין שרעקליך-מערדערישען פנים,
אפילו דאמאלט ווייסט נישט די פרעכטיגע ראזע פאן
לעאנקאברין, אז דא איז א הייזעל און אז איזי איז אוי-
סען זי צו פארפיהרען.

מערקט אייך: מיר, טעאטער-געהענדע חכמים-ונבונים, מיר ארקעסטער-און-באלקאני פילאזאפען, דער-קענען גלייך אן איזי'ס ערשטען אויפטריט, אז ער איז א גארגעלשניידער. זיין נאאיווע מאמע, מיט דעם ליגענזאגענדיגען „מוטער-הערץ", איז חושד אז ער געהט אויף קרומע וועגען, נור די ראזע פאן לעאנקאברין איז נעביך אזא פינסטער בהמה'לע, אז זי ווייסט פון גאר נישט. אין דעם מאמענט, ווען זי נעמט ארום דעם חתן, דעם שכן פון „טיהר נומער דריי" און קושט איהם און ווינשט אז אלע אידישע מיידלאך זאלען כאפען אזא גליק ווי זי האט געכאפט, דאמאלס מאכען „מיר" אלע אין טעאטער „בו-הו". ווארום? ווייל מיר זיינען קלוג און מיר ווייסען,

אז זי, די וואונדערבארע ראָזע פון לעאָנקאָברין, געהט געביך אין פייער אריין... אָבער זי — זי ווייסט גאר־נישט־נישט, ניעטשעוואָ, נאטהינג, ניקס!

איך האָב שוין אמאָל געזאָגט, אהן אייער ערלויבניש, ליעבע לעזער, אז קאָברין שרייבט נישט קיין ליטעראטור דורך וועלכע מען ווערט, מיט דער צייט, אונשטערבליך. אנשטאט דעם שרייבט ער ד י ר ע ק ט שטיקער אונ־שטערבליכקייט, ווארפט ער ארויף אויף דעם מאָגערען סקעלעט פון א לייטארטיקעל־אידעע פעטע שטיקער אונ־שטערבליכקייטס־פלייש, קומט דערפון ארויס א דראמא־טיש באשעפעניש מיט א גרויסען וואסערבויך און מיט א רומאטישער נשמה, ווערט דערפון א וואלקענברוך פון קונסט, א פארשווימונג פון ליטעראטור־און־דראמא.

„טיהר נומער דריי" איז נישט קיין שלעכטע פיעסע. ווען זי זאָל זיין שלעכט וואלט נישט געווען שלעכט. א ליטעראט ווי קאָברין האָט דאָס רעכט צו זיין טאלאנט־לאָז, פון צייט־צו־צייט, פונקט ווי ער, אלס מענש פון גוטער ליטעראַרישער ערציהונג, האָט א רעכט צו זיין זשעניאל אזוי אפט ווי ער וויל. דאָס שטיק איז אָבער טעאטראליש ג ו ט און — דאָס איז שלעכט. דאָס שטיק איז, אזוי צו זאָגען, א פעדעראציע פון אלע אידישע טעאטער־סוקסעסען. עס איז „גאָט פון נקמה" אויף אזוי־פיעל, וויפיעל א נאכט אהן א לבנה איז א לבנה־נאכט, אָדער ווי דער נאָמען ביסמארק אָהן דעם „בי" איז א קאָמפלימענט.

פארוואָהר, פריינד קאָברין: איך האָב צו אייך גאר נישט דערפאר, וואָס איהר ווילט שטעלען א הייזעל אויף דער ביהנע. ווייל וואס קען זיין פראָבלעמאטישער ווי א הייזעל? וואָס קען זיין דראמאטישער ווי דאָס רויטע לאמטערנדעל? אָבער — ווען שוין יא א הייזעל, מאכט עס אינטערעסאנט, לעבעדיג, רעאליסטיש, אונשפיעלבאר און — לאָזט עס ליגען אין שיפלאד פון אייער שרייבטיש. פאר חברים וועט איהר עס קענען פאר־

לעזען, זיי וועלען הנאה האָבען און אָפּשעצען אייער גרויסען טאַלענט. אָבער צו געבען אַן ע נ ט ה י י ז ע ל ט הייזעל, צו וועלכען דעם צוקוקער'ס געדאַנק מוז זיך אָנשטרענגען, כדי צו ווערען אונדרוקבאר — דאָס איז נישט אנשטענדיג, נישט מענשליך, נישט קינסטלעריש — בפרט ווען איהר זענט אזוי ווייניג ראָמאַנטיקער, צו קענען דיכטען א באָרדעל שיר־השירים, צו פארוואנדלען דעם פיזיאָלאָגישען מיסטבארג אין א בארג פון צאַנקענדיגע פאקלען און אויסגעהענגטע לעבענס.

דער סוף פון שטיק: „ער" האָט חתונה. אָבער דער „אונטערפיהרער", דעיגאָ, רואינירט זי דערווייל מיט אלע מיאוס'ע איינצעלהייטען פון א קליגישען פראָטאָקאָל. „מיר" הערען איהר קרעכצען הינטער די קוליסען. „ער" טעלעפאָנירט צום פאָטער, אז ער וויל תשובה טון, אָבער יענער „שניידט איהם אָפּ" פון טעלעפאָן. ער רופט די מוטער. ס'מוטער־הארץ ערוואַכט. ער האלט א לאַנגען מאָנאָלאָג צום טעלעפאָן און דאָס טעלעפאָנדעל ענטפערט. ער מעלדעט דער פּאָליציי, אז ביי זיי איז אַן אונאַנשטענדיג הויז. עס קומט די פאָליציי. ער שיסט דעיגאָ'ן. ער שיסט זיך. מ'ברענגט אריין— אויף א טראָגבעטעל (באמערקונג פון משה נאדיר: עקעלהאפט!) — דעם רואינירטען קליניק, פריילין ראָזע, און — דער מוסר השכל דערפון איז: וואוינט נישט אין טענעמענט הייזער, איהר באזוכער פון קעסלער'ס טעאטער! וואוינט אין גאָלדענע פאלאצען פון מירמעלשטיין! וואוינט אונטער די קאַפּעליושען! וואוינט וואו איהר ווילט, נור נישט אין טענעמענט הייזער, ווייל — אך, און אהא, און אזוי־און־אזוי! און דאָס איז זעהר א טיעפע אידעע.

פון די שפּיעלער האָט זיך אויסגעצייכענט הערר ד. קעסלער אין דער ראָלע פון יאַנקעלבוילע. ערשט א י צ ט האָט ער זיך גענומען שפּיעלען יאַנקעלבוילע. ערשט היינטיגע וואָך האָט ער גענומען פארשטעהן דאָס פּיגי־

סימאָ פון בוילע'ס לירישען טראַגיזם. וואָס שייך זיין איצטיגע ראָלע פון „איזי די בעיבי” וועט ער זי וואהר־שיינליך אָנהויבען צו שפּיעלען ערשט מיט א צוויי־דריי פּיעסען שפּעטער!

דער אידישער גלויבען

אוטאָר: העגרי נאַטאַנסאָן.
איבערזעצער: מאַרק שווייד.
טעאַטער: קעסלער'ס.

...טון גוטע געשעפטען אויף דער בערזע און פיהרען א שעהן הויז. דער אלטער העדר לעווין האַט האַלד צוויי זאכען: דאַס אידישע גלויבען און גוטע, שבת'דיגע לאַקשען. מילא לאַקשען באקומט ער. גלייך אין ערשטען אקט. אָבער דאַס גוטע ביסעל גלויבען — הע! וואו וועט ער נעמען?

די ליידענשאפטען פון דעמנעמליכען לעווין זענען אויך אקוראַט געגוי צוויי אין צאָהל. ער האַט ליידענשאפטליך ליעב אויסצולעשען ס'ליכט פונ'ם גראַנדיעזען, צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט. ביי יעדער געלעגענהייט לעשט ער אויס ס'ליכט, אפילו פרייטאָג־צונאכטס נאָכ'ן קידוש. און ער האַט ליידענשאפטליך פיינט דעם באַנקיער הערמינג, וועלכער איז אי א שטיקעל אנטיסעמיט, אי א ל א נ ד ס מ א ן. שרעקליך!

ביי לעווינ'ען אין שטוב, איז אלצדינג פיין, באַלעבאטיש, נחת'דיג. איין זוהן איז א פאַרהייראַטער מאַן. דער צווייטער זוהן איז א דאָקטאָר. די טאָכטער איז אינטעליגענט און געהט צו פאַרלעזונגען אין אוניווערזיטעט. אלע קינדער גיבען אָפּ כבוד דעם טאַטען. און דער טאַטע נעמט ס'זעלבע ביסעל כבוד און גיט עס צוריק די קינדער. בקיצור, אלצדינג וואָלט געווען

וואויל, פיין. נאָר די טאָכטער „ספּאָילט" די „ביזנעס".
פאר איהר איז נישט גענוג ל י כ ט. זי וויל מעהר
ליכט און מעהר ליעבע. זי זאָגט: ביי אונז איז אלצ־
דינג אזוי פארגליווערט ווי אויפ'ן טויטען ים. דער
דאָקטאָר פּריווט אָפּדינגען אביסעל פון דעם פארגלייך
מיט'ן טויטען ים און די שוועסטער צעוויינט זיך. עס
ווייזט זיך ארויס, אז זי איז פארליעבט אין דעם דר.
הערמינג, א זוהן פון באנקיר הערמינג. דער אלטער
ברענט, זידט, שוימט, באקומט היסטעריקע, און ענדליך
בויגט ער זיך אביסעל. אָבער ווען סע קומט צו פאר־
האנדלונגען מיט'ן באנקיר וועגען דער רעליגיע פון זיין
טאָכטער'ס נאָך־ווייט־נישט־געבוירענע קינדער, מישט
זיך אריין ד ע ר א י ד י ש ע ר ג ל ו י ב ע ן און
סע ווערט צו־נישט. אָבער דער יונגער הערמינג, וועל־
כער איז מסתמא א לעזער פון יאנאָווסקי'ס בריפקא־
סטען, בארעכענט זיך, אז ס'איז פאראן א מיטעל: ד י
ק י נ ד ע ר ו ו ע ל ע ן ז י י ן נ י ש ט ק י י ן
ק ר י ס ט ע ן א ו ן נ י ש ט ק י י ן א י ד ע ן,
נ אָ ר מ ע נ ש ע ן. ער קומט צו זיין אסתר'ן, וועל־
כע איז שוין אין לעצטען אקט צוריק אין דער היים, און
דער אידישער גלויבען איז געראטעוועט, צו דער גרויסער
פרייד פון אלע קאָסטימער.

דער אידישער גלויבען איז א געלונגענע פעדער־
צייכנונג אָהן פ אַ ר ב. דער אויטאר, הערר נאטאנסען,
קען זעהר גוט די אנאטאָמיע פון דעם באשעפעניש וואָס
הייסט דראמא. ער ווייסט וואו יעדער נערוו געפינט
זיך, און זיין פ ו נ ק צ י ע. אָבער מישען פארבען
קען ער נ י ש ט. ער איז א זעלטענער צייכנער, אָבער
נישט קיין מ א ל ע ר. דער אידישער גלויבען איז
פונ'ם לעבן ארויסגעריסען אין איינעם מיט די וואָרצלען.
אין איינעם מיט דער ערד אויף וועלכער ער וואקסט.
דאָס איז א גרויסע ארבייט, א שווערע ארבייט, אן אר־

בייט, וואָס פאַרערט טאַלענט און פאַך־קענטעניש, אָבער צו וואָס אַריבערטראָגען אַ שטיק ערד פון באָסטאָן קיין ווילנא? צו וואָס נעמען אַ שטיק לעבען פונ׳ם ל ע ב ע ן, און עס אַרויפטרייבען אויף דער ביהנע, אין זיין גאַנצער, גענויער, פיינליכער פּינקטליכקייט? דער אידישער גלויבען איז אַ פּיעסע, וואָס זיצט אין דער היים, און מ׳ברענגט איהר אין שטוב אַריין פון אַלדעסגוטס. אַז זי שטעהט אויף אין דער פריה, טרעפט זי שוין ביי דער שוועל דאָס גוטע ביסעל באָאַבאַכטונג, דאָס פיינע ביסעל געדאַנקען, דאָס רייכע ביסעל נישט־דערזאָגטקייט. פון אַלע טירען און טויערען ציהט מען זיך צו דעם פּונקט וואו די דראַמאַ שטעהט אויף איין פוס, און לאַנגוויילט זיך אויף אַ זעהר אינטערעסאַנטען אופן. יעדעס מאָל וואָס אַ מענש קומט אַריין, ברענגט ער מיט זיך עפּעס פאַר דער דראַמאַטישער געביידע, אַ ציגעל, אַ שויב, אַ שינדעל, אַביסעל ליים. אמת, דער אַרכיטעקט נאַטאַנ־סען איז אַ מענש מיט פיינע מאַנירען, ער שרייט נישט אויף די אַרבייטער, ער טומעלט זיך נישט, די הענט זע־נען ביי איהם נישט פאַרשמירט מיט קאַלך. אָבער איהר זעהט, הערט און פיהלט, אַז ער בויט. און איהר ווייסט דיאָס מיאָ! אַז מעהר ווי מיט אַ דאַך קען זיך דאָס נישט ענדיגען. העכסטענס מיט אַ פעהנדיל א ו י ף ׳ ן דאַך.

„דער אידישער גלויבען“ איז, אין בעסטען פאַל, זעהר ס ק ו ל פּ ט אָ ר ע ס ק, אָבער נישט פּיקטורעסק, נישט פאַרביג. זיינע מעלות זענען די מעלות פון אַ קינסטלע־רישען שטיינבילד, וועגען וועלכען מיקעל אַנזשעלאָ זאָגט, אַז מען מוז עס קענען אַראָפּוואַרפען פון אַ באַרג און עס זאָל זיך נישט צעברעכען. די דיאַלאָגען פון „דער אידישער גלויבען“ זענען געשניצט מיט אַ קליין פעדערמעסערל. אַזוי פיעל ליעבליכע אָרנאַמענטען, שענע הויזליכקייטען, אָבער אַלצדינג איז אַזוי גרוי, נישט וואַרים. — אפילו דער אָפּגלאַנץ פונ׳ם קאַמין־פייער. עס

איז א וועזען, וואָס געהט מיט קליינע, ווייבליכע שריט, און סע האנדעלט אזוי שטיל, אזוי מאנירליך, און סע שפּריצט אויף זיך פּארפום, און סע רעדט נישט קיין איבריגע רייד. עס איז א פּיעסע, וואָס זאָגט נישט קיין ליגען, געהט זויבער אָנגעטון, האָט א שעהן געזיכטעל, אָבער זי אינטערעסירט אייך נישט.

דאָס ערקלערט אביסעל פּארוואס דער עולם איז נישט זעהר פּ א ר ב א פּ ט פון דעמדראָזיגען שטיק, פּאר־וואָס עס נעמט איהם נישט מיט. ער באגלייט די פּיעסע בלויז ביז צו דער סטאנציע. אָפּפיהרען זי אהיים און שטעהן מיט איהר אין „האָל", אין דער פינסטער, וויל ער נישט, ווייל זי איז צו נ אָ ב ע ל. אין דער קעמ־לער'שער אויפפיהרונג האָט דאָס שטיק א סך געליטען דערפון וואָס מ'האָט עס „געטויפט" מיט שמירה־וואסער, און ניט מגיר געוועזן לויט'ן אידישען דין פון מילה. מארק שווייד, דער איבערזעצער, האָט דארויף געשפּריצט אביסעל טויף־וואסער, און ס'איז ארויס אזוי גוי'עש ווי פריהער, נאָר מיט א זיידענער יארמולקע. דער ריטואל פון קינסטלערשער ב א ש נ י י ד ו נ ג האָט געפּאָ־דערט, אז מ'זאָל דאָס שטיק מאכען א י ד י ש פאר דעם אידישען טעאטערגעהער. ווען דער פּשוט'ער מענש זעהט, אז דער געוויסער איד לעשט אוים שבת די ליכט און איז נישט זעהר שטארק דאנעגען, אז זיין טאָכטער זאָל חתונה האָבען מיט אן אָנשטענדיגען קאטאָליק, קען ער נישט פארשטעהן פּארוואָס אזא מענש זאָל זיך איינ־שפּארען און בשום אופן נישט וועלען, אז זיינע אייניק־לעך זאָלען זיין קריסטען.

די פּיעסע איז אויך פול מיט אזוינע דייטשיזמען ווי מיט־גיפט (חתן־מתנות, אָדער כלה־מתנות) און „פאנגען מיר אָן צו מאכען קידוש", אָדער „שפּעסע" (וויצען). אָבער ס'איז נישט מעגליך צו גלויבען, אז דארין איז שולדיג מארק שווייד. גיכער איז צו גלויבען, אז די שווי־

שפיעלער האָבען אליין געפונען פאר נויטיג צו פאר־ דייטשען דאָס שטיק, אוים גרוים דרך־ארץ צום ווערק.

קעסלער איז געווען אן אויסגעצייכענטער אדאָלף לעווין, פּאָטערליך, קאַפּריזנע, פּאַטעטיש. עס איז שוין א לאנגע צייט, זינט קעסלער האָט געשאַפען אזא לעבע־דיגען מענש, אפילו רפאל פרידלענדער קען זיך נישט פארגלייכען דערצו. מאָרים שווארץ איז געווען פיין, סטיליזירט, אידישליך־אריסטאָקראטיש און זיין שוויי־גען האָט אזוי פיעל ג ע ר ע ד ט! בירנבוים האָט גע־שאַפען א גוטע אילוזיע פון דעם סענטימענטאלען קריסטליכען יונגענמאן, וואָס הויבט זיך אריבער איבער זיינע אידישע חברים מיט זיינע גוטע מאנירען, פיינעם טאָן, און אפילו צום סוף, ווען דער אויטאָר מאכט איהם פאר א ראדיקאלען פראזענשלייפער, אפילו דאָרט בלייבט ער אלץ עלעגאנט, פּראָפעסאָריש, פיין. היימאן איז געווען זעהר גוט אין דער צילינדערהוט סצענע, וואו ער האָט זיך געהאלטען אזוי אונטערטעניג, פארשעמט. אין די איבריגע סצענען איז ער געווען צו נויאָרקעריש. מאדאם ווילענסקי איז געווען א זעהר געלונגענע שרה, מיט דער אויסנאם פון עטליכע מאָמענטען אין צווייטען אקט, ווען זי האָט אָנגעשלאָגען א דעקלאמאטאָרישען טאָן. נאטאנזאָן איז געווען אביסעל צו טעאטער׳דיג אלס דער באנקיר הערמינג. מאדאם שנייער איז געווען אן אויסערגעוועהנליך גוטע מאדאם הערמינג, קראנק, צע־שטערט, נערוועז, פּינקטליך, אָפּגעהיט. דער זעהר טאַ־לענטירטער סילי אדלער איז עס היינטיגס מאָל נישט גע־לונגען מיט איהר ראָלע, אלס די אידישע טאָכטער, וואָס דערפיהלט מיט אמאָל, אז דאָס לעבען ה י נ ט ע ר ט ו י ע ר ן איז א ט ו י ט ע ר י ם, און זי רייסט זיך צו זעלבסט־אויסדרוק, צו דערלעזונג. אין סילי אד־לער׳ס אינטערפּרעטאציע איז דאָס מיידעל אביסעל אָנ־געהויבט מיט א מין אינטריגאנטיזם, וואָס דאָס איז זעהר נישט געטריי צום טעקסט. בערנשטיין אלס דער ביר־

גערליכער זוהן האָט געהאט **א י י ן** געלונגענע סצענע, ווען ער ווערט געוואָהר דורכ'ן טעלעפאָן, אז זיין פרוי איז געלעגען געווארען. ווייטער איז ער געווען מעהר בערנשטיין ווי יאקאב לעווין.

אפ־טאון און דאון־טאון

אוטאָר : י. קאָרנבליטה.
סעאַטער : טהאָמאשעפסקי׳ס.

„אז א נארישקייט נעלינגט, איז עס אויך — נישט מעהר ווי א פיעסע“. אזוי האָבען מיר נעטראכט בשעת מיר האָבען נעהאט אויסנעהערט און אויסנעזעהן אלצדינג וואָס עס איז נעווען צו הערען און צו זעהען אין „אפטאון און דאונטאון“. מיר האָבען נעטראכט דעמדראָזיגען נעדאנק, אזוי שטיל ווי מעגליך, כדי די הויכנעשטעלטקייטען פון נעשאָנעל טעאטער זאָלען עס נישט דערהערען. די נעמליכע הערען האָבען אויף אונז נעקוקט מיט הייסע זידעלווערטער און מיט פארניפטעטע קינזשאלען דערפאר וואָס מיר האָבען נעהאט די פרעכהייט זיך „אריינצוגליטשען“ אין זייער טעאטער, אָהן זייער נגעדינער ערלויבניש.

זענען מיר אלזאָ נעזעסען דוקא אויף אונזער פלאץ און געטראכט צו זיך — וואָס מיר האָבען געטראכט: מיר האָבען געטראכט און אויסגעשטראָכען דאָס פון־אונז־נעטראכטע; און נעלינדערט דעם סטיל, און אוועקגעשיקט אונזער שפראך צו א שלייפער, אז ער זאָל זי אויסשלייפען, און מיר האָבען אוועקגעטראָגען אונזער מיינונג צו א סטאָליער, ער זאָל זי א ביסעל אויספאלירען און אָפּשניצען די שארפע ברענען און

אויסהובלען א גלאטקייט פון אויבען, ווייל זי איז צו ר ו י ה! און דאן האבען מיר אונזער רויהע מיינונג אוועקגעטראגען צו א גאלדשמיעד, ער זאל זי אפניסען מיט גאלד פון מליצה און אריינזעצען אין איהר עטליכע עדעלשטיינערדיגע אפאריזמען, און דאן האבען מיר אונזער נעעהרטע מיינונג אוועקגעפיהרט אין א מאניקיור־פארלאר און איהר געלאזט אויספוצען די שארפע נעגעל, און מיר האבען איהר געלאזט אויסקאמען דאס פארוקעל, מיט א שרימפ אין דערמיטען; און מיר האבען זי באשפריצט מיט א וואסערל, און מיר האבען איהר אריינגעלעגט אין דער אויבערשטער ברוסט־קעשענע א פייןוויים טאשענטיכעל, מיט די שפיצען ארוים. מיר האבען איהר געגעבען אין די הענט אריין א שפאציער שטעקעלע, און מיר האבען זי ארויסגעשיקט אויף דער וועלט — א לייטישע, א פארקאמטע, א ציוויליזירטע.

ניין. אונזער מיינונג איז היינטיגסמאל נישט קיין ר ו י ה ע. מיר זענען נישט אויפגערעגט. מיר שמייכלען. זעהט אונזער שמייכעל! באמערקט אונזערע ווייסע ציין! באטראכט ווי רוהיג מיר קוקען אויף אונזער שפיץ־פעדער און ווי מיר באוואונדערען אונזער שעהנע האנטשריפט. אויפרעגען־זיך? גאט מיינער! ווער האט עס אזויפיעל כח? ווער האט עס אזויפיעל אטעם אין זיך צו באשעלטען אלצדינג וואס איז ווערט באשאלטען צו ווערען אין דער פרעסע און אויף דער ביהנע? ווער האט עס אזויפיעל דונערקראפט אין זיין נשמה, צו באדונערען אלצדינג וואס עס איז פויל און פלאך און פ ו י ל ע ר און פ ל א כ ע ר און ז ע ה ר ־ פ ו י ל ע ר און ז ע ה ר ־ פ ל א כ ע ר אין אונזערע קונסט־טעמפלען?

* * *

„אפטאון און דאונטאון" וואלט נישט געווען קיין שלעכטע פיעסע, ווען זי זאל נישט האבען אזא גוטען ערשטען אקט! דער ערשטער אקט שטערט — מיט זיין

נוטקייט. ער שטרייכט אונטער. ער גרילצט אין די אויגען.
ער איז פונקט, א שטייגער, ווי מען זאָל נעמען אַן אַלטען
שלאָפראָק און איינגעהען אין איהם א גאָלדענעם אַר־
בעל. דער ארבעל פאר זיך איז גאנץ פיין. דער שלאָפראָק
אויך, אָבער פוןביידע צוזאמען, זאָלסטו אונז גאָט אָפּ־
היטען!

די מעשה דערפון: אַן אָרימער דאון־טאונער „טהאָ־
מאשעווסקי" (א מין לייזערעליע!) האָט זיך פארליינט
אויף א פאטענט אויסצוגעפינען אזא מין ק אָ מ ב י ־
נ א צ י ע ־ ב ע ט. אלע חוזק'ען פון איהם. אפילו די
קינדער. אָבער ער גלויבט דערין. ער גלויבט אז דאָס וועט
זיין די הימעל־לייטער וואָס וועט איהם אוועקפיהרען
אין די הויכקייטען פון אפטאונער לעבען — צו א לעבען
פון לוקסוס און אפענדיסיטיס. און כך הוה. שלום־ער־
שטען־אַקט קומט אריין עפּעס א מיליאָנערעל און
ערקלערט אז דער „פּעטען מיט די בעטען" איז אָנגענומען
און, אז ער נעמט איהם צו פאר א שותף. אין צווייטען
אקט איז ער שוין א גביר און האָט אַן אייגענעם באלעט
מיט אלטווארג, וואָס טאנצען צו דער מוזיק פון רומ־
שינסקי. עס צעוויקעלט זיך פאר אונז דער אפטאון אין
זיין גאנצער שרעקליכער, טאנצענדיגער זינגענדיגער,
שרייענדיגער, האַפּקענדיגער און יאקאהולאַ'דיגער גע־
שטאלט. עס פּלאצט פון הינטער די קוליסען מיט מייד־
לעך וואָס טראָגען אַ ב ו ו ע ז ע נ ד ע קליידלאך. עס
דונערט די זאַקענווארג און עס בליצען די אונטערקליי־
דער, און עס שטורמען די אינטעלעקטען וואָס וויגען זיך
אהין־און־צוריק. ער צעהיפּאדראָמ'ט זיך! עס קומט
אריין לייזערעליע מיט די פּעטענטס. מיט די טעכטער.
מיט'ן איידעם. מיט'ן ווייב. מיט'ן כאָהר. מיט א שטיק
פון „דער זיעבענטע טאג" — פון דייטשען טהעאטער.
מען ערווארטעט דעם בעראָן פאר דער טאָכטער. עס
קומט דער געוויסער בעראָן (זעדר אַן אָנגעווייטאָגטע
פראגע ביי אידען — די בעראָנען־פראגע!) אלע בויגען

זיך פאר איהם ביז צו דר'ערד. די אלטע לייזערעליעבע רעדט א יונגען אָבער פאַרדאָרבענעם ענגליש. קעסטין איז גלאַט־אזוי אנגוועזענד. מיט א געשטרייפט וועסטיל און מיט א ברוין פראקעל. מען זינגט מען טאנצט, מען וויגט די אינטעלעקטען. עס טאנצען די נאָבעל־לייט פון דער באַריסטען־יוניאָן. עס טאנצען די „גראָסמוטערס" פון דעם אידישען פאָלק. עס הויבען אויף די פיס צום הימעל די עטליכע „אפטאונער" מיידלאך. עס ווערט טאָג־און־נאכט און ו ו י ד ע ר טאָג און ו ו י ד ע ר נאכט. און עס קומט דער באראָן און זיין העכסט דעקאָראטיווער טאטע און ווילען אויסנארען ס'געלט. מישט זיך אריין דער יאפאנעזישער „באָטלער", ג. רובין און שרייט אויסעט: ניין! א. ז. וו. און עס ווייזט זיך ארויס אז? — רובין איז גאָרנישט קיין יאפאנעזער נאָר א ליטוואק. און דער באראָן איז נישט קיין באראָן נאָר — א העלנער. און די וועלט איז נישט קיין וועלט נאָר — פארקעהרט. דער סוף איז אז? — אז אפטאון הויבט אָן בענקען נאָך דאונטאון. מען בענקט נאָך „געפילטע פיש" און דאָס בלוט פון פרישע קנישעס הויבט אָן רופען צ ו ר י ק. מען זינגט א ליעד, אין וועלכען מען לויבט אפטאון און מען בענשט דאונטאון. מען ענדיגט דעם א ו י ס ג ע ' ח ל ו ם ' ט ע ן סטרייק פון די ארבייטער, מען רופט אויס: „מיר זענען אלע ברידער. דאונטאון און אפטאון ווישיסקאָ יעדנאָ אלעם עגאל, אָל דהי סעים", און שלום.

ווי איהר זעהט איז „אפטאון און דאונטאון" זעהר א אידישע קאָמעדיע! וואָרים וועמען איז נישט באקאַנט אז אידען אלס א פאָלק ליידען זעהר שטארק דערפון וואָס מיר האָבען צופיעל באראָנען און בכלל ווייל מען האָט ביי אונז, אין דער אידישער גאס, צופיעל דרך־ארץ פאר אדעל־לייט! און ווער פון אונז איז נישט איבערצייגט פונקט ווי דער מחבר פון „אפטאון און דאונטאון" אז אין די דאונטאונער קנישעס ליגט א טיעפער מאָראַ־

לישער כח, און אז דער אפעטיט צו קנאָבעלבאָרשט, איז שטאַרקער ווי דער פאַרלאַנג צו זיצען אויף אַ טראָהן און נעניצען! און וועמען איז נישט באקאַנט אַז אין אַזעלכע פאַלען, פּאַסירט געוועהנליך, אַז דער העלד ווארפט אַוועק ווייב און קינדער, פאַרלייקענט זיין טאַטע־מאַמע, און איינמאָל — אין אַ קאַלטער שטורעמדיגער ווינטער־נאַכט, ווען ס'איז וואַרים און אויסגעשטערענט, כאַפּט ער אויף זיך אַ פּעקעלע מיט טויזענדערם און לויפט אַוועק ראַונטאַון עסען קנישעס צווישען זיינע אייגענע ברידער?

„אפּטאַון און דאַנטאַון" איז נישט נאָר אַ קאַמעדיע אַן־און־פאַר־זיך, נאָר אַן „אויפשטאַנד" פון אַלע דייטשע און ענגלישע און פראַנצויזישע קאָמעדיען. די פיער אקטען לעבען אַזוי אָפּגעזונדערט איינס פון ס'אַנדערע, אַז ווען זיי באַגעגענען זיך אין גאַס וואָלטען זיי זיך נישט דער־קאָנט — אפילו אין דער ש פּ ר אַ ך! און איין גאָט אין הימעל ווייסט ווער ס'איז שולדיג. דער מחבר קאָרנבליט, אָדער דער ביהנען־מייסטער טהאָמאַשעווסקי, וועלכער האָט די פּיעסע געאידישט? עס איז נישט צום גלויבען, אַז די זעלבע האַנט וואָס האָט געקאָנט אָנשריי־בען אַזאַ פיינעם און לעבעדיגען און רויטבלוטיגען ער־שטען אקט, זאָל קאָנען אַזוי פאַרפּושען דאָס איבריגע.

* * *

הער טהאָמאַשעווסקי איז געווען זעהר גוט אין ער־שטען אקט. ער האָט זיך געהאַלטען ווי אַ לעבעדיגער מענש און איז געווען פיין גרימירט. אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפען די באָארד און זיך גענומען חנ'דלען איז ער געוואָרען דער געוועהנליכער טהאָמאַשעווסקי און ער האָט זיך גענומען אויפפיהרען ווי אַ באַנקעט און עס האָט פון איהם גענומען קאַפּען דאָס גאָלד, און זיינע פינגער־דימענטען האָבען זיך צע־שמאָלצען אין זייער אייגענעם פייער.

די וועלט אין פלאמען

אוטאָר: אָסיפּ דימאָוו.
מעטער: אַדלער׳ס גרענד.

דאָס לעבען איז די לעצטע צייט שטארק רעקלאמירט געוואָרען צווישען די מאסען, איז געוואָרען פּאָפּולער ווי א צייטונג־ראָמאן. עס איז די נייעסטע ערשיינונג אין דער אידישער גאס. לעבענס־בילדער, לעבענס־ווערק, לעבענס־באשרייבונגען, לעבענס־צוועקען. מען לעבט נישט נאָר מ׳שטודירט ס׳לעבען, מ׳פאָרשט עס אויס, מ׳שפּיאָנירט עס. עס איז די לעצטע מאָדע. דער פארשטעה־ס׳־לעבען־קולט שפּרייט זיך אויס פון דער טויבענפּאָסט, בינטעל בריעף ביז זשאן קריסטאָף, פון שעקספּיר ביז מנחם מענדעל דאָליצקי, פון ווייטסטען אנומעלט ביז דעם נאָהענטסטען אָט־אָט. גיט מען אייך נישט דעם פיינעם אונטערקלאנג פון לעבען, נישט דעם זיידענעם נאָכגערויש, נישט די ווייסע פארשלייערונג. נאָר די זעהר רעאלע, טאָפּעלפּיסיגע כלה אין איהר גאנצער נאָהענטקייט, מיט איהר גאנצער אונמעגליכקייט.

דימאָוו׳ס וועלט אין פלאמען איז נישט דאָס טרוקענע לעבען, איז נישט די טויטע ווירקליכקייט וואָס אלע קאָנען זעהן אין גאס, אבסאָלוט פריי, נאָר די פיעלפאך־לעבעדיגע אויסגעטראכטקייט, דער אונשעהנער, באנאלער אמת אין א גאָלד־פורעם פון לעגענדע, פון עפּאָס, פון סאגא. דימאָוו׳ס וועלט אין פלאמען איז א שפּיעל, אביישפּיעל, עס

איז, לאָמיר זאָגען, אַן עלעגאַנטער זיידענשפּיץ אויפ׳ן אונטערקלייד פון דער מאדאם רעאַליזם. אַ פיינער זשעסט פון דער אונפיינער, טיעפליגנערישער אמת׳דיגקייט. עס איז אַ שטעלט־זיך־פאַר דראַמע, מיט דימאָוו׳ן אין הינטערגרונד, מיט דימאָוו׳ן אין פאָדערגרונד, מיט דימאָוו׳ן אין מיטען. עס איז דימאָוו, דימאָוו אומעטום. און פּונקט ווי שעקספּיר׳ס קלעאָפּאַטראַ און סקאָט׳ס מאַריא שטואַרט זיינען אמת׳דיגער ווי די אמת׳דיגע, אזוי איז דימאָוו׳ס דראַמאַטישער ביישפּיעל פיעל אמת׳ער ווי די לעבענסבילדער וואָס זיינען אַרונטערגעשריבען געוואָרען דירעקט פון דעם לעבען, אַרונטערדראַמאַטיזירט געוואָרען דירעקט פון דעם מוטער׳ל נאַטור.

„די וועלט אין פלאַמען“ — איז אַ פּרינץ אין דער אידישער דראַמען־משפּחה. און פּונקט ווי אַ פּרינץ ווערט בלויז אַ פּרינץ ווען מען טוט איהם אָן אין די פּורפּור קליידער, אזוי ווערט אויך דימאָוו׳ס שטיק אַ מייסטערווערק דורך די קליידער, דורך דעם פאָרם.

אויסגעטוּענערהייט איז די דראַמע כמעט נאַרנישט, אָדער כמעט אַ ל צ ד י נ ג. זי איז ברייט און גרויסגעוואַקסען. זי זיפצט און לאַכט, פּרעדיגט און ווערטעלט זיך. אין איין האַנט טראָגט זי אַ דונער, אין דער אַנדערער — אַ טרערען־טעפּעל. אָנגעטון אין אַ שאַרלאַך־מאַנטעל פון גוטען געשמאַק, באַצירט מיט די פיינע פינגערינגען פון טעכניק, געקרוינט מיט אַ היטעל פון געדאַנקליכקייט, איז די „וועלט אין פלאַמען“ שעהן און פּרינצליך, טראַגיש און אַפאָריזמיש, און די פערטהאַלבען טעאַטער־שעה, וואָס קומען צו איהר צו גאַסט, ווערען פאַרפלייצט מיט פאַרב און ליניען, מיט ריטם און פיינקלאַנג.

„די וועלט אין פלאַמען“ איז נישט — נײַ. נישט ז ע ה ר נײַ. נײַ איז געוועזען נײַ׳ער. ד. וו. אַ. פ. איז מעהר רעזשיסירט, ווי אויסגעטראַכט. עס איז מעהר אויסגעסצענעט ווי פאַרפאַסט. דימאָוו האָט די פּיעסע נישט געשריבען, נאָר אויסגעשפּיעלט מיט דער פּעדער. דערי־

בער קומט זי אויף דער ביהנע שוין א ג ע ש פ י ע ל ט ע און אלעס וואס די שוישפיעלער דארפען טון איז — נישט שטעהן איהר אין וועג, זי לאזען טון וואס איהר הארץ גלוסט.

דימאוו'ס נייע פיעסע איז נישט נאר סימבאליש, נאר זי איז אליין א סימבאל, אליין א משל אויף א טהעאטער־שטיק וואס קאן פאסירען. דימאוו וויל נישט אז איהר זאלט צוליעב זיין פיעסע פארגעסען דימאוו'ן. ער האלט אז ער איז וויכטיגער פון זיין שטיק. דעריבער דערמאנט ער אייך אין פראלאג, אז ער געהט אייך איי־בערראשען. דאן ערקלערט ער אייך אין אנהויב פון ערש־טען אקט אז דער סורפריז קומט באלד. עס געהען אוועק זעקס הונדערט יאהר — אבער ביים אידישען שויי־שפיעלער איז עס גארנישט. ער איז געוואוינט צו א רייכקייט פון יאהרען. זעקס־הונדערט יאהר? פו. עס איז ביי איהם גארנישט! באלד הויבט זיך אן די אי־בערראשונג. טארקוועמאדא איז טויט! עס לעבע פאטער מיכאאיל (ראספוטין?). די צייט געהט — אקטענווייז, אקטענוויייז. עס איז די מלחמה־כלות, פלוס דאס שנירעל פעריל, פלוס ראספוטין. נאר שעהן, איידעל און מענשליך געהען די דראמאטישע פארבינדונגען. די עברי איז ריין און לייכט און פול מיט אינטערעסאנטען פארסיפלאזש. פון צייט צו צייט געהט דימאוו'ס וועלט ארויס פון די פלאמען און הויבט אן ווערען וואסערדיג. א איד מאכט קידוש און (פלוצים — אהא!) א טרומייטען־שאל. מ'רופט אין קריעג. ראספוטין ברעכט זיך אויס א פוס און פאלט אריין אהערצו־צו, אט־א־דא צו אונז, אט ווי איהר קוקט איהם אן. די אויסגעלאסענע פרוי געפינט איהר קינד — דעם מסור, וואס האט זיך ערצויגען ביי דעם דר. איסערלעס. ער איז פארליעבט אין איהר — ווי זי הייסט דארטען מיט'ן ביהנע־נאמען! ז י פרענסיסט און לאזט זיך נישט. די אויסגעלאסענע פרוי נעמט זי מיט זיך, כדי צו רעטען איהר טיעפע יונגפרוי־

ליבקייט. דר. איסערלעס נעמט אראפ די מזוזה און — געהט אוועק אין גלות אריין מיט לודוויג זאַץ׳ען. א רענדיל אראפ, א רענדעל ארויף — עס ווערט מלחמה. מ׳טרייבט די זיבען גרענד־טהעאטער־אידען פון רוסלאנד. א געוואלדיגער גלות! און אויבען איז א הייזעל. אונטען איז א קלייזעל. אויבען קומען מענשען, ווי ראָזענפעלד זאָגט, אַפּטון נאָר נבלות; אונטען קומען מענשען קלאָגען אויפ׳ן גלות. קומט אריין ראספּוטין און זיין פריינד וואָלף. זיי פארברענגען מיט די מיידלעך. פינטעלעך. ביטע אָנצושטרענגען אייער פאנטאזיע! דאָ ליגט אויך באהאלטען די — ווי הייסט זי? — די טוגענד. דר. איסערלעס טאָכטער.

מ אָ נ אָ ל אָ ג: יאָ־יאָ, כדי א י י ן פרוי זאָל בלייבען ריין, דארפען פינף פרויען אוועקגעבען זייער יוגענד, זייער אונשולד. הע־הע! די וועלט טרינקט זיך אין בלוט. אָבער דאָס ה י י ז ע ל ע שטעהט. אָבער לאָז מען נאָר פּרובען (זעהר הויך) צונעמען די ציגעל פונ׳ם הייזעלע! הע־הע! קורץ: הייזעלע, מייזעלע, קליי־זעלע. אונטען דאוונט מען, אויבען שטעכט איסערלעס טאָכטער איהר ערב־פארפיהרער — וואָלפ׳ען. מ׳רופט ארויס דר. איסערלעס פון קעלער. וואָלף איז טויט. עס ווערען דורכזיכטיג די ווענט. טארקוועמאדאָ ערשיינט. מ׳טוט איהם לאָזען וויסען, אז ער איז טויט. ער שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. דר. איסערלעס האלט א לאנגע רעדע און ערקלערט, אז דער סורפּריז איז שוין פאראיבער און פאר וויטערע איינצעלהייטען זאָל מען נאָכקוקען צוריק־צו־רוועג — אין ערשטען אקט, זייטע 132!

* * *

„די וועלט אין פלאַמען" איז א וואונדערבאר שטיק — מעסטענדיג פון ליבינ׳ען א ר ו י ף. עס איז אן אויס־געצייכענט שטיק — מעסטענדיג פון גאָרדינ׳ען א ר ו נ ט ע ר. עס איז א וואוילע פּיעסע — מעסטענ־דיג דימאָוו׳ן אויף דימאָוו׳ן זעלבסט. האלב־פעהלערען

דאָ און האַלב־פּעהלערען דאָרט. די פּיעסע בכלל ליידעט פון אַן איבערפלוס אין אַלצדינג (דאָס שטיק האָט אין זיך פון וואָס איהר ווילט — פון דייטשע מאַזלען ביז א וועלט־אונטערגאַנג!) אָפט צופיעל ערקלערט און אונטערגעשטראָכען, אָבער די אַלע פּסעוודאָ־פּעהלערען ווייזען בלויז — טאַלאַנטוועריטס, צום לאַנד פון דער בעסערער דראַמאַ, פון דעם פיינערען שפּיעל. און וואָלט נאָר דימאָוו נישט פאַרגעסען אז די וועלט אין פלאַמען איז נאָר א ס י מ ב אָ ל פון עפּעס א פּיעסע, א מין פּיער אַקטיגער פּראָלאָג (אין וועלכען די אַקטען פ א ר דעם ערשטען אַקט זיינען אַזוי קינסטלעריש אוועקגעטראַכט!) און וואָלט ער ניט געוואָלט זיין איבערציינגענד, וואָלט עס געווען א בעסערע דראַמאַ צווישען די זעהר גוטע. אַזוי ווי עס איז, איז עס בלויז א גוטע דראַמאַ צווישען די בעסערע.

כמעט אַלע אַקטיאָרען האָבען געשפּיעלט גוט — א טייל האָבען אפילו געשפּיעלט בעסער. אַדלער איז געווען איינדרוקספול, שעהן, אימפּאָזאַנט (אפשר ס ו ב ל י ם — ווייל דאָס וואָרט ס ו ב ל י ם קלינגט זעהר שעהן) אַלס דער א י י ב י ג ע ר א י ד. ער איז נישט אַריין אין דעם ישראליק־טאַטע־מאַניר, ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל אין אַזא ראָלע. זאָלען איהם די געטער בענשען דערפאַר! שאַכט איז געווען א זעלטענער ראַספּוטין: פלינק, נערוועז, פאַרגלויבט אין זיך, פּיעטעטפול, שוואַכליך, ר ו ס י ש. שעהנגאָלד איז געווען אַזוי ווי זיין נאָמען. זאַטע? —מיר זיינען שוין מיעד פון וואַרפען בוקעטען אויף איהם. מאַדאַם אַדלער האָט געשפּיעלט בעסער ווי איהר ראָלע. פראַנצים אַדלער האָט געהאַט א פּאָר פיינע מאָמענטען (אין דער ליעבעס סצענע אין ערשטען אַקט איז זי געווען אויסגעצייכענט!) אָבער בכלל האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַהאַלטען אין זיך זעלבסט, נאָר זי קאָן נישט, ווייל זי איז צו ג ר ו י ס.

„קאַרען“

אומאָר: היעלמאר בערגסטראָם.
מעאַטער: גריגוווידזש ווילעדזש.
הויפּטשפּילערין: פאַניאַ מאַריגאָוו.

אַן אָפּרוה. אַ צו־זיך־קומען.

וויים און שטיל און אויפגעראמט איז דאָס קליינע טהעאטער. וויים און שטיל און אויפגעראמט דיין הארץ.

שטיל. שטיל. מ׳בעוועגט זיך קוים.

עס באוועגט זיך קוים דאָס קורצגעשווירענע מיידעל, וואָס ווייזט דיר דיין אָרט, עס באוועגן זיך קוים די צו־זעהער, עס באוועגן זיך קוים די שפּיעלער, עס באוועגט זיך קוים דאָס שפּיעל.

אלצדינג איז אזוי אריסטאָקראטיש־פייל. אינטערע־סאנט נאכלעסיג, דיסטינגירט פארשלאָפען.

און דער עיקר דאָס פובליקום. דאָס געאיידעלטע. דאָס גוט־ערצויגענע.

און פונקט ווי ביי אַ זאָלאָטארעפסקי־פּיעסע איז דאָס ערגסטע דאָס זאָלאָטארעפסקי פ ו ב ל י ק ו ם, אזוי איז אין אַ ווינקעל־טעאטער דאָס בעסטע, נישט דאָס שוישפּיעל, אָדער שוישפּיעלער. נאָר די צ ו ז ע ה ע ר.

מיט אַ גרינוויטש־ווילעדזש־פובליקום איז לייכט אויפצופירען — אפילו די לאנגזאמסטע פּיעסע.

אזוי ווי „קארען“ צומביישפּיעל.

וואו מענשען זיצען און זיצען.

שמועסען און שמועסען.
קומען און — געהען נישט.
און זעצען זיך נאָך א מ אָ ל אוועק.
און ריידען ליטעראטור.
און דערמאָנען — אין זייערע דיסקורסען — טשע־כאָוו'ען און איבסענ'ען און אנאטאָל פראנס.

פ ר א ־ ה נ ס — פראָנונצירט מיט אן עכט־פראנ־צויזישען אקצענט פון
פאניא מארינאָוו.
די ביכערדיגע.
די וואויל־וויסענדיגע.
די זעלטענע!

דאָס שפיעל „קארען" איז פונקט ווי קארען אליין: אן אפען פענסטער אין דרויסען ארויס. אזוי זאָגט עמי־צער פון די קארעניאנער. און דו זיצסט אין דער ווארעם. אין דער פינסטער. מיט'ן לעצטען נומער „אטלאנטיק מאָנטלי" אין טאש, און דו פיהלסט אזוי וויכטיג. ראה־מענדיג. דעקאָראטיוו. בין איך מיר, טראכסטו, דער פיי־נער מענש וואָס זיצט זיך אין דעם פיינעם טהעאטער און האָט דאָס ביסעל פיינע הנאה, פון דער פיינער מאָדער־נער דראמא. און דאָרטען שפיעלט זיך עפּעס — צווישען די ברוין־גראָהע ווענט, לעבען דער ברייטער טיהר. פון לעבען די געלבע פאָרהאנגען. דאס פריילײן קארען נאָרא'ט זיך איין אין זיך זעלבסט. זי איבטענט. שטיל. אָהן מוזיק. אָהן קערפערליכע גימנאסטיק. אָהן הויכע טריט. און דו האָסט ס'געפיהל, אז דו שטעהסט ביי דיין אייגען פענסטער, דו קוקסט אריבער איבער'ן וועג, צו דיין פרעמדען שכן. דו זעהסט: מ'זיצט, מ'רעדט. מ'הויבט זיך אויף. מ'קוקט. מ'זעצט זיך עסען. דו ווייסט נישט וואָס דאָרט טוט זיך. דו ו ו י ל ס ט נישט וויסען. דו האָסט פארגניגען פון דעם קוקען אליין. פון דעם אריבערקוקען אהינצו. פון דער נישט קלאָהרקייט. פון דער פאָרהאנגליכקייט. פון דעם איינגעהאלטענעם טאָן וואָס

דערגעהט צו דיר נישט. פון די ריהרעוודיגע שאָטענס. פון
דער סודות'דיגקייט. דו שטעהסט פארטראכט לעבען דיין
טונקעלען פענסטער און דו חלום'סט דיר אוים דיין איי־
נענעם, וואויל־געווינשטען חלום מיט א רויטען פראָסט
פון אויבען. מיט זיבען בלאָהע לבנות. מיט אלצדינג.
וואָס ארט דיך, וואָס דאָרט ביי דיין פרעמדען שכן אין
הויז, קומט ב א מ ת פאָר? אבי־נאָר דאָס פענסטער
פון זיין הויז איז אָפען — צו דיר, און ליכטיג! אבי־
נאָר דו קאָנסט שטעהן און קוקען און נישט פארשטעהן,
און זיך אָפרוהען, און זיך פארטראכטען.

„קארען'ס" לעבענסגעשיכטע איז פול מיט איינצעל־
הייטען. קארען האָט צוויי פארגאנגענהייטען אָנשטאָט
נאָר נישט, אָדער א י י נ ע, ווי די מאָדע איז, היינ־
טיגס יאָהר, 1918. קארען צייטונגט. קארען שרייבט.
קארען איבערזעצט אנאטאָל פראנס. קארען האָט זיך
געלאָזט מאָהלען — אָדער זאָל איך זאָגען „פלאסטע־
רען?" — פון דעם סקולפטאָר סטראנדגאארד. דער
נעמליכער סטראנדגאארד האָט אָפגעבילד'ט איהר
נאקעט לייב, און געמאכט דערפון א מייסטערווערק.
„קארען" ווערט אויסגעשטעלט אין איהר אייגענער
שטאָדט. אָבער דערווייל ליעבעלט זיך אין איהר דעו
העכסט־אנשטענדיגער דאָקטאָר שאו. קארען דערצעהלט
איהם פון אידר פארגאנגענהייט. ווי אזוי זי האָט זיך
איבערגעגעבען, אכ־הא, מיט לייב־און־זעעל צו אימיצען,
נאָר יענער איז געשטאָרבען און איהר לייב־און־זעעל איז
געבליבען — ליידיג. איז זי געגאנגען און אוועקגע־
טראָגען איהר לייב־און־זעעל צו דעם קונסט פלאסטערער.
אָבער יענער האָט זי נישט פארשטאנען. פארוואָס? ווייל
ער איז א מ א ן. עך, ווען ער זאָל נישט זיין קיין מאן,
וואָלט עפּעס אנדערש געווען! מיינט נישט דער העדר
דאָקטאָר אז זי איז גערעכט? ניין. דער העדר דאָקטאָר
נעמט דעם שטעקען און זאָגט אָ־רעוואואר. פון צייט
צו צייט פאלט זיך דער פאָרהאנג. שטיל. געלאסען. אָפּ־

וואַרטענדיג ביז דער לעצטער שווישפּיעלער זאָל זיך אָפּזאָגען זיינס.

אפּראָפּאָ:

עס איז נישט פון יענע חוצפה'דיגע פּאַרהאַנגען, וואָס מישען זיך אריין אין סאַמע ברען און שלאָגען איבער די רייד. דער קאַרען־פּאַרהאַנג מישט זיך בכלל נישט אין די „אינערע אנגעלעגענהייטען" פון דעם שטיק. עס פאַלט בלויז דאַמאָלט, ווען סע זעהט אז ס'איז שוין אבסאָלוט נישטאָ וואָס צו טון אויף דער ביהנע. ער פאַלט: נישט כדי אָפּצוהאַלטען די דראַמאַ פון א „שרעקליכער טאַט", נאָר כדי צו געבען דער פּיעסע א געלעגענהייט זיך אוועקצוזעצען און באַטראַכטען וואָס זי וויל.

קאַרען'ס שוועסטער איז אין משוגעים־הויז. וואָס האָט זי געטריבען צו משוגעת, אָ, ברידער? די ליעבע! זי איז געווען פאַרליעבט. אָפּגלאָזט דעם שידוך. איז זי געוואָרען קראַנק. „און איינמאָל", אַזוי דערצעהלט קאַרען'ס אלטע מוטער — „איז מען געקומען צו מיר און מ'האָט מיר געזאָגט: אייער טאָכטער לויפט ארום מוטער־נאַקעט איבער די פעלדער און זי שטעלט אָפּ יע־דען מאַנסביל וואָס געהט פאַרביי".

אָט דאָ ליגט די סאַמע יאָדרע פון דער דראַמאַ. דאָס פּראָבלעם: זאָלען די עלטערן פאַרווערען זייערע טעכ־טער צו געניסען פון דעם קאַפּעטשקע נאַטור? אָדער זאָלען זיי צוזעהן ווי זייערע טעכטער ווערען משוגע און לויפען ארום נאַקעטע איבער די פעלדער און שטעלען אָפּ מאַנסבילען?

קאַרען'ס פרומער טאַטע האַלט, אז ס'איז בעסער צו לאָזען די טעכטער ארומלויפען נאַקעט, איידער זיי זאָלען חתונה האָבען מיט נישט קיין אָרענטליכען מענש.

קאַרען'ס מוטער האַלט, אז ס'איז בעסער חתונה צו האָבען „אַ־לאַ קאַרט" איידער ארומצולויפען איבער די פעלדער אָהן — אוירינגלעך און אָהן אלעמען.

מיר אליין, פערזענליך, האלטען, אז ווען אלע פיידלעך וואס קאנען נישט חתונה האבען אין דער צייט, זאלען משוגע ווערען און ארומלויפען איבער די פעלדער, וואלט די וועלט אויסגעזעהן א סך רייצענדער ווי זי זעהט אויס! מיר האלטען אויך, אז ס'איז נישט אנשטענדיג צו זינדיגען מיט א תירוץ. אויב קארען וויל האבען אלערליי פארגאנגענהייטען — גאט אין הימעל! וועמען געהט עס אן? זאל זי! אדער צו וואס זוכען א תירוץ אין איהר שוועסטער'ס קראנקהייט? צו וואס איבערהויפט ערקלערען אז מיר פרויען ליעבען אזוי און אזוי? מיר פרויען זענען פארשידענארטיג אין אונזער מיר־פרויעניזם. מיר־פרויען זיינען גוט און שלעכט, קלוג און נאריש, נימפאמאניש און אסקעטיש, ניכטער און פאר'שיכור'ט. מיר פרויען האבען נישט קיין מאנאפאל אויף גאט'ס ריינער ליעבע, פונקט ווי מיר מענער האבען נישט קיין מאנאפאל אויף צו זיין שווייניקערלען. שטעלט זיך פאר, איהר אלע וואס טראגט שלייקעס, וואס עס וואלט פאסירט, ווען איינער פון אונזערע ברידער זאל ארויסקומען מיט אן ערקלערונג, אז אויב מען וועט איהם נישט ערלויבען צו זיין אונאנשטענדיג, וועט ער משוגע ווערען און ארומלויפען איבער די גאסען א נאקעטער. מיינט איהר אז עמיצער וואלט גענומען דאס פראבלעם ערנסט?

קארען פארלאזט די היים און געהט אוועק. נישט משוגע־ווערען — מעגט איהר זיין זיכער. זי געהט אוועק אזוי שטיל, ווי זי איז געקומען. אזוי שטיל (און דאך נישט אהן א טיפען איינדרוק!) ווי די גאנצע פיעסע געהט אוועק. דאס אפענע פענסטער, וואס פאר א כישוף עס האט! א שמעקעדיגער נעבעל־אטעם טראגט זיך פון דארט. א רייצענדע אונמאביליטעט. עס איז אזוי איידעל־נישט־דערזאגט. אזא אריסטאקראטישער קאנפליקט איבער א בלאהען גארנישט. עס איז א שווערדען־דועל איבער דער פראגע: פאר וואס איז מיטוואך? לויט

דער שטילקייט און איינגעהאַלטענקייט פון די העלדען, זייערע ווייכע טריט און מאַלאַנכאָלישע סודות׳דיגקייט, וואָלט איהר געמיינט אז אין שטוב געפינען זיך עלף דערטרונקענע פּרינצען, און זיבען גרעפינס. אָבער דער סוף לאָזט זיך אויס, אז מ׳איז געגאַנגען אזוי שטיל, ווייל מ׳האָט נישט געוואָלט אויפוועקען די פליעג, וואָס שטעהט אויף דער סטעליע.

קאַרען האָט דעם חן פון פייער, וואָס ברענט צוליעב גאָר נישט. וואָס ברענט אנטקעגען א וואַרימער זון. עס איז דער חן פון נישט־ניצליכקייט, פון לוקסוס, פון שאַמפּאַניער־שוים, פון איבער־קולטור. נאָך די שטיקער וואָס איהר זעהט ס׳רוב אין אידישע טהעאַטערען, און וועלכע געהען אזוי הויך און קלאַפּענדיג און מיט די גרויסע טריט פון א דיענסט־מויד האָט איהר א באַזונדער פאַרגעניגען אריינצוקוקען (דורכ׳ן אָפענעם פענסטער) אין א אריסטאָקראַטיש הויז, וואו אלע געהען אזוי מאַנירליך. איהר האָט דערביי די געלייטערטע הנאה וואָס קומט פון נישט־הנאה־האָבען. איהר האָט דאָס פיינע שבת־געפיהל פון קומען־פון־דאַווענען, וואו איהר זענט צום זעכציג־טויזענד־פיער־און־פערציגסטען מאָל געשטאַנען שמונה־עשרה. איהר געניסט דעם טעם פון זיין א מבין אויף גוטען ווייַן, וועלכער איז א בעסערער טעם, ווי דער טעם פונ׳ם וויין זעלבסט.

„קאַרען" איז וואונדערבאַר סצענירט און באַלויכטען. דער גאַנצער שפּיעל־טאָן איז אזא אינטימער, אזא פון־מענש־צו־מענשליכער. דאָס אויג זעהט די שעהנע פּאַניא מאַרינאָוו און פרעהט זיך. דאָס אויג זעהט די גראָהקייט פון דעם נאָרדלאַנדישען אומעט, די פריקרעקייט פון א שטרענג־כריסטליכער שטוב, און סע גלויבט מיט פאַררעגענטע ברעמען.

מיט אלע פעהלערען וואָס „קאַרען" ענטפּלעקט פאַר די קונסטגעזעטיגטע קריטיקער (וועלכע מען קאָן קיינ־

מאָל נישט צופרידענשטעלען!) איז זי פּאַרט איינע פון די בעסטע פּיעסען אין ענגלישען טעאַטער.

„קארען" איז אפשר נישט קיין דראמאטישער קאַ־אַי־נאַאר, אָבער עס איז א צירונג קעסטעל אין וועלכען איהם קאָנט אריינלעגען די טייערסטע איידעלשטיינער אויב איהר זענט נאָר גענוג ר י י ך.

געשפּיעלט האָבען אלע זעהר פיין און מיט שטילער נישטדערזאָגטקייט. כמעט אלע (א חוץ אפשר דער יונגער פּעטער, וועלכער איז געווען צו אמעריקאניש!) זענען א ו י ס ג ע ז ע ס ע ן זייערע ראָלען (אויף דער זאַפּא) מיט גרוים געדולד און פּינקטליכקייט. פאניא מארינאָוו האָט אביסעל צופיעל געהויבען דעם קאָפּ און אביסעל צו שטארק אונטערגעשטראָכען די ראָלע פון „קארען", און האָט זיך צופיעל ב א ו ו א ו י נ ע ן אין דער קאָלאָסאלער אונבאַוועגליכקייט פון דעם גאַנצען שטיק. זי האָט געוואָלט זיין דער דיל און דאך, די פענ־סטער און די ווילען פון דעם שטיק — אלצדינג מיט א מאָל, און דעריבער איז זי געווען אביסעל צופיעל, פאר דעם דינען געבוי פון דער פּיעסע. אין דער סצענע מיט דעם דאָקטאָר איז זי וואויל. אין דער סצענע מיט דעם סקולפּטאָר — דיטאָ. אין לעצטען אקט, ווען זי דער־פיהלט די שוואכע פּעדעם פון דעם דראמאטישען פּלאַנ־טער, ווען זי כאפּט זיך ביי א נישט־איבריג געראָטענעם מיר־פרויען־מאַנאָלאָג, פארלירט זי דעם מוט און שפּיעלט אביסעל צו העל, צו זשורנאַליסטיש.

הער קאָנראָי אלס דער אלטער פּאָטער איז געווען פּערפעקט. דעריבער נישט אזוי אינטערעסאנט, ווי ווען ער וואָלט געשפּיעלט אביסעל שוואכער. פריילין גרעים העגדערסאָן אלס די מוטער איז פון אָנהויב געווען אבי־סעל צופיעל נייע־ענגלענדעריש, צו יענקיש, אָבער שפּעטער האָט זי זיך זעהר גוט אריינגעדערעמארקט אין איהר ראָלע. הער מעלטצער אלס דער סקולפּטאָר איז געווען

— נישט אין גאנצען. הער מקאָלי אלס דער דאָקטאָר שאו איז געווען סטיליזירט אָבער צו ל י נ י א ל. א קליינער זיג־זאג, א צייטווייליג פארגעסען־זיך אין דער ראָלע, וואָלט איהם גערעטעוועט.

מאָטקע גנב

אוטאָר: שלום אַש.

טעאַטער: קעסלער׳ס.

ווערטהער רעדאַקטאָר: מיין היינטיגע רעצענזיע וועט אפשר ניט זיין קיין פרעהליכע און זי וועט נישט זאָגען קיין וויצען, איך בין אליין אויך נישט פרעהליך. איך בין פארקיהלט און האָב פיבער. מיין גאנצע וועלט־אנשויאונג איז היינטיגע וואך א פארקיהלטע און א הייזעריגע. און סע שטעכט איהר אין א זייט. אלע מיינע געדאנקען געהן ארום מיט פארבונדענע שטערענס און קוקען אויפ׳ן טאַ־שענזייגערעל. און אָטאַזויאָ האָבען מיר ביידע, איך און מיין וועלטאנשויאונג, זיך ארויסגעשלעפט פון בעט און געגאנגען זעהן דאָס אידישע דראַמאַטיסטוהלערטום אלס „מאָטקע גנב".

געגאנגען בין איך מיט א שווער געפיהל און א הויכען פולס. אויפ׳ן וועג צום טעאַטער האָב איך מיר אויסגעלייגט די פלענער, ווי אזוי צו שניידען מיט מעסערם מיין פריינד אַש און מיין פריינד ד. קעסלער און אלע אנדערע דאָר־טען. געטראַכט אונגעפעהר „ פארקיהלט בין איך, און אומעטיג איז מיר, וועל איך אויסזידלען עטליכע מענשען, וועט מיר פרעהליכער ווערען אויפ׳ן הארץ". אָבער דאָ בלייבען מיר שטעהן, הערר רעדאַקטאָר, אפשר דריי מינוט אויפ׳ן זייגער. מיר נעהמען דעם פראָשעק וואָס דער דאָקטאָר האָט אונז פארשריבען (אַן עקעלהאַפטער פראָשעק!) און מיר זאָגען דאָס פאָלגענדע:

„מאָטקע גנב" איז ניט קיין פּיעסע, נור אַ געזאַנג. איך ווייס נישט פאַרוואָס אַ ג ע ז אַ נ ג זאָל זיין בעסער ווי אַ פּיעסע. איך ווייס נור אַז ווען מען באַצייכענט מיט דעם וואָרט ג ע ז אַ נ ג עפּעס אַ זאַך וואָס איז נישט קיין געזאַנג, איז דאָס ביי שריפטשטעלער אַ גרויסער כבוד. אברהם רייזען, צום ביישפּיל, וויל אַלע מאָהל, אַז מען זאָל זאָגען אויף זיין ליעד, אַז ס'איז כמעט נישט קיין ליעד, נור אַן ערצעהלונג, און אויף אַן ערצעהלונג, האָט ער האָלד, מען זאָל זאָגען, אַז ס'איז נישט קיין ער־צעהלונג נור אַ ליעד.

„מאָטקע גנב" איז דאָס ליעבסטע, דאָס אנגענעהמסטע, דאָס שבת'דיגסטע, דאָס פיינסטע, דאָס בעסטע, דאָס אי־דישפּויליש'סטע וואָס מיר האָבען געזעהן אויף דער אי־דישער ביהנע, סיי פּערזענליך און סיי אַ ז ו י. „מאָטקע גנב" איז מעהר ווי די אַ נ ג ע ש ר י ע ב ע נ ע דראַמאַ. עס איז דאָס הונדערט־מאָהל־נ י ש ט־אָנגעשריעבענע, דאָס טויזענד־מאָהל־נ י ש ט־געצייכענטע וואָס רעדט אַראָפּ פון דער פּלייצע פון יעדען אַקט. עס איז אַ שטיק וואָס מוז נישט שפּיעלען מיט'ן פּנים צום פּובליקום. עס איז אַ שפּיעל אין וועלכען דער חן ליגט נישט נור אין די געזיכט־ליניען, נור אין יעדען פאַלד פון דעם סימבאָל־מאַנטעל, אין וועלכען עס איז איינגעהילט. עס איז אַ „דע פּראָפּונ־דיס"־רוף פון אַ קינסטלער, וואָס קאָן שרייבען נור אין שבת'דיגע ווערטער. עס איז דער יום־טוב־גאַנג פון פריי־ליין פּאַטום מיט דעם פאַרשטיינערטען האַרץ. עס איז פאַר־בלאָהונג פון דעם וואולגאַרען ווייב־האַנדעל. עס איז אַ געדענק־אָן־גאָט־צייכען, פון דעם עדעלען און פייערליכען קינסטלער, וואָס זעהט אומעטום די גרויסע און מעכטיגע האַנט, וואָס ציהט געהיים די פעדים אויף וועלכע עס טאַנצען די פּופּען — די מענשען. און זעהענדיג עס, זיצט ער ביי זיך אין רייכפּאַרביגען, ווייכבאַלויכטענעם קאַבינעט און זינגט עס אַרויס אויף פּאַפּיער אין פייער־

ליבע ווערטער, וואָס געהען געשפּאַנט אין׳ם רייכען רייטוואַגען פון קעניגליכער דראַמאַ.

דער אינהאַלט פון „מאָטקע גנב״, הערר רעדאַקטאָר, איז אייך מסתמא באקאַנט פון זיין בוך. מאָטקע, א אינגעל פון אָרעמע און שלעכטע עלטערן, ווערט געטרעטען און געשלאַגען פון יעדען, שווערט צו נעמען נקמה פון דער וועלט. פאַרלאָזט זיין היים. באַגעגענט אידישע צירק־לייט. פאַרקניפּט זיין מזל מיט זייערס. פאַרליעבט זיך אין דער ש פּ אַ נ י ש ע ר דראָט־געהערין. דער׳הרג׳עט זיין ריוואַל — קאַנאַריק. נעמט יענעם׳ס פּאַס און זיין געלד. ווערט קאַנאַריק. עפענט אַ ה ו י ז און וואוויליונגערט. ווערט דאָס איהם ענדליך מיאוס. ציהט איהם צו דער ריינער חנה׳לע פון קאַוע־שטיבעל. שווערט־אָפּ זיין פּראָפּעסיע. צוטרייבט די מ ו י ד ע ן, און שיקט נאָך דער מאַמען. דערוויסט זיך אָבער חנה׳לע און איהרע טאַטע־מאַמע פון דעם סוד. שיקט מען נאָך פּאָליציי. קומט מאָטקע׳ס מאַמע פרעהט זי זיך מיט איהר פאַרלוירען קינד, און זי זעהט נישט די האַנד, וואָס וועבט דערווייל די פעדים פון אומגליק איבער זיין קאָפּ. עס קומט די פּאָליציי. אַרעסטירט מאָטקע׳ן און — די פּיעסע ענדיגט זיך. ניין, זי ענדיגט זיך נישט. זי געהט בלויז אונטער ווי א רויטע, שווערע זומער־זון. דערנאָך ווערט טונקעל און קיהל און געהיימנישפול אין אייער נשמה. עס שפּראַצט ארויס די וועלט מיט איהרע פאַרקניפּטקייטען און סודות. עס ענטפּלעקען זיך די קליינע שטערען פון האָפנונג און טרויסט. דער גנב, דער האַלזשניידער, דער קונצענמאַכער פון א ביליגען צירק, ווערט געלייטערט דורך דעם אויגענפייער פון עפּעס א חנה׳לע. ער נעמט בענקען נאָך זיין מאַמען, ערגיץ דאָרט אין אָרימען שטעדטעל, דער סימבאָל פון דאָס גוטע און דאָס איידעלע וואָס ליגט אויפ׳ן גרונד פון יעדער נשמה, מעג עס זיין די נשמה פון א צירק־שפּיעלער!

„מאָטקע גנב״ האָט 3 אַקטען מיט א פּראָלאָג. אָבער

דער פּראָלאָג האָט נעקענט פּונקט אזוי גוט זיין אין צווייטען אקט, אָדער אין דריטען. עס איז נישט קיין פאָר־שפּיעל, נאָר א פאָר־בילד, א פאָר־מוסטער פון דעם מאַ־טעריאַל. אָבער וואָס מאכט עס דען אויס ? איך ווייס נאָר, אז איך האָב די דאָזיגע פּיעסע געטרונקען מיט די אויגען און עס האָט מיין הארץ וואוילגעטון. עס האָט מיך באַ־לוינט פאר אַלע ביטול־בטלנ׳ישע, נארישע שטיקער מיט וועלכע איך האָב מיר היינטיגען סעזאָן פארשטויבט די אויגען און די אויערען. איך האָב אריינגעאָטעמט אין זיך די אַלע פייערליכקייטען פון מאָטקע׳ס טראַגיק אין צווייטען אקט, ווען ער קומט פּלוצים צו זיך, און, געפאנגען פון חנה׳לען, דיקטירט ער א בריעף צו דער מאַמען. איך האָב זיך געווישט א טרער (כמעט א פאַקט !) בעת מאָטקע, דער געלייטערטער, דער בעל־תשובה׳דיגער צוטרייבט די מיידלעך, און איינע פון זיי, די עלענדסטע ווייסט נישט וואוהין צו געהן. און די אנדערע וואָס איז פארליעבט אין איהם, וויינט, דאָס זי וועט נישט האָבען וועמען צו פרעסען העמדער און צו פוצען די שטיוועל. און די דריטע, וואָס זאַמעלט מיט אזא עקשנות װ י י ס צ י י ג פאר חתונה־אויסשטייער, געהט אוועק מיט׳ן פעקיל אונטער׳ן אָרעם, דער סימבאַל פון דער אייביגער בענקשאַפט צום ריינעם לעבען ! איך האָב מיט הארצקלאַפּונג איבערגעלעבט די סצענע אין קאַווע־שטיבעל, וואו די מ י י ד ל ע ך זענען געווען פארזאַמעלט, און איך האָב זיך געזאָגט : זעה, ווי אזוי אן אמת׳ער קינסטלער קען אַלצדיינג פארהייליגען. מיט דער פרומקייט פון זיין הארץ, מיט דעם צער פון זיין נשמה ! און זעה, האָב איך צו זיך געזאָגט, זעה ווי פיין, ווי קינסטלעריש אַלע שפּילען, כמעט אָהן אויס־נאַם. זעה שווארץ׳ען אין דער ראָלע פון דעם אַלטען פּאַיאַץ, פון דער וואָכענדינקייט אין גלעקלעך ! ווי אייביג ער זעהט אויס! און ווי פיין ער שפּיעלט! זעה שווייד׳ען אין זיין קליינער ראָלע, פון א ווארשעווער א י ד, זעה פראַנ־ציס אַדלער, אלס די שבת׳דיגע חנה׳לע, מיט די שטילע

טריט, און מיט די בענשליכט־אויגען, און מיט דעם נישט אויסגעטראָטענעם, קליינעם האַרץ! זעה די עהרליכע מאַדאַם נאַדאָלסקי אלס מאַטקע׳ס דערשלאָגענע מוטער, און דאָס פריילין לובריצקי (וועלכע איז אזוי באַליידיגענד יונג!) אין דער ראָלע פון דעם קליינעם, רעבעלירענדען מ אַ ט ק ע פון פּראָלאָג און שפּעטער אלס איינע פון די מיידלעך. זעה וועקסלער׳ען אלס דעם וואָוילוונגערישען קאַנאַריק און בעסי ווייסמאַן אלס מערי די דראָטען־געהער־רין, וועלכע איז אזוי גרויסאַרטיג אין שלום פון צווייטען אַקט, בעת זי גיט אַ פּ מאַטקע׳ן צו זיין געליעבטער חנה׳לען און אליין געהט זי אוועק! זעה היימאַנ׳ען אזוי גוט גרימירט אלס דער פּאָליאַק, זעה קעסלער׳ן אליין, דעם אמאָליגען גרויסען און גרעסערען און גרע־סטען קעסלער אין דעם מאָמענט ווען ער דיקטירט דעם בריעף צו זיין מאַמע׳ן און ווען ער רעדט צו חנה׳לען און ווען ער נעמט אַרום זיין מוטער־און־חנה׳לע אונטער ביידע אַרעמס און טענצעלט זיך אונטער טרוימענדיג דערביי פון זיין שטעטעל, ווי ער געהט שפּאַצירען מיט זיין כלה, און מיט זיין עהרליכער מאַמע און ווי אַלע קוקען איהם נאָך מיט גרויס דרך־ארץ, און, צום סוף, ווען ער ווערט געוואהר, אז מ׳האָט איהם איבערגעגעבען צו דער פּאָליציי, און ווי זיין לעבען ברעכט צונויף, ביי דעם פּונקט פון זיין העכסטען גליק. ווי שרעקליך! ווי טיעף! ווי געוואַלדיג! (איך מוז שוין ווייטער נעמען אַ פּראָשעק.)

פאַרלוירענע יוגענד

אויטאָרען: געביל־שטיינבערג.
טעאַטער: מאַקס געביל׳ס.

פאַרלוירענע יוגענד איז אהא, א שוידערליך קונסטווערק. עס איז אַ פּיעסע מיט א שווינדזוכט, קאָמשאָמשאָן, אויסצערונג, געבראָכענע הערצער, פוסקראַנקהייט, ארע־מוט, עלענד, נויט, קאָסטימער־שרייבעריי, ליעדלעך און דער עיקר טאקע, ווי מיר האָבען דאָ אויבען באַמער: קאמשאָמשאָן. עס איז א ל ע ב ע נ ס ד ר אַ מ אַ, אין דעמזעלבען זין וואָס סעמעטערי איז אַ לעבענספראַגע.

פאַרלוירענע יוגענד איז אזוי געטריי צום לעבען, ווי דער קרעה פון א האָהן אָהן דעם האָהן. עס איז אזוי אינטערעסאנט, ווי די שיקאגאָ׳ער שלאכטהייזער, די עדיוקיישאָנאל עלייענס, דער מושב־זקנים, די יאָנג מענס היברו אסאָסיאיישאָן, דער וואנדערבילט־קליניק, דער מאָרג, דער גן־ילדים, און א רעגולאר מיטינג פון די הויזאייגנוואַרפער־יוניאָן, לאָקאל 15. די פאַרלוירענע יוגענד איז געמאקסגעבילט געוואָרען מיט דער הילף פון א געוויסען שלמה שטיינבערג. עס איז א טאָפּעל־געבילי־סטיש, אזוי צו זאָגען. עס איז א סענטימענטאלע שמאַטעריי, מיט א שמאטעדיגען אונטערשלאג. עס איז די פאַרלוירענע יוגענד פון דעם אידישען טעאטערגעהער, וועלכער פאַרלירט זיין שכל, זיין צייט און זיין געלט,

אויף אזוינע פיעראקטיגע קליניקס. עס איז די פארלוירע־נע יוגענד פון דער פארמאקסגעבילטער אידישער ביהנע, וואָס איז גראָה און אלט און שווינדזיכטיג געוואָרען פאר דער צייט. עס איז די לעבענס־טראגעדיע פון דער פאר־גוואלטיגטער דראמאטישער קונסט, אויף וועלכע די באַ־רימטע טראגעדיסטין לעאָנאָרע דוזע זאָגט, אז זי קען בלויז דעמאָלט אויסגעבעסערט ווערען, ווען מ'וועט אונ־טערצינדען אלע טעאטערען, און אלע מיטעלמעסיגע שפיעלער וועלען אויסשטארבען פון דער כאָלעריע. עס איז די פארלוירענע יוגענד, האָפנונג, אמביציע, פון דעם טעאטער־קריטיקער, וואָס הויבט־אויף אלע־ביידע הענט אין שטילער פארצווייפלונג און לויפט אוועק אין ביער־שענק.

די פארלוירענע יוגענד, נעגעבילט און געשטיינ־בערגט, געמאיעראָוויטצט און געליליענט איז א גענעראל פאַרזאמלונג פון אלערליי ריהרענדע אינצידענטען, וואָס האָבען שוין אזוי עהרליך אויסגעדיענט זייערע יאָהרען ביים אידישען טעאטער, אז זיי דארפען שוין באקומען א פענסיע.

ווען די פארלוירענע יוגענד זאָל האָבען אין זיך לע־בען, וואָלט זי אפשר געווען א לעבענסבילד, ווען זי זאָל פאָרשטעלען א בילד. עס איז א בילינע קאָסטימער־שרייבעריי, וואָס איז אָנגעמאָסטען געוואָרען אויף דעם טעאטערגעהער'ס נערוועו, אויף זיין געדולד, אויף זיין אויסדויער. די גרעסטע מעלה אין דער פיעסע איז וואָס עס קלעפט זיך. אך, ווי עס קלעפט זיך! עס קלעפט זיך ווי ד ר ע ק ט פון דער פאבריק. עס קלעפט זיך ווי לי־טעראַרישע קלעפּטאָמאניא. עס קלעפט זיך אזוי מערדע־ריש, אז איהר קענט דערפון נישט פטור ווערען, ווי פון א גאלאָפירענדער שווינדזוכט.

די פארלוירענע יוגענד איז א מעשה מיט א כלה־מיידעל, וואָס האָט זעהר א לאנגזאמען, פעט־מאכענדען קאָמשאָמשען (פאָרגעשפּיעלט פון דזשעני גאלדשטיין).

און זי דארף באלד חתונה האבען. און זי פאהרט אוועק קיין וואונישטיז. און דערווייל פארכאפט איהר יונגע און געזונטע שוועסטער דעם חתן פאר ז י ך. אויף דעם אלגעמיינעם פארלאנג פון דעם קאסע־קעסטעל, איז איהר פאטער אויך א קראנקער, צע'שברה־כלי'טער מענש, מיט ארומגעבונדענע פיס. די כלה־ניו איז דער ווייל אין א סאניטאריום כדי צו געבען איהר קאמישען פעטער א געלעגענהייט צו אמוזירען דעם געעהרטען עולם מיט דער סצענע, ווי עס קנאקען ביי איהם די הויזען. און כדי ער זאל קענען דערצעהלען, אז ער האט געפעינט ביי א מיסעס איז ער ארויפגעפאלען אויף איהר בעט, און דאסגלייכען אנשטענדיגע וויצען, וואס מ'דארף זיי ב"ה נישט שלעפען צו קיין עהרענגעריכט. און כדי דער געמליכער פעטער־וועקסלער און „אנטי־ווארקער" (אזוי שטעהט אויפ'ן פראגראם־צעטעל) זאל קענען דערצעהלען זיין ווייב, אז דזשוליוס האט געגרעדזשעוועט (כא־כא!) און ער האט געקראגען א דיפלאמאציע, (כא־כא!) און איצט מעג זי זיך שוין פארגינען צו האבען אפענדיציציס. (כע־כע!) און כדי דערזעלבער קאמיקער זאל קענען געבען א מאנסבילישען ווינטערגארטען־ווינק און ערקלערען, אז מיט יעדען מיידעל איז עפעס. קורץ און צוריקצווועגס צו דער געשיכטע: דאס געזונטע מעדזשבהעהן בלייבט אליין מיט איהר אנגענעמען באטריגער, מיט דעם רואינירער פון איהר לאנגווייליע. דער בעזער, פוסקראנקער פאטער ווערט געוואר פון איהר מזל'דיגען אומגליק און ער וויל א י ה ם ארויסטרייבען, אבער דאס פארפינפטע מיידעל שטעלט איין דעם לעצטען רעפליק און זאגט אומגעפער: טרייב איהם נישט ארויס, ווייל ער איז דער פאטער פון מיין צוקינפטיג יתום'על, וואס איך טראג אונטער מיין ברוהעסט. פארהאנג נומער צוויי. אין דריטען אקט

גרייט מען זיך צו דער חתונה ביי דעם פארפיהרטען פארעל. אבער פלוצים, זעהט! וואונדערט זיך! שטוינט! עס קומט די קראנקע שוועסטער, די אמת'ע כלה'ניו, דורך פילאדעלפיא, צוזאמען מיט איהר דאָרטי־גער מוהמע. זי בלייבט שטעהן איבער־איבער־איבער־ראשט. זי שטוינט שבמשוינט! זי פרעגט: מ י ט וועמען האסטו חתונה, שוועסטער? גלייך ווי זי וואלט קיינמאל אליין נישט געגאנגען אין אידישען טעאטער און נישט געוואוסט, אז א געזונטע שוועסטער האט געוועגליך חתונה אין דריטען אקט, מיט דער קראנקער שוועסטער'ס ליעבהאבער. די קראנקע מאכט גוואלדען. אבער ענדליך דערוואוסט זי זיך, אז עס מ ו ז אזוי זיין. (מחמת די גוטע קאליפארניא־פרוכט פון ליעבע.) אין דער פערטער אפטיילונג פון דער פארלארענער יוגענד זעהען מיר ווי עס איז שוין פאריבער ז ע כ ס ל א נ ג ע י א ה ר ע. זיי האבען שוין א קינד. די קראנקע שוועסטער וואוינט ביי זיי. מען וויל פון איהר פטור ווערען צוליעב דיזעלבע סאני־טארישע אורזאכען וואס א י ך, משה נאדיר, וויל פטור ווערען פון מיין נאהענטער באריהרונג מיט דער בוועריי־קונסט. דאס קינד פרעגט: פ א ר ו ו א ס טאר מען ד י ך נ י ש ט ק ו ש ע ן, ט א נ ־ ט ע? א ו ן: ה א ס ט ל י ע ב מ י י ן פ א פ א א ו ן מ א מ א?

און דער עולם, וועמענס אויגען ווערען געמאלקען מיט א מאשין זייט די לעצטע פערטהאלבען שעה, דערזעלבער עולם ווערט שטארק גערידהרט און מאכט: טצע־טצע! עס קומט איהר ברודער דער דאקטאר, מיט זיין ווייב.ביידע טענה'ן, אז די קראנקע דארף אוועקגעפיהרט ווערען צוריק אין סאניטאריום. דזשעני שטעהט ביי דער טיר און הערט זיך איין. דער פאטער וויל זי נעמען צו זיך אין דער נ א ס ע ר ו ו א ו י ־ נ ו נ ג, די קראנקע גיעהט אפ — נעביך! — צו זיך אין

צימער אריין, כדי איינצופאקען איהרע זאכען. די מו־טער געהט אריין זעהן וואס זי טוט און געפינט זי טויט. מ'ברענגט זי ארויף אויף דער סצענע באפען דאס פיינע ביסעל אפלאוז און די פארלוירענע יוגענד געהט אהיים דערצעהלען איהר שכן, אז ביי געבלין שפיעלט מען איצט אזא שטארקע שאו, אז מ'קען שטארבען דערפון.

* * *

די פארלוירענע יוגענד איז א פיעסע, וואס שווינ־דעלט ביי אייך ארויס די עהרליכע טרער, וואס איהר זענט שולדיג אייער קראנקען ברודער אדער שוועסטער. זי נארט ביי אייך ארויס דעם האלבען דאלאר אויפ'ן חשבון פון די קראנקע מענשען, וואס ליגען אין די סאנ־ניטאריומס פון לאס־אנדזשעלעס און דענווער, וועלכע וואלטען אפשר געקאנט געהאלפען ווערען דורך דיזעלבע פופציג סענט אייערע. גיט א טראכט וועגען דעם, ליעבע פריינט! די פארלוירענע יוגענד אליין האט אלע סמנים פון דראמאטישער שווינדזוכט: זי הוסט, שוויצט און איז שרעקליך געל אויפ'ן פנים. עס פעהלט איהר הויכקייט, לופט, זוניגקייט און אזוי ווייטער.

די ליעבהאבער פון גוטער דראמא וועלען ווידער הא־בען א גלענצענדע געלעגענהייט צו זיצען אין דער היים. מ'רוב סצענען פון דער פארלוירענער יוגענד זענען נא־טירליך. נייז. זיי זענען אומגעהויער מעהר ווי נאטירליך. עס איז דער נאטירליכקייט'ס א גליעד־שוועסטער־קינד, וואס איז אראפ פון זינען און מ'האט עס גענומען אין טעאטער אריין.

דער פרייז פון זינד

אוטאָר: זאָלאָטארעװסקי.
טעאַטער: קעסלער'ס.

וואָס איז דער פרייז פון זינד, טאָכטער מיינע? דער פרייז פון זינד איז: אַז פונקט דעמאָלט ווען סע גליקליכט זיך אוים דער הימעל פון דיין ענטמיידעלטער פארגאנגענהייט און דיין פארפיהרער און פארפינפער איז טויט, און דו אַליין ביזט ענדליך, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, געוואָרען אן אינטעליגענט מיידעל מיט א „טשטאָדיעלאַיאַט" אונטער'ן אָרעם — פונקט דעמאָלט, חנ'עווידיגע טאָכטער מיינע, דאַרף טון פּאַסירען, אַז דיין בליק פאַלט אויף אַ פלעשעל מיט יאָדאָפאָרם וואָס דיין אָרימער פאפהא האָט געבראַכט פאַר דיין רואינירטען, ווייסגעקליידעטען פינגער. און דו טרינקסט עס אוים, און דיין מוהטער הויבט אָן שרייען „גוואלד", און דיין פאפהא רייסט זיך (טעאַרעטיש) די צוגעקלעפּטע באָרד, און אַז דער אויגענווישענדער, ביזז-שרייענדער, פּוס-קלאַפּענדער, נאָזשנייצענדער ווייבער-עולם דערזעהט דאָס, שטעלט ער זיך אויף און נעמט ארײנשטעקען די הוט-נאָדלען אין הוט, שאַרט צונויף די נאַסע נאָז-טיכלעך, צעהלט איבער די קינדער און מ'וואַרט אַז דער פאַרהאַנג זאָל טון זיין פליכט און — פאַלען.

פאַלט ער. געהט מען אַהיים, און מ'דערצעהלט דער שכנ'טע, אַז מ'האָט געזעהן אַ שטיק, איז דאָס אַ גוואַלד. סאַ „פיקטשע" פון לעבען. אַ לעבענסבילד. סע שטעלט

פאר ווי אזוי א מיידעל ווערט פארפיהרט, רואינירט,
פאראומגליקט, און ווי מ'שלעפט זי אוועק קיין בוענאס־
אירעס און זי קומט צוריק. און ווי אזוי קעסלער שפיעלט
פאר אן אלטען איטאליענער, וואס שלייפט מעסערס, און
ווי אזוי ער דערקוילעט זיין טאכטער'ס פארפיהרער מיט
א מעסער, און ווי אזוי דער קאמיקער בערנשטיין האט
בלויז א י י ן האנט — איך זאג אייך, מיסעס נעקסט־
דאראוויטש, איך קאן אייך גאר נישט אזויפיעל דערצעה־
לען, וואס דארטען טוט זיך אפ. איך האב געוויינט ווי
א קליין קינד. איהר מוזט עס געהן זעהן.

און אט אזוי ווערען ערפאלג־פיעסען געמאכט!

„דער פרייז פון זינד" איז פארפאסט פון אונזער אל־
טען פריינד מאסיו איציק. איגנאץ איז דער ש נ ע ל־
ס ט ע ר ביהנענדיכטער וואס מיר האבען — א חוץ גיל־
ראד'ען. אבער יענער איז א ליריקער — ער שרייבט
ליריקים.

פאלט איזידאר'ן איין א דראמאטישע אידעע, נעמט
ער גלייך די פען אין האנט אריין און נעהט־אויף א פיע־
סע מיט טיפען און כאראקטערע און קלימאקסען און —
דער רוח ווייסט וואס נאך! ער ארבייט שנעל, פיבער־
האפט און, ווי א בלינדער בעקער, וואס פליאסקעט שטי־
קער טייג אין הייסען אויווען אריין, אזוי פליאסקעט
אונזער איגנאץ מיט שטיקער דראמא, איהר זאלט מיר
ענטשולדיגען. און פונקט ווי טינט, אז זי גיסט זיך אויס
אויף פאפיר און צעפליסט זיך, ווערט — ס'רוב — דער־
פון עפעס אזוינס וואס איז עהנליך צו א געשטאלט, צו
א צייכנונג, אזוי ווערט פון איציק'ס דראמא עפעס אזוינס
וואס איז עהנליך צו א ט ע א ט ע ר ־ ש ט י ק. ווייל
עס קאן דאך אנדערש נישט זיין. ווייל איציק שרייבט
דאך נישט קיין דראמען, נאר ער זאמעלט צונויף
אומגליקען פון אלע עקען וועלט און — ער גיסט זיי אויס
אויף דער ביהנע. און די דאזיגע אומגליקען צעפליסען
זיך און מאכען א פלעק וואס, אז מען וויל קאן מען זא־

נען, אז ס'איז א מענש און אז מען וויל קען מען זאָגען, אז עס איז א פּיפּערנאָטער. דאַן קומען צוגעהן די העררען פון דער קריטיק, לייגען ארויף א פינגער אויף דעם קליעק, צעפּיהרען איהם נאָך מעהר און ערקלערען, אז דאָס איז א געשטאַלט פון א נביא, וואָס רייט אויף א וואָל־קען. און אז דער מחבר איז א רויה שטיק גאָלד, וואָס מ'דאַרף עס ערשט אויסגראָבען, א זונענאויפגאַנג אין עמבריאָ, א נישט־געשליפענער בריליאַנט, און אז ער האָט א זעלטענע טעכניק.

דער אינהאַלט פון „פּרייז פון זינד" איז — נישט. און דאָס ביסעל וואָס א י ז, איז אזוי אַלט ווי די אָנגענומענע טעאַטער־מיינונג, אז א הייזעל איז אַן אָרט וואו מיידלעך זיצען און וויינען און בענקען אהיים; אזוי פאַלש ווי דאָס אָנגענומענע טעאַטער־געזעץ, אז אַן אינטעליגענטער מענש מוז טראָגען ברילען, און אז דער קאָמיקער מוז טרינקען רויטגעפאַרבט זאָדאַ־וואַסער ביי יעדער גע־לעגענהייט.

פּאַוזע. דאַן א פּאָר ווערטער וועגען דער זינד אַליין:

ליעבער טעאַטערגעהער, לאָז זיך נישט איינרעדען, אז די זינד איז אזוי לאַנגווייליג ווי מען שטעלט זי דיר פאָר אויף דער אידישער ביהנע. איך וויים, אז דו ביזט אַן אָרימער מענש און דו קענסט נישט באַהויפּטען צו באַ־צאָהלען אַן אנשטענדיגען פּרייז פאַר דיין זינד. דו גע־ניסט דיין זינד צו ר ע ד ו צ י ר ט ע פּרייזען. אָבער גלויב מיר, אז א ז ו י אומאינטערעסאַנט, ווי אין קעסלער'ס טעאַטער, איז זי נישט, די זינד. און א ז ו י בלוטלאָז אויך נישט. און איהר פּרייז, מיין ליעבער טע־אַטערגעהער? — אַך, עס איז דאָך א ליגען! דער פּרייז פון זינד איז נישט קאַרבאָל, נור פּאַרקערט. קום מיט מיר, דו ליעבער, נאַאיווער, אומשולדיגער טעאַטער־גע־הער, קום מיט מיר אין צענטראַל פּאַרק, באַטראַכט די רייכע אָטאָמאָבילען, טייערע לימאָזינען. זעה די דאַמען דאָרט אינווענינג, די געזונטע, די צופריעדענע, די פיין־

געקליידעטע, — דאָס איז „דער פרייז פון זינד". נישט ביי אַ ל ע, נאַטירליך. אָבער ביי אַ טייל פון זיי. און דער דאָזיגער "פרייז פון זינד", מיין פריינד, איז נישט דראַמאַטיש, נישט טראַגיש, נישט האַרצרייסענד, נישט טרערנצאַפּענד, אָבער אמת! אַזוי אמת, ווי עס איז אמת, אַז מאָס׳ו איציק זאָלאָטאַרעפּסקי איז אפילו נישט קיין גוטער קונסט־באַלמעלאָכע.

„דער פרייז פון זינד" איז געשריבען געוואָרען פון אַ מענש וואָס האָט ב אַ מ י ס ט ע ר ט זיין מאַטע־ריאַל. דאָס איז דער גרעסטער חסרון פון די זאָלאָטאַ־רעפּסקי׳ס —זיי שרייבען דאָס, וואָס ז י י ו ו י ל ע ן. מענשען מיט טאַלאַנט שרייבען געוועהנליך נישט דאָס, וואָס זיי ווילען, נור דאָס, וואָס זיי קאָנען. און דאַן קומען אַרויס גוטע דראַמען. זעה „ניו"!

פון די שפּיעלער האָט זיך, דאַנקען גאָט, קיינער נישט אויסגעצייכענט. און לאָמיר האָפען, אַז זיי האָבען גענוג גוטען געשמאַק זיך נישט צו ו ו ע ל ע ן אויס־צייכנען אין אַזאַ שטיק. קעסלער, בערנשטיין, נאַטאַנ־זאָן, היימאַן, מאַרק שווייד, בעסי וויסמאַן, מאַדאַם נאַ־דאָלסקי, מאַדאַם שנייער, מאַדאַם ווילענסקי — אַלע זענען נעביך געווען פאַרנומען צווישען די שטונדען 8:30 און 11:30 לעצטען פרייטאָג נאַכט, מיט פאַרשאַ־פען האַרצוועהטאָג אייער קאַפּריזנעם און זעהר־פעהיגען משה נאַדיר.

מלחמה־מאמעס

אומאר: הערר עקס.

טעאטער: טהאמאשעפסקי׳ס.

אהן א פארדעדע, מיינע הערדען. איהר זענט נער־וועזע מענשען, און איך אליין בין א ו י ך א נערוועזער מענש, און איך ליד פון — טעאטערגעהן. און דאס איז א שרעקליך ליידען, מוטער מיינע. איך קום אט־ערשט פון די „מלחמה־מאמעס", ביי וועלכע דער מחבר האט מיר גערערעלט דעם רוקענביין מיט א מצה־רעדעלע, און מיך אין דערזעלבער צייט געקיצעלט מיט אלערליי קיצלונגען, און איך האב געזעהן און באמערקט ווי די פיעסע איז זיך פון צייט צו צייט ארויסגעגאנגען רוי־כערען א ציגארעטעל, אדער צו טון אנדערע מענשליכע נויטיגקייטען און די ביהנע איז געבליבען פיעסענלאז, אזוי צו זאגען! און אנשטאט א פיעסע האבען מיר פון צייט צו צייט געזעהן און געהערט און באמערקט, ווי עפעס א איד מיט א אידענע זאגען איינס צו ס׳אנדע־רע, און ווי ער מאכט צו א י ה ר, און זי מאכט צו א י ה ם. און ווי מ׳שמועסט זיך אזוי פאוואליטשקע, און מ׳רויכערט די געוויסע ציגארעטען. און די פיעסע איז נאך אלץ אפוועזענד — ש ט א ר ק אפוועזענד. און מען ווייסט נישט ווען וועט זי קומען. „אפשר" — הויבט מען אן טראכטען — „איז זי ארויסגעגאנגען שפאצירען, און זי וועט נישט קומען? אדער אפשר איז זי אוועק צו גאסט צו איהרער א מוהמען?"

און דערווייל געהט עס און ס׳געהט, ציהט זיך און סע ציהט, שלעפּט זיך און סע שלעפּט, סקריפּעט עס און סע סקריפּעט, און דער וועג איז אזוי ווייט און אזוי הארט און אזוי אומענדליך!

„מלחמה־מאמעס“ זיינען, א חוץ אלע זאכען, זעהר אינטערעסאנט, צוליעב דעם טעמפּא, מיט וועלכען זיי געהען. אזוי, למשל, פּאסירט, אז דער ערשטער אקט שטעהט אפשר א האלבע שעה אויף איין אָרט און ריהרט זיך נישט, גלייך ער וואָלט געוועז נישט אן ערשטער אקט פון א מעלאָדראמא, נור אן איינגעשפּארטער מויל־עזעל. שטעהט ער אזוי, דער ערשטער אקט, און דער באלעבאָס פּרובט איהם אונטערטרייבען, קיצעלט איהם מיט דער בייטש הינטערן עק, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, אָבער סע העלפט נישט. נור מיט אמאָל — ווי עס איז די טבע פון מויל־עזלען — גיט דער ערשטער אקט א הויב־אויף די אונטערשטע פיס און צעראָזפּאָלאָשעט זיך מיט אזא שנעלקייט, אז די פּיעסע איז אין א סכנה איבערגעפאָרען צו ווערען פון זיך זעלבסט. שפּעטער א ווײלע, אין צווייטען אקט, בארוהיגט זי זיך ווידער, די פּיעסע, און שטעהט די גאנצע צייט מיט פארדרימעלטע אויגען, און סע בויגען זיך איהר די פיס פון שלעפעריגקייט, און אזוי שלאָפט זי שוין אָפּ איהרע פּאָר יאָהרען אין עושר און אין כבוד.

דער אינהאלט פון „מלחמה־מאמעס“ איז זעהר א שיטערער, און מען דארף האָבען זעהר א שיטערען אינטעלעקט איהם אויסצוטראכטען. און מען דארף זיין אן עכט־אידישליכער מענש, אָהן א פּונק פון רעליגיעזער הארציגקייט, כדי צו לאָזען דעם גוטען גוי פון דער פּיעסע ענטפערען אויף דער פראגע פון דעם אידישען אידען: „וואו איז גאָט?“ מיט „טשאָרט יעווא זנאיע!“ מען דארף זיין א אידישליכער דראמאטורג, כדי אָהן שום תירוץ ארויסצופאָהרען מיט „ציון“ און מיט דער אמעריקאנישער פאָהן. און מיט פילמבילדער פון דער מלחמה.

מען דאַרף זיין אַ — (דאָס וואָרט אויסגעשטראָכען, ווייל עס איז צו שטאַרק!) כדי אַרויסצושטעלען אויף די ברעטלעך די יזכור־סצענע פון אַ שוהל — אַזוי לע־גענדאַריש־הייליג, אַזוי דורות־לאַנג אָפּגעשלאָסען פאַר דער וועלט. מען דאַרף זיין אַ פּראָפעסיאָנעלער דראַמען־שניידער אַרויסצושלעפען אויף דער סצענע ספרי־תורות און טליתים, בלאַסע זקנים און פרויען וואָס פאַלען אין חלשות ווען מען איז מזכיר די נשמות פון זייערע זיהן, כדי אַרויסצומוטשען פון אַן אָרימען טענעמענטמענש אַ דאָלאַר פאַר אַ בילעט; און מען דאַרף זיין אַ פאַרבי־טערטער, פאַריאָמערטער, פאַרפינסטערטער טענעמענט־מענש, כדי צו צאָהלען געלט פאַר דער פּריווילעגיע צו זיצען אויף דער אויבערשטער באַנק פון דעם דראַמאַטי־שען שוויץ־באָד און שרייען „גוואַלד" און הנאה האָבען פון דער שטיקענדער היץ און פון דעם טשאַד, און פון דעם געשריי, און פון דער הארצשוואַכונג און פון דעם קאָפּ־שווינדעל.

איך האָב געוואָלט זאָגען נאָך פריהער: עס איז נישט אמת, אַז דער אידישער טעאַטער־געהער וויל וויינען און לאַכען צו דערזעלבער צייט. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם עולם ביי די „מלחמה־מאַמעס" און איך האָב געזעהן ווי ביי דיזעלבע סצענען האָבען אַ טייל מענשען געלאַכט, און אַנדערע האָבען געוויינט. איז מיר איינגעפאַלען אַט אַזאַ מין זשעניאַלער פּלאַן: פאַר־וואָס נישט איינטיילען ס'טעאַטער אין צוויי העלפטען: איין העלפט פאַר די, וואָס ווילען וויינען, און איין העלפט פאַר די, וואָס ווילען לאַכען? מען קאָן ביי דער קאַסע שטעלען די פראַגע צום טעאַטער־געהער: „איהר ווילט לאַכען, אָדער וויינען?" — אויב וויינען, קאָן מען רעכענען מיט 50 סענט מעהר, ווייל די טרערען פון מיין „פּאָליעק" זענען אַ טייער אַרטיקעל, זעהר אַ טייערס! נישט אַזוי, הערר טהאָמאַשעווסקי?

———

פון די שפּיעלער האָבען זיך אויסגעצייכענט: די עטליכע א מ ת ־ ב אַ ש י י ט ע ל ט ע ווייבער אויף דער גאַלעריע פון דער שוהל, אין דריטען אַקט! עהרליכע אידישע פרויען, זענען זיי געווען אמת גערירט פון דער יזכור־סצענע, און זיי האָבען אַזוי עהרליך געוויינט פאַר דעם באַשטימטען פּרייז. מיר האָבען שוין לאַנג געזאָגט, אַז אַ ל ע מענשען זענען מעהר־וועניגער גוטע אַקטיאָרען, אַ חוץ אַ ק ט י אָ ר ע ן.

די שקלאַווען פון אַ פאָלק

אוטאָר: אָסיפ דימאָוו.
טעאַטער: אַדלער'ס גרענד.

„שקלאַווען פון פאָלק“ איז אַ פיעסע מיט אַ דזשימדזשיק — עס מאַכט נישט אויס וואָס דאָס וואָרט זאָל נישט באַדייטען. עס איז נישט קיין טעאַטערשטיק, נאָר אַ דראַמאַטישע רעוואָלוציע. אַ אַמאַר־נעדאָן. סעדאָן. אָסטערליץ. יענאַ. סאַן־זשואַן הילל. געטיסבורג. מאַרן. עס איז אַ פּאַטש אין פּנים דעם אידישען טעאַטער, זיינע גראָביונגישע דירעקטאָרען, אַנטעפּרענאָרען, אַקטיאָרען, רעזשיסאָרען, מוזיקער און דעם נאַרישען עולם וואָס סובסידירט דידאָזיגע דראַמאַטישע משוגעים־הייזער. דער נאָמען „שקלאַווען פון פאָלק“ איז, פאַרשטעהט זיך, בלויז אַזאַ משל. דימאָוו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער גראַביונגישער טעאַטער־דירעקטאָר וואָס וויל אַ פלעי מיט ציניזם, אָדער ציוניזם און ביי וועמען די ווערט פון אַ טעאַטערשטיק ווערט געוואויגען לויט דער מאָס פון רענדלאַך, וואָס ווערען אריינגערענדעלט אין זיין טאַש, און וועלכער איז גרייט צו שטעלען אַפילו ליטעראַטור, אבי עס זאָל ברענגען געלד — אַזאַ איינער איז נישט קיין שקלאַוו פון פאָלק. ער איז גיכער אַ שקלאַוו פון זיך אליין, פון זיין שלעכטער ערציהונג, פון זיין לויזען שכל, פון זיין צרה'דיגען באַגריף פון דעם קרעמעל וואָס רופט זיך טעאַטער. אפילו דער דראַמאַטורג איז

נישט קיין שקלאַוו פון פאָלק, — איג׳ם הערצאַישען זין פון וואָרט. ער איז נישט מעהר א ש ק ל אַ ו ו פ ו ן פ אָ ל ק ווי דער ציפֿרונג־קרעמער איז דער שקלאַוו פון זיינע קונדען, אָדער דער שוסטער דער שקלאַוו פון עטלי־כע טויזענד פּאָאר פיס. דער קינסטלער איז נישט קיין שקלאַוו פון קיינעם. א מענש מיט טאַלאַנט קען נישט א ר י י נ פ א ל ע ן אין דער קונסט אויף באַשטעלונג, פּונקט ווי ער קען נישט א ר ו י ס פ א ל ע ן פון דער קונסט בלויז דערפאר, וויי דער דירעקטאָר ו ו י ל אַזוי. דער אמת איז, אז דער אידישער טעאַטער־קייזער שטעהט בשום אופן נישט העכער פון זיין סטענדינג־רום־פּאָלק, אָדער פאָליעק. אין בעסטען פאַל, שטעהט ער ג ל י י ך מיט איהם. די אורזאך פארוואס א געווים טעאַטער אויף דער בויערי טוט אַזוינע גוטע געשעפטען איז ווייל דער געשמאַק פון זיין דירעקטאר איז א גוטע מאָס פאר דעם געשמאַק פון דעם עולם וואָס פילט אָן זיין עמפּאָריום, דאריבער וועט איהר זעהן אז פלאַכקעפּיגע בחורים פון דעם סאָרט וואס ראַזירען זיך דעם קארק ביז איבער די אויערען, און קראנקליך־סענטימענטאַלע מיידלאך, וואָס רעדען פון אייביגער ליעבע און טרוימען פון חתונה האָ־בען מיט איינעם וואָס שפּיעלט אויף א קלאַרנעט, ציהען זיך צו דעמדאָזיגען טעאַטער, ווי הייליגע וואַנדערער ציהען זיך קיין מעקא, רוים און ירושלים.

„שקלאַוועו פון פאלק“, איז א פּאַראָדיע אויף א פּאַראָדיע. עס איז א קאָמעדיע איבער דער נאַרישער קאָמעדיע, וואָס מ׳רופט אידיש טעאַטער. עס איז די טעאַטער־וועלט אין פלאַמען. עס איז אלע פּראָטעסטען קעגען טעאַטער, פאראייניגט אין 4 אקטען, און א קליין ביסעל אָבגעשוואַכט, כדי דער מענעדזשער פון יענעם טעאַטער זאָל עס וועלען קויפען. עס ווייזט אייך ווי געלד־גייציג עס זיינען אונזערע דראמענקרעמער, די ראָ־זענדאָרפס! ווי נידעריג! זיי וועלען זיך גערן אוועק־לייגען אויפ׳ן טיש און זיך לאָזען אפּשמייסען פון ג ע־

פּאַקטע הייזער, אבי עס זאָל זיין אַ סוקסעס. פאַר אַ סוקסעס וועט איך אַ טעאַטער מענעדזשער אוועקגעבען דאָס היילינסטע וואָס ער פאַרמאָגט — זיין באַנקביכעל. צוליעב אַ סוקסעס וועט ער פאַר־וואַנדלען זיין טעמפּעל אין אַ — שטאַל, אָדער אין אַ שוויצבאָד. צוליעב אַ סוקסעס וועט ער שפּרינ־גען אין מקוה, זיך אנטון אין האַמלעט'ס פּלודערען, אין מיטען דער וואָך, שפּיעלען ווירגיניוס, זיך שטעלען אויף אַן אויער, קרעהען ווי אַ האָהן, לאַכען ווי אַן אייזעל, רע־דען ווי אַ „זשענטעלמאַן פון בונעס אירעס" — אבי דאָס הייליגע קעסטעלע זאָל זאָגען אמן.

אין „שקלאַווען פון פאָלק" האָט יאַקאָב פּ. אַדלער באַוויזען אַז ער איז אַן אמת'ער קינסטלער, מיט אַ גע־זונטען חוש פאַר דאָס שעהנע און דאָס עכטע. זעהר ווענינ שוישפּיעלער אין ניו יאָרק וואָלטען געוועזען מוטיג גענוג אויפצופיהרען אַזאַ פּיעסע, אפילו ווען דער מענעדזשער וואָלט איינגעאַנגען דאַרויף. טעמפּע מענשען שרעקען זיך געוועהנליך פאַר יעדער סאַטירישער אַנשפּילונג וואָס ווערט געמאַכט אויף זייער חשבון. אַ אידישער אַקטיאָר קען פאַרטראָגען די ערגסטע און דומטענדסטע וויצען וועגען אַלצדינג, אָבער די איידעלסטע סאַטירע אויף אַ שוישפּיעלער רעגט איהם אויף. די מינדסטע אָנ־שפּילונג אויף זיין טאַלאַנט ברענגט איהם אריין אין אַ דעליריום־טרעמענס, אין אַן עפּילעפּסיע פון זידעלווער־טער. דער קלאַסישער נאַר וויל נישט ארויסגעהן פון באָד, און ער שטעלט זיך קריגען און שרייען, אַז ער איז נישט קיין נאַר.

איך קען, למשל, אַ אידישען שפּיעלער וואָס האָט זיך באַליידיגט דערפאַר, וואָס איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער שפּיעלט סופערב — ער האָט נישט געוואוסט דעם טייטש פונ'ם וואָרט.

ה' יאַקאָב פּ. אַדלער און זיינע מיטשפּילער — זאַמץ, שעהנגאָלד, פראַנציס אַדלער, יוליאַ אַדלער, מאַדאַם

אפעל, שאכט, קאהן, מייזעל, טענענהאלץ — אלע פארדינען וועגעלעך מיט באנבאנעס, גאלדענע זייגערלעך, דערפאר וואס זיי האבן געהאט דעם מוט אויפצושליסען דעם סאנקטום פון דער פראפעסיע, און ווייזען, אז אינווענינ איז נישטא מעהר ווי שימעל, שפינוועבס, עגיפטישע קרעץ, לויפרויזען, און באשעפטיגטע מייז. די גאנצע „הינטער־קוליסען מיסטעריע“, וואס רייצט אזוי די ראמאנטישע יונגע לייט און איז גורם, אז זיי זאלען שטעהן לעבען דער טיהר פון דער ביהנע און ווארטען צו כאפען א קוק אויף דער פרימאדאנא, אדער אויף דעם פרימאסעניאר — די דאזיגע מיסטעריע איז מיט אמאל ענטצויבערט געווארען, און זי שטעהט איצט נאקעט און גרוי און מיט א רויטער נאז — אויף די ברעטער פון גרענד טעאטער.

„ווער איז דער טאַטע ?“

אוטאָר : שלום אַש.
הויפּטשפּילער : יאַקאָב פּ. אַדלער.
טעאַטער : אַדלער'ס גרענד.

ס'רוב פּיעסען אין אידישען טעאַטער זענען מ י ט א מ אָ ר א ל. די מאָראל איז : געהט נישט צו די דאָזיגע פּיעסען !

אַש'ס פּיעסע האָט נישט קיין שום מאָראל. זי איז אַזוי ריין פון יעדען מוסר־השכל, ווי א זונאויפגאנג אין ניקערבאָקער עוועניו, ווי דער פּייף פון א יונגען, אַמ־ביציעזען לאָקאַמאָטיף. ווי דאָס פארשווינדען פון א וואָלקענפּערד הינטער מנחם'ס ליעדער.

„ווער איז דער טאַטע ?“ (דער אמת'ער נאָמען פון'ם שטיק איז „דער בונד פון די שוואכע“ און איז געשפּיעלט געוואָרען אונטער דעמדאָזיגען נאָמען אין ריינהאַרד'ס טעאַטער אין בערלין) איז א פּיעסע, וואָס לויפט נישט ארויס אַלע ווייל מיט פארשידענע תירוצים, ווי דאָס קלינגען פון א טעלעפאָן, דאָס צוגעברענטע טעפּעל, און אַזוי ווייטער. עס איז א פּיעסע, וואָס איז אַזוי פארנומען מיט זיך זעלבסט, אַז זי האָט אפילו נישט קיין צייט צו עסען און זי מוז זיך באַגניגען מיט טרינקען טיי.

„ו ו ע ר א י ז ד ע ר ט א ט ע ?“ איז אַן אויסדרוק פון אַש'ס פּערזענליכקייט. עס איז שלום אַש. עס איז דער פלינקסטער, אוממיטעלבאַרסטער זשעסט פון אַש'ס קינסטלערישער האַנט — נישט געוואויגען, נישט

אויסגערעכנט, דאריבער אזוי עכט, אזוי עהרליך, אזוי נאקעט.

אין „ווער איז דער טאטע?" האט שלום אש אפגעבונדען אלע זיינע סים־און־אנטיפאטיען פון דער גאלדענער קייט, וואס הייסט „סטיל" און זיי געלאזען געהן אזוי ווייט ווי זיי ווילען — אויף זייער אייגענער אחריות. עס איז דאס אויפריכטיגע שטאמלען פון א מענש, וואס האט אין אן אנפאל פון עהרליכקייט פארגעסען צו ריידען שעהן און יום־טוב'דיג און געפערעלט.

„ווער איז דער טאטע?" הויבט זיך אן דערמיט, וואס הערש לייב דער בעל־עגלה איז אהיימגעקומען אויף פסח צו זיין ווייב. די לעצטע איז פון איהם פארפרעמדט געווארען צוליעב דעם שטאטישען ר א ז י ר ע ר, וועלכער איז געגנוג פוילענצער און בראנפענטרינקער צו זיין א גרויסער קינסטלער — ווען ער זאל נאר ז י י ן. דער געמליכער א ר ט י ס ט א איז טעאטראליש פארבענקט נאך דער אומשטערבליכקייט — ווי מיר אלע, מיינע ליעבע קאלעגען. ער איז אונזער שוואכער מאמענט, אונזער נארישער שפיגעל. ער פארלאזט ווייב־און־קינדער צוליעב ליעבע, צוליעב פריהלינג, צוליעב אטמאספערע. עס עקעלט איהם פון די קליינשטעטעלדיגע מענשען, וועלכע ער מוז רייבען א מארדע (איך האב דורכגעלעבט ס'זעלבע געפיהל זינט כ'האב גענומען שרייבען מיינע טעאטערייען). ער טרוימט, אז ער וועט ווערען א גרויסער ארטיסט, און דערווייל שפיעלט ער א ליעבע מיט הערש־לייב'ס שעהן ווייבעל — מאדאם ראזא.

ראזא־ראזירען? ראזירען־ראזא? — דאס איז די פראגע פון וועלכער ער קען זיך נישט ארויספלאנטען. זיינע ראזארייען בלייבען נישט סוב־ראזא. נאר פ א ר ־ ק ע ר ט. הערש לייב דערוואוסט זיך דערפון, אבער ער פראטעסטירט זעהר וועניג. ער בעט זיך נאר מיט גוטען, אז זיין געזעצליך ווייב זאל איהם לאזען איבערנעכטיגען. און אז סע העלפט נישט, בעט ער ביי דעם

ארטיסט, אז יענער זאָל פאַר איהם ג ו ט - ז אָ ג ע ן.
און ווען הערש לייב איז שוין פאַר'שיכור'ט און צערייצט, וואַרפט מען איהם אַריין אונטען אינ'ם קעלער, וואו עס וואוינען דעם א ר ט י ס ט 'ס ווייב־און־קינדער. אין צווייטען אַקט זעהן מיר הערש־לייבען אונטען אין קעלער אין איינעם מיט'ן ארטיסט'ס פרוי חנה'לע. עס איז ביינאַכט. די קינדער שלאָפען. הערש־לייב רייצט זיך מיט דעם ארטיסט'ס פרוי, אז ד י י ן מ א ן א י ז א ו י ב ע ן ב י י מ י י ן ו ו י י ב און זי ענט־פערט איהם, אז ד י י ן ו ו י י ב א י ז א ו י ב ע ן מ י ט מ י י ן מ א ן. עס הערט זיך אַ שיכור גע־לעכטער פון אויבען. הערש־לייב זאָגט: דאָס לאַכען זיי פון דיר. חנה'לע זאָגט: דאָס לאַכען זיי פון דיר. עס וועקען זיך אויף די קינדער. הערש־לייב, וועלכער איז אַ פּאָטערליכער מענש, האָט אין די טאַשען אַלערליי שפּיעלצייג פאַר די קליינוואַרג. ער איז דער טעאָרע־טישער פאָטער פון אַ סך נאָך־נישט־געבוירענע קינדער. ער איז ד ע ר ו ו ע מ ע ן ד י ק י נ ד ע ר ה אָ ־ ב ע ן ל י ע ב — דער סימבאָלישער „פּיטער־פּאַן“, וועמען די קינדער לויפען נאָך. זיי דערוואַכען און גיהען אַרום איהם אַ טאַנץ און שלעפּען די מוטער נעענטער צו איהם. צום סוף באַשליסט הערש־לייב צו נעמען חנה'־לען מיט די קינדער און מיט זיי אוועקגעהן. עס הויבט אָן טאָגען. עס פייפט דאָס באַרימטע בלעכענע יוניאָן־קאַנאַריקעל. אין אַן ענגער, צוגעטוליעטער גרופּע שטעהט דאָס אַרימע געזינדעל פון דער קעלער־שטוב, און הערש־לייב — דער שטאַרקער, דער מעכטיגער, דער שוואַכער, דער פאַרלוירענער שפּרייט איבער זיי אויס זיינע מאַכטיגע אַדלער־פליגעל. עס קומט דער א ר ־ ט י ס ט און מאַכט טעאַטראַלישע שטיק. ער דעקלאַ־מירט אַ גרויסען מאָנאָלאָג וועגען פּאָטערליעבע, אָבער זיי הערן איהם נישט און לאָזען זיך צו דער טיר און ווי־

לען אריינלאָזען דעם דרויסען. אָבער דאָ מישט זיך אריין דער הערר פאָרהאנגפאלט און — לאָזט נישט.

אין דריטען אקט, וואוינט הערש־לייב מיט חנה׳לען און מיט איהרע קינדער. אָבער דאָס שטעטעל האָט זיך שוין דערוואוסט פון דער גרויסער עברה און מ׳שיקט איהם א שאלאטען־שמש ער זאָל ארויסטרייבען חנה׳לען. עס קומט דער רב און טענה׳ט צו איהם א י ן נ אָ ־ מ ע ן פ ו ן ד י ק ל ײ נ ע ק י נ ד ע ר װ א ָ ס ש ט א ר ב ע ן, אָבער הערש־לייב ענטפערט אויף דעם, אז ז י א י ז א כ ש ר װ י י ב ע ל. צום סוף קומט ראָזא מיט איהר פאָטער און מיט דעם ארטיסט. די שעהנע ראָזא טעדאבארעט, קאָקעטירט און וויל זיך איבערבעטען. דער פרימיטיווער הערש־לייב באשליסט פונדעסטוועגען צו גט׳ן זיין געזעצליך ווייב און לעבען מיט חנה׳לען. אז ער דערוואוסט זיך, אז לויט׳ן אידישען דין טאָר ער מיט חנה׳לען בשום אופן נישט וואוינען, ווייל זי איז אן א ש ת ־ א י ש און אז זי (חנה׳לע) טאָר נישט מעהר וואוינען מיט איהר פריהערדיגען מאַן, כאָטש ער אליין (הערש־לייב) מעג וואוינען מיט זיין פריהעריג ווייב, דערפאר ווייל ער א י ז א מ א נ ס ־ ב י ל א ו ן א י ה ם װ ע ט ג א ָ ט מ ו ח ל ז י י ן. דעמאָלט פלאקערט אין איהם אויף דער כעס, ער דערשטיקט זי און דאן קומען זיי ביידע ארויס און פארנייגען זיך פאר׳ן פובליקום.

שלום אש איז בטבע א גוטער מענש און ער וואָלט אפשר נישט געענדיגט זיין שטיק אזוי טעאטראליש, ווען — ער זאָל קענען ענדיגען אָהן אן ע נ ד ע. אָבער אזוי ווי יעדער זאך מוז זיך ענדיגען מיט א סוף, און אזוי ווי דער נאטירליכסטער, גרינגסטער, אויס־געפריפסטער סוף פון אלע זאכען איז דער טויט, ערגאָ —

אין „ווער איז דער טאַטע?“ טוט שלום אש נישט אראָפנידערען צו זיינע העלדען, ווי עס טוען די מ אָ ־

ד ע ר נ ע ד ר א מ א ט ו ר ג ע ן. ער לאָזט זיך נישט אראָפּ פאר זיינע געשטאלטען אויף דער קניע און ער שטעהט נישט פאר זיי אין בלויזע ציטערניש — ווי זיי וואָלטען געווען זיינע ה ע ר ש ע נ ד ע ש ק ל א פ ע ן.

אש נעמט זיין וואָכעדיגען העלד, זעצט איהם ארויף אויף א פערד, טוט איהם אָן א פארביגען גארטעל, וועל־כער פלאטערט אין ווינט, דעקט איהם צו ס'פּנים מיט עפּעס א האלב־סימבאָלישער מאסקע, און ער רייט מיט איהם וואלד־איין, וואלד־אויס, ביז וואנעט די שאָטענס פאלען אזוי געדיכט, אז מען ווייסט נישט מעהר ווער ס'איז דער העלד און ווער ס'איז אש.

„ווער איז דער טאטע?" איז א פארשלאָסענע, וואָ־רימע, אביסעל אָנגערויכערטע שטוב, אָ ה ן א ד ר ו י ס ע ן. זיצט איהר דאָ, הערט איהר זיך צו צו דער געשיכטע, וואָס ווערט דערצעהלט מיט אזא נישט־געקינסטעלטען טאָן, און פיהלט זיך א גליקליכער און אָפּגעזונדערטער. א שמעקעדיגע ליולקע, א גלאָז גוטען פּונש, א ווארימע האנט און איהר זיצט האלב־אָנגעלעהנט און איהר הערט—מעהר מיט'ן הארץ ווי מיט'ן אויער — עפּעס א טרויריגע געשיכטע, וואָס טוט אייך נישט שטארק וועה, ווייל איהר זעהט דאָס ליעבע, שמייכעל־דיגע פּנים פון דעם דערצעהלער.

"NJU"

אוטאָר : אָסיפּ דימאָוו.
טעאַטער : בענדבאָקס.
דעקאָראַציעס : אַרדינסקי־אורבאַן.

„דהי בענדבאקס" איז א קליין טהעאטערעל און זעהר אינטים. אין פראָנט פון דער ביהנע — דאָרט וואו עס זיצען געוועהנליך די מוזיקמאכער — א מין טעפּיך מיט קליינרויטע בלומען. אזוי ווארים. אזוי היימיש. סע דאכט זיך דיר אוים : אָט וועט זיך פאנאנדערטיילען דער רויטבלאָהער, נישט געשמאקער פאָרהאנג, וועסטו צוגעהן צו דער ביהנע און א פרעג־טון ביי די שוישפּיעלער : וואָס מאכען זיי עפּעס ? און וואָס האָט מען זיי נישט געזעהען אזא לאנגע צייט ? און די באזוכער זיינען אויך אזעלכע וואָס קאָנען איינס ס׳אנדערע : עס איז א פאמיליען־טהעאטער אין דעם זעלבען זין וואָס א גרויסער ביפשטעיק, איז א פאמיליען־שטעיק. און דו ערוואַרטסט הינטער דיר אזעלכע פראגען ווי : „וואו איז היינט פּעשע ? עפּעס זעהט מען נישט לייזער׳ן ?" און אז דו זאפסט אריין מיט׳ן אויג ס׳גאנצע טהעאטערעל, מיט די 250 בענקלעך. ווייסטו נישט, ווי אזוי אזא קליין טהעאטערעל קען אויסהאלטען א שטיק פון דריי־פיער אקטען. עס דוכט זיך דיר אז מעהר ווי צוויי אקטען וועלען נישט אריין אהערצו, אפילו ווען מען זאָל זיי אריינקוועטשען מיט א קניע און צומאכען די טהיר. דערנאָכדעם נעמסטו ס׳פּראָגראם אין האנט אריין,

זעהסטו: „ניו, א שטיק אין צעהן עפיזאָדען" — לאַכ־סטו ס'גרעסטע געלעכטער: און דו מיינסט אז דו האָסט דאָ צו טון מיט א וויצבלעטעל. ווערסטו פאַראינטערע־סירט און דו ליינסט אין דעם זעלבען פראָגראם אן אר־טיקעל פון פייער קאָמיסאר אדאמסאָן, אין וועלכען ער שרייבט: אין פאַל פון א פייער, לויפט נישט צו דער טהיר נאָר געהט פאַמעליכען. וואָס איז די איילעניש? (אונטערשריפט.)

דערנאָכדעם צעשארען זיך די פאַרהאנגען און דו זעהסט „ניו" — איינע האָט געהייסען „ניו„ אָדער „ניורא". א ליעב באַשעפעניש, פון נישט קיין אנדערען געשלעכט ווי דאָס ווייבליכע, און זי איז יונג און נאאיוו און ליעבעס־דורשטיג, און פארהייראט צו א מאנסביל. און דאָס איז א טראגעדיע. פאַרליעבט זי זיך אין א וויטען — א שריפטשטעלער, וועלכער איז נאָך מעהר מאנסביל ווי דער ערשטער, און דאָס אייביג־מאנס־בילשע איז ביי איהם ענטוויקעלט ביז צו פאָעזיע. און „ניו", וועלכע האָט פארלאָזען איהר מאן מיט'ן קינד, צוליעב דעם דיכטער וואָס שרייבט ווערק, אויף פאַרבי־גע פאַפיר־סטענגעס, און רעדט מעהר־וועניגער בער־נארדשאָ'איש — דיזעלבע „ניו" וועלכע האָט זיך אזוי קאַפריזנע איינגעשפארט אין איהר ליעבע צום קינסטלער, ווערט ביסלעכווייז מיעד, מיעד, מיעדער, זעהר מיעד. דעם דיכטערס פראזען וואַרימען נישט מעהר. זענען פאַר איהר צו דורכזיכטיג געוואָרען. עס איז א כשוף־קרישטאָל דורך וועלכען זי זעהט ס'מיסט, אויף וועלכען עס האָבען אויפגעבליהט די אימאָרטעלען פון איהר לעבען, און „ניו" פארשווינדט פונ'ם לעבען שטיל און נישט לויפענדיג — ווי דער פייער קאָמיסאר ראָט אין זיין נאָטיץ אויפ'ן פראָגראַם. און דערנאָכדעם זעהסטו ס'ליידיגע צימער פון דעם ליעבען באשעפעניש וואָס האָט געהייסען „ניו" — און עס טוט דיר אזוי באנג, אזוי באנג. אויף איהר און

אויף איהר מאַן און אפילו אויף דעם געליעבטען, און די הויבסט אָן פאַרשטעהן די טיעפקייט פון דער פראזע: „נישט לויפען אין א פאַל פון פייער“. די דאָזיגע ווערטער, טראַכסטו, האָט טאַקע נאָר געקאָנט זאָגען ענטוועדער א גרויסער פילאָזאָף, אָדער א פייער־קאָמישאָנער.

„ניו“ איז נישט קיין דראמא, פון וועלכער עס שוויצט דאָס אויג און — דאָס איז דאָך באקאָנט — אז דאָרט וואו ס׳אויג ווערט נאַס ווערט טרוקען דער קאָפּ. עס איז א דאנק גאָט נישט קיין שפּיעלבארע דראמא. און די גרעסטע טייל פון דעם וואָס ווערט געשפּיעלט, קומט פאָר הינטער די קוליסען. דער אויטאָר נעמט זיך די גרעסטע מיה אָנצוהויבען די האנדלונג אזוי ווייט ווי מעגליך. עס איז די בעסטגעשטראָכענע פּיעסע וואָס מיר האָבען ווען־עס־איז געזעהן!

מיר האָבען אמאָל געזאָגט אז די אינטערעסאנטסטע מאָמענטען אין אידישע טהעאטער־שטיקער זענען די צווישען־אקטען און מיר האָבען געפרעגט, פאר וואָס עס געפינט זיך נישט עמיצער וואָס זאָל דראמאטיזירען די אנטראקטען? מיר האָבען עס נאַטירליך געזאָגט אַלס וויץ. אָבער דימאָוו׳ס „ניו“ האָט באוויזען אז ס׳איז גאָר קיין וויץ נישט, און אז מען קאָן פארדראמאטיזירען די אנטראקטען, און עס זאָל זיין פיעל פיינער און אינטערעסאנטער ווי די אקטען אליין.

האָב איך שוין געזאָגט? — „ניו“ באשטעהט פון צעהן עפּיזאָדען, פון צעהן אנטראקטען, פון צעהן פּעלי־טאָניסטיש־פילאָזאָפישע נאָטיצען — אויב איהר ווילט. עס זענען קליינינקייטען, הויזליכקייטען, שמועסען, פראזען, רעפּארטי, בערנארדשאָאיזם, דאָס אַל־מענשליכע, דאָס פאטאלע, דאָס לעבערליכע, דאָס טראגישע — אלץ ווערט דורכגעצויגען אין א באוועגליך בילד פאר אייערע אויגען, אין גוט־ארראנזשירטע גרופּען, אנגעווארעמט פון

א מענשליכען אָטעם, און פאַרשאַטענט דורך אַלערליי ווינקלען, און האַלב־טיעפּעניש. די פּיעסע איז נישט געשריבען — נאָר ר ע ז ש י ס י ר ט, אויסגעשטעלט, סצענירט. איהר פיהלט ווי דער אויטאָר ז ע ה ט אַלצדינג אַזוי זיכער און די פּאָזען זענען אַזוי איבערציי־גענד, אַז די ווערטער קומען אָהן מיה, אָהן אָנשטרענגונג. מיט אַ שאַרף מעסער שניידט דימאָוו אויס פון לעבען די קלענסטע קליינינגקייטען — אַ בילד ווי אַ קינד רעדט דורכ׳ן טעלעפאָן, ווי אַ מענש, אין טאָג פון זיין פרוי׳ס טויט, ווערט געריהרט פון אַ שטיקעל זייף און צעוויינט זיך דעריבער, בשעת איבער דעם פאַקט אַליין אַז זי איז טויט האָט ער נישט קיין טרערען, אַ סצענע ווי אַזוי דער מאַן און דער געליעבטער פאַרבייטען זיך מיט די בלומען וואָס דאַרפען געלעגט ווערען אויף איהר קבר, און ווי מ׳דינגט זיך מיט דעם יונג וואָס ברענגט די בלומען וועגען צוויי רובעל. אָט די אַלע קליינינגקייטען ציהט דימאָוו פאָרזיכטיג אַרויף אויף אַ שניר, ווי קליינע פאַרביגע פּערעל, און ס׳ווערט דערפון אַ שפּיעל פון דעם טאָג־טעגליכען „רוסישען לעבען“ — וועלכעס איז אַזוי פיעל רוסיש, וויפיעל די אַמעריקאַנישע אויסשפּראַך פון דעם וואָרט „מאָסיו“ איז פראַנצויזיש. אויף אַזויפיעל טאָג־טעגליך — וויפיעל מאַמ׳ז שאַמפּאַניער איז דער טעגליכער טרונק פון אַ אידישען שניידער.

ניין, „ניו“ איז נישט קיין דראַמאַטישע טאָגטעגליכ־קייט. „ניו“ איז אַ טראַגעדיע דע־לוקס. אַ סאַלאָן־טראַ־געדיע פון אַ פרוי וואָס שלאָפט אויף אַ סאַמעט־באַרג פון רויטע קישענס, באָדט זיך אין אַ טייך פון פליסיגע דימענטען און חלום׳ט שערהעזאַדע חלומות. „ניו“ האָט ליעב איהר מאַן און אויך איהר געליעבטען, אָבער מעהר פון אַלץ האָט זי ליעב די ל י ע ב ע. אָהן וועלכער זי קאָן נישט לעבען.

„ניו“ האָט אַ חוץ די גוטע זאַכען אויך אַ יתום׳על וואָס זאָגט קדיש מיט די אויגען. דער „ניו׳ס באָי“, —

אָדער דער זוהן פון „ניו“, וועלכער קומט אריינצולויפען אין סאמע רעכטען מאָמענט, ווען מען שיסט און עה שרייט: פאהפהא. די גאנצע סצענע מיט דער שיסעריי — צווישען מאן און געליעבטען — איז געמאכט פון זיידען שפינוועבס, באפארבט מיט א זונענאויפגאנג אויף אויסצאָהלען.

דערפאר ווערט דאָס קינד ש פ ע ט ע ר צ ו זעהר אינטערעסאנט און ליעב. (ווי גוט ער קאָן די קינדער, דימאָוו, ער האָט זיי ליעב ר ו י ע ר ה י י ד!) און מאנכע פון דעם קינד'ס מאָמענטען — ווי דאמאָלט ווען די דיענסט לעגט איהם שלאָפען, און בעת ער קומט אריין אין טויטענצימער — זענען אפשר די פארביגסטע אין דער גאנצער פיעסע.

ארויסגעהענדיג פון טהעאטער האָב איך געהערט ווי איין דאמע האָט געזאָגט צו א צווייטער: „איט'ס ע גוד פלעי באָט איט איז ט ו ה נ י ו!“ און איך האָב פארשטאנען פאר וואָס די אמעריקאנישע קריטיקער, וועלכע באגייסטערען זיך פאר יעדען אלטווארג, האָבען אָט־די פיעסע אויפגענומען אזוי קאלט, אזוי סיבירייש.

„אייביגע זינד“

טעאטער: פיפעלס.

אוטאר: וויליאם סיגעל.

מוהטער מיינע. איך האב גארנישט געוואוסט, אז דו ביזט מיין מוהטער. פאהטער, ווארום האסטו מיר גארנישט געזאגט וועגען מיין ליעבער מאמעניע? א, גוטע מענשען, קומט אריין און הערט!!!!! (פינף אין צאהל).

דאס דאזיגע איז א טייל פון א שלום־פארהאנג אין דעם שטיק „אייביגע זינד“. די „אייביגע זינד“ איז נישט געשריבען, נאר פ א ר פ א ס ט — מיט'ן אק־צענט אויפ'ן ליידיגען „פאס“. דער פארפאסער וויליאם־שעקספיער־סיגעל האט דא געטון פארפאסען א פאר־פאסונג. זיין דיקטום: וואס ערגער אלץ בעסער. זיין מאטא (גענומען פון מיר): יעדער טעאטער שטיק קאן האבען אן ערפאלג אין אידישען טעאטער — אויב מ'שפיעלט עס נאר ש ל ע כ ט און מ'סצענירט עס א ב ש י ל י ך.

אין לעצטען האט זיך דער פארפאסער אביסעל אפ־געגנארט. די סצענירונג איז נישט שלעכט. און דאס שפיעלען? אט אזוי, שטעל איך מיר פאר, שפיעלען די בארמהארציגע מלאכים, בעת זיי קריגען א באפעל ארויסצושלעפען פון די באהאלטענע הימעל־קאמערען זעק מיט דיפטעריע — פאר די יונגע קינדער וועגען. זיי קרעכצען און שלעפען די זעק, זיי פארגיסען הימלישע

טרערן, און זיי גיבען פונדעסטוועגען אכטונג, אז א ברעקעל דיפטעריע זאָל נישט פארלוירען־ווערען. די דיפטעריע — דאָס איז דער טעקסט. די ווייספליגעל־דיגע מלאכים — דאָס זענען די שוישפּיעלער פון פּיפּעלם טעאטער. וואָס קענען זיך נעבעך העלפען די אָרימע שירה־זינגער און לכה־דודי־טענצער? נישט ביי זיי איז די מאכט צו זאָגען: גאָטהייט, דו געפעלסט מיר נישט! קאסעקעסטעל, איך גלויב נישט אין דיין כישוף־כח! עס איז א פּארפּאסונג, מיינע ליעבע. עס איז דאָס גע־זעץ פון דער הינטערקוליסען־נאטור און פון דעם טייוועל סעינט־סענטום. קאָן מען די פאָרמולע: מען נעמט אן עסלעפעל מאדאם־עקס, און מען מאדאמעקסלאקסירט — מיט ענטשולדיגונג — מיט דראמא, מיט קאָמעדיע, מיט טראגיזם. דער אופן: א דאָקטאָר אָהן א ווייב. צערי־סענע זעעלען, מיט צוויי „עע", ווי ביי א לעמעלע. א טאָכטער, וואָס האלט זיך ביים אונגליקליכהען פאהטער אין שטוב און ער ווייסט נישט. די מוהטער ווייסט אויך נישט. ביז צום סוף, ווען דער ברידער הייראט מיט דער שוועסטער און פליצים! אָך, זעה! עס הויבט זיך אָן אויספּרעסען — שניידעריש גערעדט. עס הויבען זיך אָן ארייננעהען די אחבעל פון די צעריסענע זעעלען — טאָפּעל־ע, ווי אין „מע־ע". עס לויטערט זיך דער „בי־טערער בעכער, צוליעב וועלכען מען איז מיט'ן לעבען נישט זעכער" (הער דאָס ליעד! האָרך דאָס געזאנג!) און סע ווערט אָלרייט טאקי „האקי־פּאקי" (פארנעם די טרערען פון די צוויי זינג־פייגעל: מאדאם טאָביאס און הערר שעהנגאָלד!) און אלצדינג ענדיגט זיך בכי טוב, ווערי גוד. נאָן פּלוס אולטרא. א חוץ וואָס די מוטער שטארבט א קאפּעטשקע אוועקעט. אוועקגעשטאָרבען, אוועקגעשטאָרבען א פּולע פּוהר מיט ווייבער. זיי גראַ־גערען, זיי גראגערען — א בראָך צו זייערע לייבער. (ענטשולדיגט די גראָבע רייד פונ'ם פאָלקס־ליעד!).

דאָס איז טראגיזם. מאסיוו, נישט וואהר? און ווי

ווערען מיר, אוממענש, קריטיקער, גערירט פון איהרע לײדעהן. זי לײדעהט, װײל ער, דער העלד, האָט זי נישט פארשטאנען. ער האָט געמײנט, אז גאָלד, רײכ־טום, ציערונג איז אלעס. אָבער זי — װהעה! זי האָט געשמאכטעט נאָך רײנער ליעבע, נאָך צערטליכקײט, נאָך אביסעלעה גליק! און זי האָט געװאָלט געניסען פון דעה ליעב־עה. א. א. װ.

אנגליציזמען

א

איינגעטריועט — — — — — — — איינגעאיבט, צוגעוואוינט

איסט־סייד — — — — מזרח־זייט, דער אידישער קווארטאל

אויל־קענדעל — — — — — — — — עהל־בלעכעל, עהל־שפריצער

אַקשען — — — — — — — — — — — — ליציטאציע

אדווערטייזמענט, אדווערטייזט — — — רעקלאם, רעקלאמירט

אָרדערען — — — — — — — — — — — — באַשטעלען

אייז־באקס — — — — — — — — — — — — אייז־קאסטען

אלבעטשע (אי וויל בעט יו) — — איך וועט זיך מיט אייך

אויפגעפיקסט — — — — — — איינגעאָרדענט, צורעכטגעמאַכט

אָפּטאון — — — — — — — — — אויבערשטער שטאָט־טייל

ארטיקעלס — — — — — — — — — — — ארטיקלען

אינדיווידזשום (פארגרייזט פון אינדיווידיאום) — — יחיד

איצע נאָף („איט איז ענאָף") — — — — ס'איז גענוג

ארומצומופען — ארויסצוציהען פון איין אָרט צום אנדערן

איידזשענט — — — — — — — — — — — — אַגענט

איי'ל טעל יו — — — — — — — — — איך וועל דיר זאָגען

אויסגעפאָרגישט — — — — — — — — — אויסגעמעבלירט

אָווערטיים — — אויבערצייט (אז מ'ארבייט מעהר ווי די געוועהנליכע שטונדען)

ב

באָדערען — — — — — — — — — — — — —עסק'ן, נודיען

באקסעל — — — — — — — — — — — — — א קעסטעל

באָסטען — — — — — — — — — — — — פלאצען, אָנזעצען

באָטאָנהאָלמייקער — — איינער וואָס מאכט קנאָפּ־לעכלעך

בראָקערס — — — — — גרויס־אגענטען, אקציען־אגענטען

באָרדינפעל (באָארד אוו העלטה) — — געזונדהייטס־קאָמיסיע

ביזי — — — — — —באשעפטיגט, פארנומען, א געלאָף

בארבער — — — — — — — — — — — פאריקמאכער, ראזירער

באָיטשיקעס — — — — — — — — — — — — אינגלעך

באָרדענס (מילך) — באָרדען, א באקענטע מילך־פירמע אין ניו יאָרק

באָטעל — — — — — — — — — — — — — — פלעשעל

ביקאָז — — — — — — — — — — — — — מחמת, ווייל

בייבי — — — — — — — — — — — עופה'לע, א פיצעל קינד

בלעקדזשעק — א שטיק אייזען מיט וועלכען רויבער דער־שלאָגען א מענשען

באָלאָט־באקסעס — — — — — — — — — — שטים־קעסטלעך

בעדזשעס — — לאָץ־באציהונג מיט אן עמבלעם פון א פארטיי אָדער פאראיין

בלאָף — — — — — — — — — — — — ליגען, שאַכער־מאַכער

בארגיין — — — — — — — — — — — — — — מציאה

ביזנעס — — — — — — — — — — געשעפט
בעהייווט זיך — — — — — — פירט זיך אויף ליידיש

ג

גוד־באי — — — — — — — — — — — אדיע
גלייכען — — ליעב האבען (אין ניו יארקער גאסען־אידיש)
גודיוועניעק — — — — ((גוד איווענינג) גוטנאווענד
גימידימאני (גיוו מי די מאני) — — — גיב מיר ס'געלט
גודנאיטאל (גוד נאיט אלל) — — א גוטע נאכט אלעמען
גראסערימאן — — — — — — — — שפייז־געוועלבניק

ד

דזשאב — — — — — — — — — — — א שטעלע
דזשעניטאר — — — — — — — — — — הויז־אויפפאסער
דאטסראיט (דהעט איז רייט) — — — דאס איז ריכטיג
דעליווערט די גודס — געליפערט די סחורה (נישט אפגע־נארט)
דאנט באדער מי — — — — — — — גודיעט מיך נישט
דראגעסמאן (דראגס־מען) — — — — — אפטייקער
(א)דעפאזיט — די סומע געלט, וואס מ'לעגט אין א באנק. אנ'אויפדערויף
דו מי סאמטהינג — — — — — — — — טו מיר עפעס
דעליקאטעסען — — ווורשט־ווארג, געריכערטע פליישען
דאנטשע בעליוויט (דאנ'ט יו בעליוו איט) — גלויבט עס נישט

ה

האט־טשאקאלאד — — — — — — — — הייסע שאקאלאדע
האלסייל־גראסערי — — — — — — אנגרא־שפייז־געשעפט
הוזדע (הו איז דער) — — — — — — ווער איז דארט
האריאפ — — — — — — — — — — איול דיך צו
האל־לאט — — — — — — — — — — א סך, א שלל
הערעדיטי — — ארבשאפט, א טבע וואס געהט איבער בירושה

וו

ווערל — — — — — — — — — — — — נו יא, נע
וועיטער — — — — — — — — — — — קעלנער
וואטשען — — — — — — — — — — — היטען
וועסט־סייד — — — — — — — — — מערב־זייט
ווהאדידזשיוויש (ווהאט דיד יו וויש) — וואס האט איהר עפעס געוואלט
וואוטען — — — — — — — — — — — שטימען
ווהטיהעל איט'ס נא יוז קיקינג (אין וואולגארען ענגליש) — וואס וועט העלפען ס'בריקען זיך צום טייפעל.
ווהאטשוכייקאליט (ווהאט יו מעי קאלל איט) — ווי איהר רופט עס דארט
ווהאט קען יו עקספעקט — — וואס קענט איהר ערווארטען

ט

טהענק יו — — — — — — — — — — א דאנק אייך
טאמיטאס — — טאמאטען, פאטליזשאנקעס אוגערקע־עפעל

טענעמענט־הויז — פּיעלשטאָקיג וואוין־הויז אין אָרימען טייל פון שטאָט
טרעקס — שינעס, רעלסען
טראָמבעניקעס (אין ניו יאָרקער גאַסען־אידיש) — פּוסטע־און פּאַסניקעס
טשאַריטיס — צדקה־אנשטאלטען
טשיקען — הוהן
טענדערלאָין־סטעיק — אזא טייערער ביף־שטעק
טשיוני־קלאָזעט — זילבער שאַפע
טריקס — קונצען, פּאָרטלען
טאָפּ־פלאָר — העכסטער שטאָק
טראָסטיס — באַגלויבטע
טרעזשורערס — די וואָס האָבען די אויפזיכט אויף'ן געלט פון א פאראיין
טראָבעל — אַ שטיקעל צרה, צרות

ל

לעקטשור — לעקציע, פּאָרטראָג
לעקטשורער — לעקטאָר
לאונדרי — וועשעריי
לעם־טשאָפּס — קאָטלעטען פון לעמעל־פליייש
לייברערי־סעט — א גארניטור מעבעל פאר אַ ביבליאָטעק־צימער
לעקטרי־טשער (עלעקטריק טשער) — עלעקטרישע שטול צו טויטען פארברעכער
לאָנטש־קעסטעל — אַ קעסטעל אין וועלכען אנ'ארבייטער טראָגט מיטאג
לידיעס־פינגער (דאמען־פינגער) — אזא געבעקס פאר קינדער

מ

מאָלטעד מילך — געמאַלצטע מילך (אזא געטראנק)
מעטשעס — שוועבעלעך
מאַטשאַבלאַידזשט (מאָטש אָבליידזשד) — זעהר דאנקבאר
מענטעל־פּיעס — קאמין געזימס
מאָנקי ביזנעס — מאַלפּישע שטיק
מענעדזשער — פארוואלטער
מאַנדזשעראָמביזנעס (מאַינד יור און ביזנעס) — פארנעמט זיך מיט אייערע אייגענע געשעפטען

נ

נאָנסענס שבנאנסענס — אונזין שבאונזין
נעווער מיין (נעווער מיינד) — זאָרג נישט, זאָג עס נישט, ס'מאַכט נישט אויס
נאָ סער — ניין, מיין הערר

ס

סטאָק (שעהרס) — אקציעס
סטאָרקע (סטאָר) — געוועלבעל (געוועלב)

סטאַרקיפּער — — — — — — — — — — — — געוועלבניק
סטריט־קליניגג־דעפּארטמענט — גאסען־ריינעגונג־דעפּארטאַ־
מענט
סוקסעס — — — — — — — — — — — — — ערפאָלג
סעמפּעלס — — — — — — — — — — — — מוסטערן
סעלערי־טשעניק — — — — — — — אזא מין וואסער־געטראַנק
סעי — — — — — — — — — — — — — זאָג נאָר
סטויק — — — — — — — — — — — — ביק־שטעק
סעט — — — — — — — — — — — — — א רומעל
סטיק — — — — זיך האַלטען ביי... נישט אָפּטרעטען פון...
ספּעשעל פּאָליסמאַן — — — — — — פּריוואַט פּאָליציסט
סאַטיספּעקשאָן — — — — — — — סאַטיספּאַקציע
ספּעלט (טו ספּעל) — — — — — לעגט אוים (אויסלעגען)
סקידו (אין אמעריקאנישען גאסען־ענגליש) — אַנטלויף,
טראָג זיך אָפּ
סעמעטערי — — — — — — — — — הייליג אָרט, בית עולם
סאָנעוואַגאָן (סאָן אוו עי גאָן) — זוהן פון א ביקס, אזא זוי־
דעלוואָרט.
סטריקטלי ראַיעל — — — — — — — — — שטרענג ראַיעל
סייז — — — — — — — — — — — — — — נומער
ספּעשעל־דעליווערים — ליפער־אויף־גיך־בריעף (אַ פּאָסט מע־
טאָדע מיט עקסטרא פּאָרטאָ פאַר שנעלען ליפערען)
סלעק — שוואַך, קנאַפּ (די צייט ווען ס'איז דאָ קנאַפּ ארבייט)

ע

עקספּיריענס — — — — — — — — — — — ערפאַהרונג
עקספּענסעס — — — — — — — — — — — — הוצאות

פּ

פּרטיקלע (פּארטיקולאַר) — — — — — — גענוי, פּינקטליך
פּלענטי — — — — — — — — — — — — — גענוג
פּלאָמבער — — — — — — — — — איינער וואָס לעגט רעהרען
פאַר וואסער ליטונג
פּושקאַרט פּעדלער — א גאסענהענדלער מיט אַ שטופּוועגעלע
פּליין — — — — — — — — — — — — — — פּראָסט
פּעני — — — — — — — — — — — — א סענט, א גראָשען
פּראָפּאָזישאָן — — — — — — — — — פּראָפּאָזיציע פּאָרפלאַן
פּאָליסי — — — — — — — — — — פּראָגראַם, מעטאָדע
פּיטשער — — — — — — — — — — — — — — — קרוג
פּאַסטראַמע — — — — — — — — אזא געריכערט פלייש
פּעטענט־מעדיצינס — — — — — — פּאַטענטירטע מעדיצינען
פּאַסטעלקאַרדס — — — — — — — — — פּאָסטעלקאַרטלעך
פּיקעלס — — איינגעזויערטס, איינגעזויערטע אוגערקעס
פּינאַטס — — — — — — — — — — — — — — ארבעס־ניס,
פּיקטשע — — — — — — — — — — — — — — — בילד
פּאַרלאָר־סעט — — — — — — — א גארניטור גאַסט־שטוב־מעבעל
פּייפּערס — — — — — — — — — — — — — — צייטונגען
פּיק־פּאָקעטס — — — — — — — — — — — קעשענע־גנבים
פּאַינטעלע (פּאינט) — — — — א מאָס פאַר פליסיגע זאכען
פּעקעדזש — — — — — — — — — — — — — — א פּעקעל

אינהאלט:

וועגען ביכער:

די מענשליכע נאטור — 5
מענדעלע מוכר ספרים — 11
יהואש — 17
אברהם רייזען — 29
יוסף יפה — 41
חרוב'ע וועלטען — 49
יוסף ראלניק — 55
מנחם — 61
הערצאג ד'אברוצי — 65
מאני לייב — 71
פינף הונדערט יאהר אידישע פאעזיע — 84
וועלט איין, וועלט אוים — 90

וועגען טעאטער:

מלחמה־כלות — 101
פאר איהרע קינדער — 105
העדא גאבלער — 110
דער גייסט פון שטאדט — 117
טיר נומער 3 — 122
דער אידישער גלויבען — 128
אפ־טאון און דאון־טאון — 134
די וועלט אין פלאמען — 139
„קארען" — 144
מאטקע גנב — 152
פארלוירענע יוגענד — 157
דער פרייז פון זינד — 162
מלחמה־מאמעס — 166
די שקלאפען פון פאלק — 170
„ווער איז דער טאטע" ? — 174
"Nju" — 184
אייביגע זינד — 184

אנגליציזמען.